STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03128

DER RADIKALER KOMUNIZM

Vladimir Ilich Lenin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער „ראַדיקאַלער" קאָמוניזם

די קינדער־קראנקהייטען פון דער קאָמוניסטישער באוועגונג

פון ניקאָלאַי לענין

אידיש פון

מ. און ר. האָלטמאַן

פארלאג „קאמף".

אינהאלט:

1. אין וועלכען זינען קאָן מען רעדען וועגען דער אינטערנאציאָנאלער באדייטונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע? — — — — — — — — — — — — — 3

2. פארוואס זיינען די באָלשעוויקעס ערפאָלגרייך? — 7

3. די וויכטיגסטע עטאַפּען אין דער געשיכטע פון באָלשעוויזם — — — — — — — — — — — — — 12

4. אין קאמף מיט וועלכען שונא אין דער ארבייטער באוועגונג גופא איז דער באָלשעוויזם אויסגע־וואקסען, פארשטאַרקט און פארהארטעוועט גע־ווארען? — — — — — — — — — — — — — 20

5. דער „ראדיקאלער" קאָמוניזם אין דייטשלאנד — 33

6. זאָלען רעוואָלוציאָנערען ארבייטען אין רעאקציאָ־נערע טרייד־יוניאָנס? — — — — — — — — — 44

7. דארף מען זיך באַטייליגען אין בורזשואזען פארלאמענט? — — — — — — — — — — — 58

8. „קיינע קאָמפּראָמיסען" — — — — — — — — — 73

9. דער „ראדיקאלער" קאָמוניזם אין ענגלאנד — — 91

10. איניגע שליסע — — — — — — — — — — — 111

נאָכוואָרט — — — — — — — — — — — — 133

.1

אין וועלכע זינען קען מען ריידען וועגען דער אינטערנאַציאָנאַלער באדייטונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע?

אין די ערשטע מאָנאַטען, נאָך דעם ווי דער רוסישער פראָלעטאַריאַט האָט פאַרכאַפּט די פּאָליטישע מאַכט (7טען נאָוועמבער, 1917), האָט זיך געקענט אויסדוכטען, אז צוליעב דער אָפּגעשטאַנענקייט פון רוסלאַנד אין פארגלייך מיט די מערב אייראָפּעאישע לענדער, וועט די רעוואלוציע אין אָט די לענדער זיין ווייניג ענליך צו דער רוסישער. איצט, ווען מיר האָבען אַ רעכט ביסעל ערפאהרונג, קענען מיר מיט גענויער באשטימטהייט זאגען, אז אייניגע גרונדשטריכען פון אונזער רעוואלוציע האָט ניט קיין ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע, רוסישע, נאָר גראדע אן אינטערנאציאנאלע באדייטונג. איך רייד דאָ ניט פון דער אינטערנאציאנאלער באדייטונג אין ברייטען זין פון וואָרט: איך זאָג ניט, אז אַלע גרונדשטריכען און פיעלע ווייניגער וויכטיגע שטריכען פון אונזער רעוואלוציע זיינען פון אינטערנאציאנאלער באדייטונג אין דעם זינען, וואס זי קען האָבען א ווירקונג אויף אלע לענדער; ניין, איך מיין דאָס אין דעם ענגסטען זינען פון ווארט, דאס הייסט, ווען מען פארשטעהט אונטער דעם אויסדרוק „אינטערנאציאנאלע" באדייטונג די אונפארמיידליכע ווידערהאָלונג פון אזא איבערקעהרעניש אין אלע לענדער, ווי עס איז געוועזן ביי אונז, מוז מען באטראכטען די גרונדשטריכען פון אונזער רעוואלוציע פון אן אינטערנאציאנאלער באדייטונג.

עס וואלט נאטירליך געווען א גרויסער פעהלער צו אי־בערטרייבען אט דעם אמת, און עס אויסצושפרייטען מעהר ווי אויף אייניגע גרונדשטריכען פון אונזער רעוואלוציע. עס וואלט אויך געווען א פעהלער ניט אנצואווייזען, אז נאך דעם זיעג פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע קען איינע פון די פארטגעשריטענע לענדער זיך דערהויבען צו אזא הויכער מדרגה, אז גראדע רוסלאנד, די איצטיגע פיהרערין, קען ווי־דער ווערען איינע פון די אפגעשטאנענע (אין סאציאליסטי־שען און סאוועטישען זין) לענדער.

אין איצטיגען היסטארישען מאמענט אבער איז די לאגע אזא, אז רוסלאנד קען פאר אלע אנדערע לענדער דיענען אלס א פארבילד, אנווייזענדיג עפעס וויכטיגעס און אונפאר־מיידליכעס אין זייער אייגענער נאהענטער צוקונפט. אין אלע לענדער האבען דאס די פארגעשריטענע ארבייטער פאר־שטאנען—אין פילע פעלע ניט אזוי פיל פארשטאנען ווי זיי האבען דאס דערפיהלט מיט דעם אינסטינקט פון א רעוואלו־ציאנערען קלאס. פון דעם נעהמט זיך די אינטערנאציאנאלע „באדייטונג” (אין ענגען זין פוןווארט) פון דער סאווע־טען־מאכט, ווי אויך די גרונדלאגע פון דער באלשעוויסטישער טעאריע און טאקטיק. דאס האבען די „רעוואלוציאנערע” פיהרער פון צווייטען אינטערנאציאנאל — די קאוטסקי׳ס אין דייטשלאנד, אטא באוער׳ס און פרידריך אדלער׳ס אין עסטרייך — ניט פארשטאנען, און האבען זיך דארום ארויס־געוויזען אלס רעאקציאנערען, פארטיידיגער פון געמיינסטען אפארטוניזם און סאציאל־פאררעטער. נאך מעהר קלאהר זעהט זיך ארוים דער גאנצער געדאנקען־גאנג, ריכטיגער, דער גאנצער אפגרונד פון געדאנקענלאזיגקייט, קליינליכקייט, גע־מיינהייט און פארראט צו די אינטערעסען פונ׳ם ארבייטער קלאס אין דער אנאנימער (אהן אן אונטערשריפט) בראשורע „די וועלט־רעוואלוציע”, וואס איז ערשינען אין וויען, 1919 — דאס אלץ אינ׳ם נאמען צו „פארטיידיגען” די אי־דעע פון דער „וועלט־רעוואלוציע”.

וועגן דער ברַאשורע ווילן מיר אין אַנאַנדער אָרט נאָך מער רעדן. דאָ ווילן מיר נאָר איין זאַך אונטערשטרייכן: מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, ווען קאַוטסקי איז נאָך געווען אַ מאַרקסיסט און ניט אַ רענעגאַט, און ווען ער האָט אַלס היסטאָריקער אויפגענומען די פראַגע, האָט ער פאָראויסגעזעהן די מעגליכקייט פון אַזאַ סיטואַציע, וואו דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט וועט דינען אַלס מוסטער פאַר מערב אייראָפּאַ. דאָס איז געווען אין 1902, ווען קאַוטסקי האָט פאַרעפנטליכט אין דער רעוואָלוציאָנערער „איסקראַ" דעם אַרטיקל „די סלאַווען און די וועלט־רעוואָלוציע". אין דעם דאָזיגן אַרטיקל האָט ער געשריבן:

„איצט (אין געגנזאַץ צום יאָהר 1848) קען מען אָננעהמען, אַז ניט נאָר זיינען די סלאַווען אַריינגעטראָטן אין די רייהען פון די רעוואָלוציאָנערע פעלקער, זאָנדערן דער שווערפּונקט פון רעוואָלוציאָנערן געדאַנק און רעוואָלוציאָנערער טאַט געהט וואָס ווייטער אַלץ מעהר איבער צו די סלאַווען. דער רעוואָלוציאָנערער צענטער גיט זיך אַ רוק פון מערב צו מזרח. אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט איז ער געלעגן אין פראַנקרייך, פאַר אַ קורצער צייט אין ענגלאַנד. אין יאָהר 1848 איז דייטשלאַנד אַריינגעטראָטן אין די רייהען פון די רעוואָלוציאָנערע נאַציאָנען. דאָס נייע יאָהרהונדערט פאַנגט זיך אָן מיט אַזעלכע געשעהענישן, וואָס רופן אַרויס דעם געדאַנק, אַז מיר קומען אַנטקעגן אַ ווייטערדיגן רעוואָלוציאָנערן צענטער — דאָס איז רוסלאַנד... רוסלאַנד, וואָס האָט געשעפּט אַזוי פיל רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיווע פון מערב, איז אפשר איצט רייף צו ווערן פאַר די דאָזיגע נאַציאָנען אַ קוואַל פון רעוואָלוציאָנערער קראַפט. די פאַנאַנדערגעוויקלטע רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט אפשר ווערן איינע פון די מעכטיגע מיטלען אַרויסצוטרייבן דעם גייסט פון איינגעוואָרצלטער פיליסטעריי (מעסטשאַנסטוואָ) און פּאָליטיק

פון אפגעזונדערטע גרופעס, וואס האט אנגעהויבען זיך אזוי צו פארשפרייטען אין אונזערע רייהען, און וועט אויפבלא־זען פון דאס נייע דעם פלאם פון קאמפסלוסט און אפפערוויליגקייט פאר אונזערע גרויסע אידעאלען.

„רוסלאנד האט שוין פון לאנג אן אויפגעהערט צו זיין פאר מערב־איירא פא אן איינפאכע פעסטונג פון רעאקציע און זעלבסטהערשאפט. איצט איז אפשר פארקעהרט. מיט'ן צאר וואלטען די רוסישע רעוואלוציאנערען שוין אפשר פון לאנג פארטיג געווארען, ווען זיי וואלטען אין דער זעלבער צייט ניט באדארפט קעמפען געגען זיינע אליאירטע — דעם אייראפעאישען קאפיטאל. לאמיר האפען, אז עס וועט זיך זיי איינגעבען פארטיג צו ווערען מיט ביידע שונאים, און אז דער נייער „הייליגער אליאנס" וועט נאך שנעלער צוזאמענפאלען, ווי דער פריהערדיגער. אבער מיט וואס איז דער איצטיגער קאמף אין רוסלאנד זאל זיך ניט ענדיגען, איין זאך איז קלאהר: אז דאס בלוט און ליידען פון די מארטירער, וועלכע זי האט ליידער מעהר ווי גענוג ארויסגעוויזען, וועט ניט געהן פארפאלען. זיי וועלען באפרוכטען דעם גאנג פון דער געזעלשאפטליכער איבערקעהרעניש איבער דער גאנצער וועלט, און וועלען דורכדעם מאכען איהר וואוקס רייכער און שנעלער. אין יאהר 1848 זיינען די סלאווען געווען דער בייזער פראסט, וואס האט געטויטעט די פריהלינגס בלימעלעך. אפשר איז זיי איצט באשערט צו ווערען יענער שטורמווינט, וואס וועט ברעכען דאס אייז פון דער רעאקציע און וועט ברייגנען צו די פעלקער א נייעם גליקליכען פריהלינג."

.2

פאר וואס זיינען די באָלשעוויקעם ערפאָלגרייך ?

(איינע פון די הויפטבאדינגונגען.)

וואהרשיינליך זעהט שוין איצט יעדערער איין, אז די באלשעוויקעם וואלטען ניט געקענט אָנהאלטען זייער מאכט ניט נאר קיין צוויי מיט א האלבען יאהר, נאָר אפילו ניט קיין צוויי מיט א האלבען מאָנאט אָהן דער שטרענגסטער אייזערנער דיסציפלין אין אונזער פארטיי, אָהן דער פולער אומבאגרענעצטער אונטערשטיצונג פון דער גאנצער מאסע פון דעם ארבייטער קלאס, ד. ה. דורך אלץ וואס איז אין דעם דאזיגען קלאס דענקענד, עהרליך, אפפערוויליג, איינפלוסרייך און פעהיג מיטצושלעפען מיט זיך די אפגעשטאנענע טייל‏ען פון דער באפעלקערונג.

די דיקטאטור פון פראלעטאריאט איז דער הארטסטער, שטארקסטער, אונברחמנות'דיגער קריעג פונ'ם נייעם קלאס נעגען דעם מעכטיגען שונא. דער ווידערשטאנד פון דער בורזשואזיע ווערט פארצעהנפאכט דורך דעם, וואס זי ווערט ארונטערגעזעצט (ווען אפילו נאָר אין איין לאנד); און איהר מאכט באשטעהט ניט נאָר אין דער מאכט פון אינטערנאציאָנאלען קאפיטאל, אין דער שטארקייט און פעסטקייט פון די אינטערנאציאנאלע באציהונגען פון דער בורזשואזיע, נאָר אויך אין דער מאכט פון געוואוינהייט, אין דער מאכט פון דער קליינאינדוסטריע, ווייל די קליינאינדוסטריע איז צום באדויערען נאָך זעהר, זעהר גרוים אין דער וועלט;

אבער די קליינאינדוסטריע ברייננט ווידער צום לעבען דעם קאפיטאליזם און די בורזשואזיע. צוליעב אט די אורזאכען איז די פראלעטארישע דיקטאטור נויטווענדיג, און דער זיעג נעגען דער בורזשואזיע איז אונמעגליך אהן א לאנגען, פאר־צווייפעלטען קאמף אויף לעבען און טויט — א קאמף, וואס פאדערט זעלבסטבאהערשונג, דיסציפלין, פעסטקייט און ווי־לענסאיינהייט.

איך זאג נאך א מאל, אז די ערפאהרונג פון דער זיעג־רייכער פראלעטארישער דיקטאטור אין רוסלאנד האט קלאר באוויזען די, וואס זיינען ניט פעהיג צו דענקען, אדער די וואס האבען זיך איבערהויפט ניט פארטראכט וועגען דער פראגע, אז איינע פון די הויפט־באדינגונגען פאר דעם זיעג איבער דער בורזשואזיע זיינען: אן אונבאדינגטע צענטראליזא־ציע און א שטרענגע דיסציפלין.

וועגען דעם רעדט מען אפט. מען טראכט זיך אבער נאך לאנג ניט גענוג אריין, וואס דאס מיינט, אונטער וועל־כע באדינגונגען דאס איז מעגליך. וואלט מען ניט באדארפט צוזאמען מיט די אפטע לויב־געזאנגען פאר דער סאוועטען־מאכט און די באלשעוויקעס זיך ערנסט פאנאנדערקלייבען אין די אורזאכען, פארוואס די באלשעוויקעס האבען געקענט איינפונדעווען אין דעם רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט אזא שטארקע דיסציפלין? דער באלשעוויזם עקזיסטירט אלס א שטרעמונג פון פאליטישען געדאנק און אלס א פאליטישע פארטיי זינט 1903. נאר די געשיכטע פון באלשעוויזם, וואס נעהמט ארום דעם גאנצען פעריאד פון זיין עקזיסטענץ, קען גענוג ערקלעהרען, פארוואס ער האט אונטער די שווערסטע אומשטענדען געקענט באשאפען און שטארק צוזא־מענהאלטען די אייזערנע דיסציפלין, וואס איז געווען נויט־ווענדיג פאר דעם זיעג פון פראלעטאריאט.

פריהער פאר אלץ שטעלט זיך דא ארויף די פראגע: דורך וואס האלט זיך אויף די דיסציפלין פון דער רעוואלוציאנע־רער פארטיי פון פראלעטאריאט? ווי אזוי ווערט זי קאנטרא־

לירט? דורך וואָס ווערט זי פאַרשטאַרקט? ערשטענס, דורך דער קלאַסען־באַוואוסטזיניגקייט פון דעם פּראָלעטאַרי־שען אַוואַנגאַרד און זיין איבערגעבענהייט דער רעוואָלוציע, זיין זעלבסטבאַהערשונג, זעלבסטאָפּאָפּפערונג, זיין העל־דישקייט. צווייטענס, דורך דעם, וואָס ער פאַרשטעהט ווי זיך צו פאַרבינדען מיט די אַרבייטער מאַסען, פריהער פאַר אַלץ מיט די פּראָלעטאַרישע, אָבער אויך מיט די ניט־פּראָ־לעטאַרישע, צו ווערען ענג פאַרבונדען און ביז אַ געוויסען גראַד אפילו צוזאַמענשמעלצען זיך מיט זיי. דריטענס, דורך דער ריכטיגער פּאָליטישער פיהרערשאַפט, וואָס ווערט פון דעם דאָזיגען אַוואַנגאַרד פאַרווירקליכט, דורך דער ריכטיגקייט פון זיין פּאָליטישער סטראַטעגיק און טאַקטיק, מיט דער באַדינ־גונג, אַז די ברייטע מאַסען זאָלען זיך איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט דורך זייער אייגענער ערפאַהרונג. אָהן די דאָזיגע באַדינגונגען מוז די דיסציפּלין אין דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלכע איז ווירקליך פעהיג צו זיין די פּאַרטיי פון׳ם רעוואָלוציאָנערען קלאַס, וואָס דאַרף אָראָפּוואַרפען די בורזשואזיע און איבערבויען די גאַנצע געזעלשאַפט אויף נייע יסודות, דורכמאַכען אַ געוויסע ערפאַהרונג. אָהן אָט די באַדינגונגען פאַרוואַנדלען זיך אונפאַרמיידליך די פּראָבעס איינצושטעלען דיסציפּלין אין אַ גאָרנישט, אין אַ פראַזע, אין אַ קאָמעדיע. פון דער אַנדערער זייט, קענען אָט די באַ־דינגונגען ניט באַשאַפען ווערען מיט אַמאָל. דאָס ווערט גע־בויט דורך לאַנגזאַמער ארבייט, דורך שווערער ערפאַהרונג, און איהר ענטוויקלונג ווערט נאָר פאַרלייכטערט דורך דער ריכטיגער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע, וואָס איז פאַר קיין פאַל ניט קיין דאָגמאַ, נאָר וואָס נעהמט אָן איהר ריכטיגע געשטאַלט אין ענגען צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראַקטיק פון דער ווירקליכער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויב דער באָל־שעוויזם האָט זיך געקענט באַפעסטיגען אין 1917—1920 אונטער די שווערסטע באַדינגונגען און ערפאָלגרייך פאַר־ווירקליכען די שטרענגסטע צענטראַליזאַציע און אייזערנע

־יסציפלין, געפינען מיר די אורזאכע פון דעם איינפאך אין דוסלאנד'ס היסטאָרישע אייגענטימליכקייטען.

פון איין זייט איז דער באָלשעוויזם אין 1903 אוועק־געשטעלט געוואָרען אויף דעם פעסטען באזיס פון דער מארקסיסטישער טעאָריע. די ריכטיגקייט פון דער דאָזיגער — און טאקע נאָר פון דער דאָזיגער רעוואָלוציאָנערער טע־אָריע — אָבער איז ניט נאָר באוויזען געוואָרען דורך דער ער־פאהרונג פון גאנצען 19טען יאָהרהונדערט, דורך די ערפאה־רונגען פון טעות'ען און ניט באשטענדיגקייט, די פעהלערן און ענטוישונגען פון רעוואָלוציאָנערען געדאנק אין רוס־לאנד. אין פארלויף פון א האלבען יאָהרהונדערט, אונגע־פעהר זייט די פערציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונ־דערט, האָט דער פאָרטגעשריטענער געדאנק אין רוסלאנד, וואָס איז געשטאנען אונטער דעם דריקענדען רעאק־ציאָנערען יאָך פון צאריזם, געזוכט מיט ליידענשאפט א ריכ־טיגע רעוואָלוציאָנערע טעאָריע און האָט, מיט מערקווירדי־גען אָפפער, מיט גרויס לוסט און איבערגעבענהייט נאָכגע־פאָלגט אויף אָט דעם געביעט יעדעם „לעצטע וואָרט" פון איירָאָפּא און אַמעריקא. נאָכדעם ווי רוסלאנד האָט א האל־בען יאָהרהונדערט נאָכאנאנד איבערגעלעבט א געשיכטע פון אונערהערטע ליידען און קרבנות, פון אונערהערטער רעוואָ־לוציאָנערער העלדישקייט, פון אונגלויבליכען ענערגישען און גרענעצלאָזען זוכען, שטודירען, פראקטישען פאָרשען, א גע־שיכטע פון ענטוישונגען, פראָבעס, פארגלייכונגען מיט די ערפאָהרונגען פון איירָאָפּא, — נאָכדעם אלעם האָט רוסלאנד אָנגענומען דעם מארקסיזם אלס די איינציגע ריכטיגע רעוואָ־לוציאָנערע טעאָריע. א דאנק דער עמיגראציע, וואָס דער צאריזם האָט ארויפגעצוואונגען אויפ'ן רעוואָלוציאָנערען רוס־לאנד אין דער צווייטער העלפט פון דעם 19טען יאָהרהונ־דערט, איז דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאנד רייך געוואָרען אין אינטערנאציאָנאלע פארבינדונגען, האָט זיך אזוי אויסגעצייכענט אָריענטירט (פאנאנדערגעקליבען) אין די פאָרמען און

מעאָריען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווי קיין אַנ־דער לאַנד אין דער וועלט האָט דאָס ניט באַוויזען.

חוץ דעם האָט דער ענטשלאָסענער באָלשעוויזם, וואָס האָט זיך באַפעסטיגט אויף דעם דאָזיגען שטיין־שטאַרקען טעאָרעטישען פונדאַמענט, דורכגעמאַכט אַ פופצעהניעהריגע (פון 1903 ביז 1917) פּראַקטישע געשיכטע, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכען ניט בנוגע רייכקייט אין ערפאַהרונג.

ווייל קיין איין לאַנד האָט אין די דאָזיגע 15 יאָהר ניט דורכגעמאַכט אַזוי פיעל ווי רוסלאַנד אין דעם זינען פון רעוואָלוציאָנערער ערפאַהרונג, אין דער שנעלקייט, אין דעם בייטען זיך פון פאַרשיעדענע פאָרמען פון דער באַוועגונג: לעגאַלע און אומלעגאַלע, פריעדליכע און שטורמישע, אונטעראירדישע און אָפענע, פּאַרלאַמענטאַרישע און טעראָריסטישע, אַ קליינע גרופּען־באַוועגונג און אַ ברייטע מאַסען־באַוועגונג. אין קיין לאַנד איז אין אַזאַ קורצער צייט ניט קאָנצענטרירט געוואָרען אַזאַ רייכקייט אין פאָרמען, שאַטי־רונגען און מעטאָדען פון קאַמף פון אַלע געזעלשאַפטליכע קלאַסען, דערצו נאָך אַ קאַמף, וואָס איז, צוליעב דער אָפּגע־שטאַנענקייט פון לאַנד און צוליב דעם אויפגעהויערען יאָך פון׳ם צאַריזם, ספּעציעל שנעל רייף געוואָרען, האָט באַזונ־דערס ערפאָלגרייך אָנגענומען דאָס „לעצטע וואָרט" פון דער אַמעריקאַנער און אייראָפּעאישער פּאָליטישער ערפאַהרונג.

3

די וויכטיגסטע עטאַפּען אין דער געשיכטע פון באָלשעוויזם.

די יאָהרען פון 1903 ביז 1905 זיינען געווען די פאַרבאַרייטונג יאָהרען פאַר דער רעוואָלוציע. אומעטום פיהלט זיך די נאָהענטקייט פון דעם גרויסען שטורם. עס פיהלט זיך אין אַלע קלאַסען אַן אונרוהיגקייט און אַ צוגרייטען זיך צו עפּעס. אין אויסלאַנד ווייזט אָן די עמיגראַנטען־פּרעסע טעאָרעטיש אַלע גרונד־פראַגען פון דער רעוואָלוציע. די פאַרטרעטער פון די דריי הויפּט־קלאַסען, פון די דריי וויכטיגע שטרעמונגען — פון די ליבעראַל־בורזשואַזע, קליינבירגערליך־דעמאָקראַטישע (די, וואָס טראָגען זיך אַרום מיט דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַטישען” און „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען” שילד) און פון די פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע — לאָזען הויך הערען דורך אַ פאַרביטערטען קאַמף זייערע פּראָגראַמען און טאַקטישע אַנזיכטען וועגען דעם קומענדען אָפענעם קלאַסען־קאַמף און גרייטען זיך צו פאַר איהם. די אָפּשאַצונג פון אַלע פראַגען, בנוגע דעם באַוואַפענטען אויפשטאַנד אין די יאָהרען 1905—1907 און 1917—1920, וואָס די מאַסען האָבען געזוכט צו לייזען, קען מען (און מען מוז) נאָכפאָלגען אין דער דאַמאָלסדיגער פּרעסע. חוץ די דריי הויפּט־ריכטונגען זיינען נאָך נאַטירליך פאַראַן צווישען־פאָרמען, איבערגאַנגס־פאָרמען און האַלב־פאָרמען. ריכטיגער געזאָגט: אין קאַמף פון די אָרגאַנען, פּאַרטייען, פראַקציעס און גרופּעס וויקלען זיך אַרויס די קריסטאַלען פון יענע אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע ריכטונגען, וואָס

זיינען אין דער ווירקליכקייט קלאסען־ריכטונגען. די קלאַ־
סען שמיעדען פאר די קומענדיגע שלאַכטען זייערע נויטיגע
אידעאל־פּאָליטישע וואפען.

די יאָהרען פאר דער רעוואָלוציע (1905 ביז 1907).

אַלע קלאסען טרעטען ארויס אָפען. אַלע פּראָגראם־
אַנזיכטען און טאַקטישע אנשויאונגען ווערען קאָנטראָלירט
דורך דער אקציאָן פון די מאַסען. עס הויבט זיך אָן א
שטרייט־קאמף פון געוואַלטיגער גרויס און פארביטערטקייט;
דער עקאָנאָמישער סטרייק געהט איבער אין א פּאָליטישען,
דער פּאָליטישער סטרייק אין אַן אויפשטאנד. די פּראַק־
טישע פּראָבעם איז צו זעהן אין די באַציהונגען צווישען דעם
פיהרענדען פּראָלעטאַריאט און דעם געפיהרטען, וואַקלענדי־
גען, אונזיכערען פּויערטום. אין דער עלעמענטארער ענט־
וויקלונג פון קאמף ווערט געבאָרען די אָרגאניזאציע פון א
סאָוועטען־פאָרמע. די דאמאָלסדיגע שטרייטיגקייטען ווע־
גען דער באַדייטונג פון די סאָוועטען האָבען ווי פאָראויסגע־
זאָגט דעם גרויסען קאמף פון 1917—1920. דאָס בייטען
פון פּארלאמענטארישע פאָרמען פון קאמף מיט די ניט־פּאר־
לאַמענטארישע, פון דער טאַקטיק צו באָיקאָטירען דעם פּאר־
לאַמענט מיט דער טאַקטיק זיך יא צו באַטייליגען אין איהם,
די לעגאַלע פאָרם פון קאמף מיט דער אונלעגאַלער, איהרע
געגענזייטיגע באַציהונגען און צוזאַמענהאַנגען — דאָס אַלץ
צייכענט זיך אויס מיט א וואונדערבאַרען רייכטום פון אינ־
האלט. יעדער מאָנאט פון אָט דעם פּעריאָד איז געווען גלייך
אין דעם זינען פון אויסבילדען די מאַסען און די פיהרער, די
קלאַסען און פאַרטייען אין די גרונד־עלעמענטען פון פּאָלי־
טישער וויסענשאַפט צו א יאָהר פון „פרידליכער" און „קאָנ־
סטיטוציאָנעלער" ענטוויקלונג. אָהן דער „גענעראַל־פּראָבע"
פון 1905 וואָלט ניט מעגליך געווען דער זיעג פון דער אָק־
טאָבער רעוואָלוציע אין 1917.

די יאָהרען פון דער רעאַקציע (1907—1910).

דער צאַריזם האָט געזיעגט. עס זיינען געשלאָגען גע־וואָרען אַלע רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָזיציאָנס־פּארטייען. מוטלאָזיגקייט, דעמאָראַליזאציע, שפּאַלטונגען, פאנאנדערפאַ־לונגען, רענעגאַטסטוואָ און אויסגעלאסענהייט פארנעהמען זייער שטעלע. אָבער צו גלייכער צייט איז די גרויסע ני־דערלאַגע אַ ווירקליכע לעהרע פאַר די רעוואָלוציאָנערע פּאַר־טייען און דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַס, וואָס האָט איהם גע־געבען צו פאַרשטעהן און אויסגעלערענט די קונסט אָנצופיה־רען דעם פּאָליטישען קאַמף. פריינד דערקענט מען אין אַן אומ־גליק. צוקלאַפּטע אַרמעען לערנען אַ סך. דער זיעגענדער צאַ־ריזם איז געצוואונגען צו צושטערען זעהר שנעל די רעשטלעך פון דעם איבערגעבליבענעם פּאַטריאַרכאַלישען זאָרט לעבען. די בורזשואזע ענטוויקלונג אין רוסלאַנד געהט אָן מיט ריע־זיגע שריט. די אילוזיעס, וואָס שטעהען אויסער די קלאַ־סען און איבער די קלאַסען, די אילוזיעס וועגען אַ מעגליכ־קייט צו פאַרמיידען דעם קאַפּיטאַליזם, ברעכען צוזאַמען. דער קלאַסען־קאַמף נעהמט אָן אַ נייע און מעהר דייטליכע פאָרם.

די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען מוזען לערנען אָהן אַן אויפהער ביז צו אַן ענד. זיי האָבען געלערענט צו מאַכען דעם אָנגריף. איצט מוזען זיי פאַרשטעהן, אַז צו אָט דער וויסענשאַפט דאַרף צוגעזעצט ווערען נאָך איינע — די ווי־סענשאַפט ווי זיך צוריקציהען. זיי מוזען זיך לערנען באַ־גרייפען — און דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס לערענט דאָס פון זיין אייגענער ביטערער ערפאַהרונג — אַז מען קען ניט זיעגען, ווען מען מאָט ניט געלערענט ריכטיג ווען זיך ארויסצורוקען און ווען אָפּצוטרעטען. פון אַלע גע־שלאָגענע, אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבען די באָלשעוויקעס זייער אָפּטריט געמאַכט אין גרעס־טער אָרדנונג, מיט די קלענסטע פאַרלוסטען פון איהר „אַר־

מעע“, מיט דעם גרעסטען אָנהאַלטען פון איהר שורש, מיט די קלענסטע (בנוגע דער טיעפקייט און אונהיילבארקייט) שפאַלטונגען, מיט דער קלענסטער דעמאָראַליזאַציע, מיט דער גרעסטער פעהיגקייט אָם בעסטען, ריכטיגסטען און ענערגישסטען ווידער די ארבייט אויפצונעהמען. און ער־רייכט האָבען דאָס די באָלשעוויקעס דעריבער, וואָס זיי האָ־בען אונברחמנות'דיג פארטריבען די אַלע רעוואָלוציאָנערע פראַזען־שיסער, וואָס האָבען ניט געוואָלט באגרייפען, אַז מען מוז אָנהויבען אָפּטרעטען, אַז מען מוז פארשטעהן ווי אָפּצוטרעטען, אַז מען מוז אונבאַדינגט לערנען ווי צו אַר־בייטען לעגאַל אין די רעאַקציאָנערע פּאַרלאַמענטען, רעאַק־ציאָנערע געווערקשאַפטען, קאָאָפּעראַטיווע און פארזיכערונגס־אָרגאַניזאַציעס.

די יאָהרען פון אויפלעבונג (1910—1914).

פון אָנפאַנג איז די אויפלעבונג פאָרגעקומען זעהר לאַנג־זאַם, אָבער נאָך דער געשיכטע ביים טייך לענאַ (סיביר) אין 1912 אַ ביסעל שנעלער. דורך גרויסע שוועריגקייטען איז די באָלשעוויקעס געלונגען צוריקצושטויסען די מענשעוויקעס, וועמעס ראָלע אַלס אַגענטען פון דער בורזשואַזיע איז אנער־קענט געוואָרען אין 1905, און וועלכע זיינען אויף דעם גרונד אונטערשטיצט געוואָרען פון דער בורזשואַזיע אין קאַמף גע־גען די באָלשעוויקעס. די באָלשעוויקעס וואָלט דאָס קיין מאָל ניט געלונגען, ווען זיי וואָלטען ניט דורכגעפיהרט די ריכטיגע טאַקטיק — די טאַקטיק צו פאראייניגען די אונ־לעגאַלע ארבייט מיט דער אונבאַדינגטער אויסנוצונג פון „לעגאַלע מעגליכקייטען“. אין דער רעאַקציאָנערער דומא האָבען די באָלשעוויקעס געוואונען אויף זייער זייט די גאַנ־צע ארבייטער־קוריע.

דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער וועלט־קריעג (1914—1917).

דער לעגאַלער פּאַרלאַמענטאַריזם איז פאַר דער פּאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט, די באָלשעוויקעס, זאָ־גאַר ווען דער פּאַרלאַמענט איז דורכגעדרונגען מיט אַ רע־

אקציאָנערען גייסט, פון אַ זעהר גרויסען נוצען. די באָלשע־
וויסטישע דעפּוטאַטען ווערען פּאַרשיקט. אין אונזער עמי־
גראַנטען־פּרעסע קומען צום פולען אויסדרוק די אנשויאונגען
פון אַלע שאַטירונגען — ווי סאָציאַליזם, סאָציאַל־שאָוויניזם,
סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם, ניט אויסגעהאַלטענער און אויסגע־
האַלטענער אינטערנאַציאָנאַליזם, פּאַציפיזם און רעוואָלוציאָ־
נערע אָפּלייקענונג פון פּאַציפיסטישע אילוזיעס. די געלע־
רענטע נאַראָנים און די אַלטע ווייבער פון צווייטען אינטער־
נאַציאָנאַל, וואָס האָבען צוליעב דער גרויסער צאָהל פּראַק־
ציעס אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט פּאַר־
ביטערטקייט און פאַראַכטונג שטאָלץ פאַררייסען דעם נאָז,
זיינען ניט געווען אימשטאַנד, ווען דער קריעג האָט אין אַלע
פאָרטגעשריטענע לענדער פון זיי אַוועקגערויבט די באַזונ־
גענע „לעגאַליטעט”, אָרגאַניזירען אַזאַ פרייען (אונלעגאַלען)
מיינונגס־אויסטויש און פרייע (אויך אונלעגאַלע)
אויסאַרבייטונג פון ריכטיגע אנזיכטען, ווי ביי די
רוסישע רעוואָלוציאָנערען אין דער שווייץ און אין אַ רייהע
אַנדערע לענדער. גראַדע דעריבער האָבען זיך די סאָציאַל־
פּאַטריאָטען און די „קאַוטסקיאַנער” פון אַלע לענדער ארויס־
געוויזען פאַר די געמיינסטע פאַררעטער פון פּראָלעטאַריאַט.
און ווען דער באָלשעוויזם פון 1917—1920 האָט געזיעגט,
איז געווען איינער פון די גרונד־אורזאַכען פון אָט דעם זיעג
דער פאַקט, וואָס דער באָלשעוויזם האָט שוין זינט ענדע
1914, קיינעם ניט שאַנעוועדיג, אַראָפּגעריסען די געמיינע,
שענדליכע און נידערטרעכטיגע דעקע פון סאָציאַל־שאָוויניזם
און „קאַוטסקיאַניזם” (וואָס איז עהנליך געווען צום לאָנגעאיזם
אין פראַנקרייך און צו די אנשויאונגען פון די פיהרער פון
דער אונאָפּהענגיגער ארבייטער (אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַר־
טי), די פאַביער אין ענגלאַנד, טוראַטי אין איטאַליען א. אַ.
ו.). די מאַסען האָבען זיך אָבער שפּעטער, דורך איינענער
ערפאַהרונג אַלץ מעהר און מעהר איבערצייגט, ווי ריכטיג די
שטעלונג פון די באָלשעוויקעס איז געווען.

דער אונגלויבליך צופוילטער און פארעלטערטער צאַריזם האָט (מיט דער הילף פון די קלעפּ און די לאַסטען פון שרעקליכען קריעג) געשאַפען אַן אויסערגעוועהנליכע צורשטערונגס־קראַפט, וואָס האָט זיך געווענדעט געגען איהם גופא. אין עטליכע טעג האָט זיך רוסלאַנד פארוואַנדעלט אין א בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעפּובליק — וועלכע איז געוואָרען, אונטער די אומשטענדען פון קריעג, די פרייסטע מדינה אין דער וועלט. די רעגירונג איז געווען צוזאַמענגעשטעלט — ווי עס פיהרט זיך אין „שטרענג פּאַרלאַמענטאַרישע" שטאַאַטען — פון די פיהרער פון דער אָפּאָזיציע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. די ראָלע פון א פיהרער אין דער רעוואָלוציע איז געווען לייכטער דערמיט, וואָס זיין שטעלונג איז שוין געווען באַוואוסט פון פריהער, פון דער צייט פון זיין ראָלע, וואָס ער האָט געשפּיעלט אין דעם רעאַקציאָנערסטען פּאַרלאַמענט.

די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך אין פארלויף פון איינינע וואָכען אויסגעצייכענט צוגעפּאַסט אין אַלע מעטאָדען און מאַנערען, אין אַלע וועגען און סאָפיזמען פון די אייראָפּעאישע העלדען פון דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל, צו דער מיניסטאָרען־ליסטע און דעם איבעריגען אָפּאָרטוניסטישען געזינטעל. אַלץ, וואָס מיר לעזען איצט וועגען די שיידעמאַנער און נאָסקעס, איבער קאוטסקי און קריספּיען, איבער רענער און אויסטערליץ, אָטאָ באַוער און פריץ אַדלער, טוראַטי און לאָנגע, די פאַביער און די פיהרער פון דער אומאָפּהענגיגער ארבייטער פּאַרטיי אין ענגלאַנד—דאָס אַלץ שיינט אונז צו זיין (און איז אין דער טאַט) א לאַנגווייליגע ווידערהאָלונג, אַן אָפּקלאַנג פון א באַקאַנטען און אַלטען ניגון. די געשיכטע האָט זיך ערלויבט א שפּאַס און געגעבען די מעגליכקייט די אָפּאָרטוניסטען פון אַן אָפּגעשטאַנענעם לאַנד זיך פריהער ארויסצואווייזען, ווי די אָפּאָרטוניסטען פון די פאָרטגעשריטענע לענדער.

ווען אלע העלדען פון צווייטען אינטערנאציאָנאַל האָבען באנקראָטירט און זיך געמאַכט צו שפּאָט אין דער פראגע וועגען דער באדייטונג און דער ראָלע פון די סאָוועטען און סאָוועטען־מאַכט, און ווען די פיהרער פו די דריי זעהר וויכטיגע ארויסגעטראָטענע פּאַרטייען פון דעם צווייטען אינטערנאציאָנאַל (די דייטשע אונאָפּהענגיגע, די פראנצויזישע לאָנגעאיסטען און די ענגלישע ארבייטער פּאַרטיי) האָבען זיך נאָך מעהר געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט און זיינען צוטומעלט געוואָרען, האָבען מיר דאָ שוין פיעל פריהער געזעהן דעם ביישפּיעל מיט די מענשעוויקעס. די געשיכטע האָט זיך ערלויבט דעם שפּאַס, אַז אין רוסלאַנד זאָלען אין 1905 געבאָרען ווערען סאָוועטען, אַז זיי זאָלען געפאַלשט ווערען פון די מענשעוויקעס אין אַ משך פון פעברואר ביז אָקטאָבער 1917, און זיי, ניט זייענדיג אימשטאַנד צו באגרייפען די ראָלע און באדייטונג פון די סאָוועטען, האָבען געמוזט באנקראָטירען, און אַז איצט איז די אידעע פון די סאָוועטען געבאָרען געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט, פאַרשפּרייטענדיג זיך מיט אונערהערטער שנעלקייט צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער, וואו אַלע אַלטע פיהרער פון צווייטען אינטערנאציאָנאַל, צוליעב זייער אונפעהיגקייט, זיינען ניט אימשטאַנד צו פאַרשטעהן די ראָלע און באדייטונג פון די סאָוועטען און ליידען דארום דעם זעלבען באנקראָט ווי אונזערע מענשעוויקעס. די ערפאַהרונג האָט באוויזען, אַז אין אייניגע וויכטיגע פראַגען שטעהט אַלע לענדער פאָר דורכצומאַכען דאָס זעלבע, וואָס רוסלאַנד האָט דורכגעמאַכט.

זייער זיעגרייכען קאַמף געגען דער פּאַרלאַמענטארישער (פאַקטיש) בורזשואזער רעפּובליק און געגען די מענשעוויקעס האָבען די באָלשעוויקעס אָנגעפאַנגען זעהר פאָרזיכטיג און דורכאויס ניט אזוי איינפאַך צוגעגרייט — אין געגענזאַץ צו די אנזיכטען, וואָס מען האָט איבער דעם אין איירָאָפּאַ און אַמעריקאַ. מיר האָבען פון אָנפאַנג פון דער אויבען־דערמאָנטער צייט ניט אויפגעפאָדערט אראָפּצואווארפען די רע־

גירונג, נאָר מיר האָבען אָנגעוויזען אַז עס איז אונמעג־ליך זי אראָפּצואווארפען ביז די צוזאַמענשטעלונג און די שטימונג פון די סאָוועטען וועט ניט זיין געענדערט. מיר האָבען ניט אויפגעפאָדערט צו באַיקאַטירען דעם בורזשואזען פּאַרלאַמענט (די גרינדונגס־פארזאמלונג), נאָר מיר האָ־בען געזאָגט — זינט דער אַפּריל־קאָנפערענץ פון אונזער פּארטיי האָבען מיר געזאָגט אָפיציעל אין נאָמען פון אונזער פּארטיי — אַז אַ בורזשואזע רעפּובליק מיט אַ גרינדונגס־פארזאמלונג איז בעסער, ווי אַ רעפּובליק אָהן אַ גרינדונגס־פארזאמלונג, אָבער אַז די ארבייטער־ און פּויערים־רעפּובליק, די סאָוועטען־רעפּובליק, איז בעסער ווי וועלכע עס איז ביר־גערליך־דעמאָקראטיש־פּארלאמענטארישע רעפּובליק. אָהן אַזא פארזיכטיגער, אויספּיהרליכער, אויסגערעכענטער, לאַנג־וויילינגער פּאָרבאַרייטונג וואָלטען מיר אין אָקטאָבער, 1917, ניט נאָר ניט געזיעגט, נאָר אפילו ניט געקענט רעדען וועגען אָט דעם זיעג.

.4

אין קאַמף מיט וועלכען שונא אין דער ארבייטער באוועגונג גופא איז דער באָלשעוויזם אויסגעוואקסען, פארשטארקט און פארהארטעוועט געווארען ?

ערשטענס און הויפטזעכליך, אין קאמף געגען דעם אפּארטוניזם, וואָס איז אין יאהר 1914 ענדליך אויסגעוואקסען צום שאָוועניזם. האט זיך געשטעלט געגען דעם פראלעטאריאט און איז איבערגעגאנגען אויף זיער זייט פון דער בורזשואזיע. דאָס איז געווען נאטירליכערווייזע דער הויפּט־שונא פון באָלשעוויזם אין דער ארבייטער־באוועגונג גופא. דער שונא בלייבט נאך איצט דער הויפּט־שונא ביים אינטערנאציאָנאַלען פראלעטאריאט. דעם שונא האט דער באָלשעוויזם געשאָנקען די גרעסטע אויפמערקזאמקייט ביז צום היינטיגען טאָג. אט די טעטיגקייט פון די באָלשעוויקעס איז שוין אין אויסלאנד אויך גאנץ גוט באקאנט.

עטוואָס אנדערש מוז דאָ געזאָגט ווערען אויף אַן אַנדער פיינד אין דער ארבייטער־באוועגונג גופא. אין אויסלאנד ווייסט מען נאָך ניט פיעל, אַז דער באָלשעוויזם איז אויסגעוואקסען, האָט זיך ענטוויקעלט און פארהארטעוועט אין דעם לאנג־יעהריגען קאמף געגען דעם קליינבירגערליכען רעוואָלוציאָנערען גייסט, וואָס האָט עהנליכקייט מיט'ן אנארכיזם, אָדער האָט עפּעס פון איהם אנטליהען, וועלכער איז אָבער אין גרונד גענומען אין גאנצען פארשיעדען פון די באדינגונגען און באדערפנישען פון דעם אויסגעהאלטענעם

פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף. טעאָרעטיש איז קלאָר פאַר אַלע מאַרקסיסטען — און עס איז דורך דער ערפאַהרונג פון אַלע אייראָפּעאישע רעוואָלוציאָנערען און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען דורכאויס באַשטעטיגט געוואָרען, אַז דער קליינער אייגענטימער (א סאָציאַלער טיפּ, וואָס געפינט זיך אין אַ גרויסער מאָס אין פיעלע אייראָפּעאישע לענדער), וואָס ווערט שטענדיג אונטערדריקט פון קאַפּיטאַליזם און איז זעהר אָפט אונטערוואָרפען אונטער אַזעלכע לעבענס־באַדינגונגען, וואָס טרייבען איהם צו אַן אונברחמנות׳דיגער און אונגלויבליך שנעלער רואינע, — טרייבט איהם לייכט איבערצוגעהן צו שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער שטימונג. ער איז אָבער ניט פעהיג אַרויסצואווייזען אויסגעהאַלטענקייט, אָרגאַניזירטקייט, דיסציפּלין און פעסטקייט. דאָס איז פאַר וואָס דער קאַפּיטאַליזם שרעקט זיך פאַר דעם „אויסער זיך געבראַכטען בורזשוא" — אַ געזעלשאַפטליכע ערשיינונג, וואָס איז, ווי דער אַנאַרכיזם, באַקאַנט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די אומבאַשטענדיגקייט פון אַזאַ רעוואָלוציאָנערער שטימונג, איהר פרוכטלאָזיגקייט, איהר טבע באַלד אַריינצו־פאַלען אין נידערגעשלאָגענקייט, אַפּגעלאָזענקייט, פאַנטאַזיעס אָדער זיך מיטצושלעפּען ווי „משוגע" מיט דער אָדער יענער בורזשואַזער „מאָדע"־שטרעמונג — דאָס אַלץ איז אַלעמען באַקאַנט. אָבער דאָס טעאָרעטיש־אַבסטראַקטע פאַר־שטעהן פון די דאָזיגע אמת׳ען באַפרייט דורכאויס ניט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פון די אַלטע פעהלערען, וועלכע טרעטען אימער אַרויס אין אַ נייער פאָרם, אין אַ נייעם שלייער אונטער מעהר אָדער ווייניגער אָריגינעלע אומ־שטענדען.

דער אַנאַרכיזם איז זעהר אָפט געווען אַ מין שטראָף פאַר די אָפּאָרטוניסטישע זינד פון דער אַרבייטער־באַוועגונג. אַנאַרכיזם און קליינבירגערליכקייט (מעשטשאַנסטוואָ) זיינען צוויי מכות, וואָס ערגענצען איינע די אַנדערע. און אויב, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס דאָ איז די קליינבירגערליכע באַפעל־

קערונג פיעל גרעסער אין פארגלייך מיט די אייראָפּאישע לענדער, האָבען די אנארכיסטען אין רוסלאנד געהאט פאר־העלטניסמעסיג זעהר א קליינעם איינפלוס אין דעם פּעריאָד פוןביידע רעוואָלוציעס (1905, 1917), ווי אויך אין דער צייט פון פאָרברייטונג צו זיי, מוז דאָס צוגערעכענט ווערען טיילווייז אלס א פארדיענסט פון דעם באָלשעוויזם, וועל־כער האט געפיהרט אַן אונברחמנות׳דיגען קאמף געגען דעם אָפּאָרטוניזם.

איך זאָג „טיילווייז“, ווייל נאָך א וויכטיגערע ראָלע האט געשפּיעלט אין דער אָפּשוואכונג פון דעם אנארכיזם אין רוסלאנד דער פאקט, וואָס ער האט געהאט א מעגליכקייט אונגעוועהנליך בולט ארויסצושטעלען זיך אין דער פארגאנ־גענהייט (אין די 70יגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט) און ארויסווייזען זיין פאַלשטענדיגע נוצלאָזיגקייט אלס א

דארפען רעוואָלוציאָנערען מאכען קאָמפּראָמיסען?

זינט דער באָלשעוויזם איז ענטשטאנען אין 1903, האָט ער איבערגענומען די טראדיציע אונ׳ברחמנות׳דיג צו באקעמפען דעם קליינבירגערליכען האלב-אנארכיסטישען (אָדער וואָס קאָקעטירט מיט׳ן אנארכיזם) רעוואָלוציאָנערען גייסט. די דאָזיגע טראדיציע האָט אַלע מאָל נאָכגעפאָלגט די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראטיע און האט זיך באַ־זונדערס שטארק ביי אונז באפעסטיגט אין 1900—1903, ווען אין רוסלאנד איז געלעגט געוואָרען דער פונדאמענט פון א מאסען־באוועגונג פון דעם רעוואָלוציאָנערען פראָלע־טאריאט. דער באָלשעוויזם האָט איבערגענומען און פאָרט־געזעצט דעם קאמף געגען דער פּארטיי, וואָס האָט מעהר־סטענטיילס אויסגעדריקט די טענדענצען פון קליינבירגער־ליכער רעוואָלוציאָנערער שטימונג, נעמליך, געגען דער פאר־טיי פון די „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען“, אין דריי הויפּט־פונקטען. ערשטענס, האָט די דאָזיגע פּארטיי ניט געוואָלט (אָדער ריכטיגער, ניט געקענט) פארשטעהן די נויטווענדיג־

קיים אָפּצושאַצען די קלאַסען־קרעפטען און זייערע געגנער־זייטיגע באַציהונגען פאַר יעדער פּאָליטישער אַקציאָן, און רערמיט אָפּגעלייקענט דעם מאַרקסיזם. צווייטענס, האָט אָט די פּאַרטיי געזעהן איהר באַזונדערען „רעוואָלוציאָנערען גייסט" אָדער „ראַדיקאַליזם" אין דעם, וואָס זי האָט אַנער־קענט דעם אינדיווידועלען טעראָר, דעם אַטענטאַט, וואָס מיר, מאַרקסיסטען, לייקענען ענטשיעדען אָפּ. עס פאַרשטעהט זיך, אַז מיר האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון אינדיווידועלען טע־ראָר נאָר אויף'ן גרונד פון צוועקמעסיגקייט; מענשען אָבער, וואָס זיינען געווען פעהיג „פּרינציפּיעל" צו פאַראורטיילען דעם טעראָר פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און איבערהויפּט דעם טעראָר פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וואָס האָט געזיעגט און ווערט באַלאַגערט פון דער בורזשואַ־זיע פון דער גאַנצער וועלט — אַזעלכע מענשען האָט שוין פּלעכאַנאָוו אויסגעלאַכט און פאַרשפּאָטעט אין 1900—1903, ווען ער איז נאָך געווען אַ מאַרקסיסט און רעוואָלוציאָנער. דריטענס, האָבען די „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען" געזעהן דעם „ראַדיקאַליזם" אין דעם, וואָס זיי פּלעגען פאַר קליינע אָפּאָרטוניסטישע זינד אויסלאַכען די דייטשע סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע, און צו גלייכער צייט פּלעגען זיי נאָכמאַכען די אויסגעשפּראָכענסטע אָפּאָרטוניסטען פון דער זעלבער פּאַרטיי אין דער אַגראַר־פראַגע, למשל, אָדער אין דער פראַגע וועגען דער דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט.

זאָל דאָ זיין אגב אורחא באַמערקט, אַז די געשיכטע האָט איצט באַשטעטיגט אין אַ גרויסען וועלט־היסטאָרישען מאַסשטאַב יענע מיינונג, פאַר וועלכער מיר האָבען שטענ־דיג געקעמפט. דאָס איז, אַז די רעוואָלוציאָנערע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געשטאַנען אַם נאָהענטסטען צו דער פּאַרטיי, אין וועלכער דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלע־טאַריאַט האָט זיך געניטיגט, אום ער זאָל קענען זיעגען. (מען דאַרף נעהמען אין אַנבאַטראַכט, אַז פּלעכאַנאָוו האָט נאָך אין די יאָהרען 1900־1903 פאַרלאַנגט, אַז עדוואַרד בע־

רענשטיין זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון דער פּאַרטיי ; די באָלשעוויקעס אָבער, וועלכע זיינען שטענדיג טריי געבליבען דער דאָזיגער טראַדיציע, האָבען אין 1913 אויפגעדעקט די גאַנצע נידריגקייט, געמיינהייט און דעם פאַרראַט פון לע־גיען׳ען *).

איצט, אין יאָהר 1920, נאָך דעם שענדליכען צוזאַמענ־ברוך און נאָך אַלע קריזיסען פון דער קריעגס־צייט און פון די ערשטע יאָהרען נאָכ׳ן קריעג, קען מען דייטליך באַמערקען, אַז פון אַלע מערב־אייראָפּעאישע פּאַרטייען האָט די דייטשע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געגעבען די בעסטע פיהרער, איז גיכער צו זיך געקומען, זיך ערהוילט און פאַר־שטאַרקט, ווי אירגענד וועלכע אַנדערע. דאָס קען מען זעהן פון דער פּאַרטיי פון „ספּאַרטאַקוס בונד" און פון דעם לינ־קען פּראָלעטאַרישען פליגעל פון דער „אומאָפּהענגיגער סאָצי־אַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד", וואָס פיהרט אַן אומאויפהערליכען קאַמף מיט דעם אָפּאָרטוניזם און דער כאַ־ראַקטערלאָזיגקייט פון קאַוטסקי׳ן, הילפערדינג, לעדעבור און קריספּיען.

ווען מען מאַכט איצט אַן אַלגעמיינעם איבערבליק אי־בער דעם פאָלשטענדיג פערענדיגטען פעריאָד פון דער פּאַ־ריזער קאָמונע ביז דער ערשטער סאָציאַליסטישער סאָוועטען־רעפּובליק, נעהמט אַן די באַציהונג פון דעם מאַרקסיזם צום אַנאַרכיזם אַ פאָלשטענדיג באַשטימטען און אונבאַשטרייט־באַרען אויסזעהן. דער מאַרקסיזם האָט זיך סוף כל סוף ארויסגעוויזען פאַר ריכטיג, און אויב די אַנאַרכיסטען ווייזען אָן מיט רעכט אויף דעם אָפּאָרטוניסטישען גייסט, וואָס הערשט אין דעם בליק איבער דעם שטאַאט צווישען דער מעהרהייט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, איז דער דאָ־זיגער אָפּאָרטוניסטישער גייסט ערשטענס געשטאַנען אין

*) דער קאָנסערוואַטיווער פיהרער פון די דייטשע געווערק־שאַפטען.—באַמערקונג פון איבערזעצער.

פאַרבינדונג מיט דער פאַלשער אויסטייטשונג, אָדער אפילו מיט דעם דירעקטען פאַרשווייגען פון מאַרקס׳עס בליק אויפ׳ן שטאַאַט (אין מיין בוך „שטאַאַט און רעוואָלוציע" האָב איך אָנגעוויזען, אז בעבעל האָט אין אַ משך פון 30 יאָהר, פון 1875 ביז 1911, געהאַלטען פאַרבאָרגען ענגעלס׳עס בריעף, וואָס האָט באַזונדערס דייטליך, שאַרף, דירעקט און קלאָהר אויפגעדעקט דעם אָפּאָרטוניזם פון די פאַרשפּרייטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַנשויאונגען איבער דעם שטאַאַט); צווייטענס האָבען די מאַרקסיסטישע שטרעמונגען אין די אייראָפּעאישע מאַרקסיסטישע פּאַרטייען אויפגעדעקט די דאָזיגע אָפּאָרטוניסטישע אַנשויאונגען, עס איז אַנערקענט געוואָרען די סאָוועטען מאַכט און מען האָט זיך איבערגעלעגט וועגען דער בורזשואַזער פאַרלאַמענטאַרישער פאָרם פון שטאַאַט.

אין צוויי פאַלען איז דער קאַמף פון דעם באָלשעוויזם געוואָרען באַזונדערס שטאַרק געגען דעם פאַרקריכען „נאָך לינקס" אין זיין אייגענער פאַרטיי: ערשטענס, אין יאָהר 1908 וועגען באַטייליגען זיך אין דעם רעאַקציאָנערען פאַר־לאַמענט און אין די לעגאַלע אַרבייטער פאַראיינען, וועלכע זיינען אַזוי פאַרשנורעוועט געוואָרען פון די רעאַקציאָנערע געזעצען; און צווייטענס, אין יאָהר 1918 (דער ברעסט־ליטאָווסקער פריעדען) וועגען דער פראַגע פון צולאָזען דעם אָדער יענעם „קאָמפּראָמיס".

אין יאָהר 1908 זיינען די „לינקע" באָלשעוויקעס אויס־געשלאָסען געוואָרען פון דער פאַרטיי, ווייל זיי האָבען זיך פאַר׳עקשנ׳ט אָפּגעזאָגט איינצוזעהן די נויטווענדיגקייט צו באַטייליגען זיך אינ׳ם רעאַקציאָנערען „פאַרלאַמענט". די „לינקע", פון וועלכע פיעלע זיינען געווען אויסגעצייכענטע רעוואָלוציאָנערען, און וואָס זיינען שפּעטער ווידער אַמאָל געוואָרען (און זיינען נאָך איצט) פאַרטרויענס־ווערטע מיט־גליעדער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָבען זיך געשטיצט הויפּטזעכליך אויף די ערפאָלגרייכע ערפאַהרונגען מיט׳ן באָיקאָט פון 1905. ווען דער צאַר האָט אין 1905

פאררופען דעם באראטונגס „פארלאמענט", האבען די באָל־שעוויקעס ערקלעהרט א באיקאָט פון דעם דאָזיגען פארלא־מענט געגען די אָפּאָזיציאָנס פארטייען און געגען די מענ־שעוויקעס, וועלכע די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט מיט איה־רע האנדלונגען אינגאנצען אָפּגעווישט. דער באיקאָט איז געווען ריכטיג ניט דארום, וואָס דאָס ניט באטייליגען זיך אין פארלאמענט איז איבערהויפּט א ריכטיגע זאך, נאָר ווייל די אָביעקטיווע לאגע פון יענער צייט איז ריכטיג אָפּ־געשאצט געוואָרען; זי האָט געפיהרט צו א שנעלער פאר־וואנדלונג פון מאסען־סטרייקס צוערשט אין א פּאָליטישען, נאָכהער אין א רעוואָלוציאָנערען סטרייק און ענדליך אין אן אויפשטאנד. חוץ דעם האָט מען דאן ניט געקעמפט וועגען דעם, צי זאָל די ערשטע גרינדונגס־פארזאמלונג פאררופען ווערען פון'ם צאר, צי מען זאָל פּרובירען ארויסרייסען אָט די מאכט פון די אַלטע מאכט־האָבער. ווי נאָר מען האָט זיך דערוואוסט, אז די לאגע האָט זיך געענדערט, האָט אויך דער באָיקאָט אויפגעהערט צו זיין ריכטיג.

דער באָלשעוויסטישער באָיקאָט פון פארלאמענט אין יאָהר 1905 האָט רייכער געמאכט דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאט מיט אן אויסערגעוועהנליך ווערטפולער ער־פאהרונג, וואָס האָט געוויזען, אז ווען עס איז פאראן א קאָמבינאציע פון לעגאַלע, אונלעגאַלע, פּארלאמענטארישע און אויסערפּארלאמענטארישע פאָרמען פון קאמף איז ניט נאָר ניצליך, נאָר זאָגאר אומבאדינגט נויטיג אָפּצוזאָגען זיך פון די פּארלאמענטארישע פאָרמען פון קאמף. עס איז אָבער דער גרעסטער פעהלער איבערצוטראָגען די דאָזיגע ערפאהרונ־גען אויף אנדערע אומשטענדען און אנדערע באדינגונגען בלינ־דערהייט, אָהן קריטיק, נאָכמאַכען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די נייע באדינגונגען. דער באָלשעוויסטישער באָיקאָט פון דער „דומא" אין יאָהר 1906 איז שוין געווען א פעהלער, אָבער ניט קיין גרויסער, ווייל מען האָט איהם געקענט לייכט פאררעכ־טען. א מעהר ערנסטערער פעהלער, וועלכען עס איז פיעל

שווערער אויסצובעסערען, איז געווען דער באַיקאָט פון 1907—1908 און אין די פאָלגענדע יאָהרען, ווייל עס איז פון איין זייט ניט געווען מעגליך צו ערוואַרטען אַ שנעלען און אויפברויזענדען רעוואָלוציאָנערען שטראָם, וואָס זאָל זיך ענטוויקלען אין אַן אויפשטאַנד; פון דער אַנדערער זייט האָט דאָס געבראַכט צו אַ פאַראייניגונג פון דער אָפּען־נער און געהיימער ביוראָקראַטיע. איצט, ווען מיר באַטראַכ־טען דעם פאַרענדיגטען היסטאָרישען פעריאָד, וועמעס צו־זאַמענהאַנג מיט די פאָלגענדע פעריאָדען צייגט זיך שוין אַזוי בולט אַרויס, ווערט באַזונדערס קלאָר, אַז די באָלשע־וויקעס וואָלטען ניט געקאָנט בילדען דעם פעסטען שורש פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי פון׳ם פּראָלעטאַריאַט אין די יאָהרען 1908—1914, ווען זיי וואָלטען זיך ניט פאַרפליכטעט צו פאַראייניגען די אונלעגאַלע פאָרמען פון קאַמף מיט די לע־גאַלע און צו באַטייליגען זיך אין דעם רעאַקציאָנערסטען פּאַר־לאַמענט און אין אַ רייהע אַנדערע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אַרומגערינגעלט מיט רעאַקציאָנערע געזעצען (פאַרזיכערונגס־קאַסען, און ד. גל.), וואָלטען זיי ניט געקענט באַפעסטיגען, שטאַרקער מאַכען און ענטוויקלען דעם שטאַם פון דער רע־וואָלוציאָנערער פאַרטיי.

דער יאָהר 1918 האָט ניט געבראַכט צו קיין שפּאַלטונג. די „לינקע" קאָמוניסטען האָבען דאַמאָלס אין דער פאַרטיי גופא געבילדעט אַ באַזונדערע גרופּע אָדער „פראַקציע", און דאָס אויך ניט פאַר לאַנג. אין דעם זעלביגען יאָהר האָבען די וויכטיגסטע פאָרשטעהער פון׳ם „לינקען" קאָמוניזם, צ. ב., די גענאָסען ראַדעק און בוכאַרין, אָפען צוגעגעבען, אַז זיי האָבען געמאַכט אַ פעהלער. זיי האָבען געדענקט, אַז דער ברעסט־ליטאָווסקער פריעדען דאַרף פון פּרינציפּיעלען שטאַנדפּונקט ניט געשלאָסען ווערען, ווייל דאָס וואָלט גע־מיינט געהן אויף קאָמפּראָמיסען מיט די אימפּעריאַליסטען און וואָלט דאַרום געווען שעדליך פאַר דער פאַרטיי פון רע־וואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. אמת, דאָס איז טאַקע געווען

א קאָמפּראָמיס מיט די אימפּעריאַליסטען, אָבער אַזעלכער, וואָס איז אונטער די געגעבענע אומשטענדען געווען נויט־ווענדיג.

איצט, ווען איך הער די אַטאַקעס פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען אויף אונזער טאַקטיק, פאַר וואָס מיר האָבען אונטערגעשריבען דעם ברעסט־ליטאָווסקער פּריעדען, אָדער ווען איך הער די באַמערקונג פון גענאָסע לאַנדסבורי, וואָס האָט אין אַ געשפּרעך מיט מיר געזאָגט : „אונזערע ענגלישע פיהרער פון די טרייד־יוניאָנס זאָגען, אַז זיי קע־נען זיך אויך ערלויבען צו געהן אויף קאָמפּראָמיסען, ווען אפילו די באָלשעוויקעס גופא האָבען זיך דאָס ערלויבט", ענטפער איך מיט אן איינפאַכען, פּאָפּולערען פאַרגלייך :

שטעלט אייך פאָר, אַז אייער אויטאָמאָביל ווערט פאַר־האַלטען פון באַוואָפענטע באַנדיטען. איהר גיט זיי אַוועק אייער געלד, דעם פּאַס, דעם רעוואָלווער, דעם אויטאָמאָביל. איהר ווערט אַזוי אַרום באַפרייט פון דער אַנגענעהמער גע־זעלשאַפט פון די באַנדיטען. אַ קאָמפּראָמיס איז דאָ אָהן צווייפעל פאַראַן (איך גיב דיר אַוועק דאָס געלד, דעם אוי־טאָמאָביל, דאָס געוועהר, אַז דו זאָלסט מיר נאָר געבען די מעגליכקייט זיך אָפּצוטראָגען מיט די ביינער). עס איז אָבער שווער צו געפינען אַזאַ משוגע'נעם, וואָס וואָלט אַזאַ קאָמפּראָמיס ניט געמאַכט, ווייל פון „פּרינציפּיעלען שטאַנד־פּונקט" דאַרף דאָס ניט געטאָן ווערען, און וואָס זאָל ער־קלערען אַזאַ פּערזאָן פאַר אַ שותּף פון די באַנדיטען, ווייל ער מאַכט מיט זיי אַ קאָמפּראָמיס (ווען אפילו די באַנדיטען, האָ־בענדיג דאָס געוועהר און דעם אויטאָמאָביל זאָלען ביידע זאָבען אויסנוצען פאַר ווייטערע רויבערייען און אין דעם פאַל, וואָס איך אַליין האָב דורכגעמאַכט, האָבען זיי ווירק־ליך אַזוי געהאַנדעלט, אָבער מען האָט זיי דערנאָך געפאַנגען און דערשאָסען). אונזער קאָמפּראָמיס מיט די באַנדיטען פון'ם דייטשען אימפּעריאַליזם איז געווען ענליך צו אַזאַ מין קאָמפּראָמיס.

ווען אָבער די מענשעוויקעס און סאָציאַל־רעוואָלוציאָ־נערען אין רוסלאַנד, די שיידעמאַנס (און אין אַ באַדייטענדער צאָהל די קאוטסקיאַנער) אין דייטשלאַנד, אָטאָ בויער און פריעדריך אדלער אין עסטרייך (ניט אריינרעכענענדיג די הערדען רענער און קאָמפּ.), די רענאָדעל־לאָנגע און קאָמפּ. אין פראַנקרייך, די „אומאָפּהענגיגע ארבייטער פּארטיי" און די „ארבייטער פּארטיי" אין ענגלאַנד, ווען זיי אַלע האָבען געמאַכט קאָמפּראָמיסען מיט די באַנדיטען פון זייער אייגענער, און צייטענווייז אויך מיט דער אַליאירטער, בורזשואַזיע געגען דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאַט פון זייערע לענדער, אין די יאָהרען 1914—1918 און פון 1918 ביז 1920, דאַן האָבען אָט די הערען טאַקע געהאַנדעלט ווי שותפים פון די באַנדיטען.

דער פועל יוצא דערפון איז קלאָהר: אָפּזאָגען זיך „פּרינציפּיעל" פון קאָמפּראָמיסען, ניט צולאָזען קיין קאָמפּראָמיסען איבערהויפּט, פון וואָס פאַר אַ סאָרט דאָס זאָל ניט זיין — איז פשוט אַ קינדעריי, וואָס קען קוים גענומען ווערען ערנסט. אַ פּאָליטיקער, וואָס וויל זיך ניצליך מאַכען דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאַט, מוז פארשטעהן ווי צו אונטערשיידען די קאָנקרעטע פעלע פון אַזעלכע קאָמפּראָמיסען, וואָס דארפען בשום אופן ניט צוגעלאָזען ווערען, ווייל זיי ענטהאַלטען אין זיך אָפּאָרטוניזם און פאַרראַט. געגען אַזעלכע קאָמפּראָמיסען דארף מען אָנווענדען די גאַנצע קראַפט פון קריטיק, די גאַנצע שארפקייט פון אונ'ברחמנות'־דיג ארונטעררייסען די מאַסקע און אָנפיהרען דעם פארביטערסטען קאַמף, אום ניט צו דערלאָזען די לומפען, מאַשעניקעס, אַדוואָקאַטלעך און פּאַרלאַמענטארישע יעזואיטען מיט זייערע „ספּיטשעס" וועגען „קאָמפּראָמיסען איבערהויפּט" זיך אויסדרעהען פון פאַראַנטוואָרטליכקייט און מאַכען אַ פּלטה. די הערען ענגלישע פיהרער פון די טרייד־יוניאָנס, ווי די פאַביער־געזעלשאַפט און פון דער „אומאָפּהענגיגער" ארבייטער פּארטיי, דרעהען זיך גראַדע אויף אַזאַ אופן ארויס

פון פאראנטוואָרטליכקייט פאר דעם פאַרראַט, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, פאר די קאָמפּראָמיסען אויף וועלכע זיי זיינען איינגעגאַנגען, פון דעם מין קאָמפּראָמיס, וואָס באַדייט אין דער ווירקליכקייט דעם נידריגסטען אָפּאָרטוניזם און פאַר־ראַט.

קאָמפּראָמיסען און קאָמפּראָמיסען זיינען ניט גלייך. מען מוז פאַרשטעהן צו אַנאַליזירען די אומשטענדען און די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון יעדען איינציגען קאָמפּראָמיס, יעדען סאָרט פון קאָמפּראָמיס. מען מוז אונטערשיידען דעם מענשען וואָס האָט די באַנדיטען געגעבען געלט און וואָ־פען, אום צו פאַרלייכטערען די צרות, וואָס די באַנדיטען מאַכען אָן, אַגב לייכטער מאַכען צו כאַפּען זיי און דערשי־סען, פון דעם מענשען, וואָס גיט די באַנדיטען געלט און גע־וועהר, אום צו האָבען אַ חלק אין זייער רויב. אין פּאָליטיק איז די זאַך נאָך ווייט ניט אַזוי פּשוט ווי אין דעם איינפאַכען ביישפּיעל, וואָס איך האָב גענומען. דער אָבער, וועמען עס וועט איינפאַלען אויסצוטראַכטען פאַר די אַרבייטער אַזאַ רעצעפּט, וואָס זאָל פאַראויס געבען זיי פאַרטיגע ענטשיידונ־גען פאַר יעדען פאַל, אָדער וואָס זאָל פאַרשפּרעכען, אַז אין דער פּאָליטיק פון רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט וועלען קיינמאָל קיין שוועריגקייטען אָדער קיין פאַרוויקעלטע לאַגע ניט פאָרקומען,—דער וועט איינפאַך זיין אַ שאַרלאַטאַן.

אום אויסצומיידען פאַלש אויסגעטייטשט צו ווערען, וויל איך פּרובירען געבען איניגע, אויב אפילו גאַנץ קורצע, אַנאַליזען פון קאָנקרעטע קאָמפּראָמיסען.

די פּאַרטיי, וואָס איז געגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט דעם דייטשען אימפּעריאַליזם און האָט אונטערגעשרי־בען דעם ברעסט־ליטאָווסקער פריעדען, האָט פאַקטיש שוין געהאַט אויסגעאַרבייט איהר אינטערנאַציאָנאַליזם זינט ענדע פון יאָהר 1914. זיי האָבען קיין מורא ניט געהאַט צו פּראָק־לאַמירען די ניעדערלאַגע פון דער צאַרישער רעגירונג, און בראַנדמאַרקען די „פאַטערלאַנדס־פאַרטיידיגונג" אין דעם

קריעג צווישען צוויי אימפּעריאַליסטישע רויבער. די דומא דעפּוטאַטען פון אַט דער פּאַרטיי האָבען זיך בעסער געלאָזט פאַרשיקען איידער אָננעהמען די מיניסטאָרען־עמטער פון דער בורזשואַזער רעגירונג. די רעוואָלוציע, וואָס האָט אַרונ־טערגעזעצט דעם צאַריזם און באַשאַפען די דעמאָקראַטישע רעפּובליק, האָט ווידער אַמאָל געשטעלט די פּאַרטיי פאַר דער גרעסטער פּראָבע. די פּאַרטיי איז פאַר קיין פאַל ניט איינגעגאַנגען אויף אַ פאַראייניגונג מיט „איהרע" אימפּעריאַליסטען; זי האָט אָבער צוגעגרייט איהר נידערלאַגע און האָט זי אַרונטערגעוואָרפען. האָבענדיג די פּאָליטישע מאַכט אין די הענד, האָט די פּאַרטיי ניט איבערגעלאָזען אַ שטיין אויף אַ שטיין פון דעם פּריצישען און קאַפּיטאַליסטי־שען אייגענטום. נאָכדעם ווי די פּאַרטיי האָט פאַרעפענט־ליכט די געהיימע אָפּמאַכען פון די אימפּעריאַליסטען, האָט זי די אָפּמאַכען צוריסען און פאָרגעשלאָגען פריעדען צו אַלע פעלקער. זיי האָבען זיך געמוזט לאָזען ראַבעווען פון די ברעסט־ליטאָווסקער רויבער, ווען די ענגליש־פראַנצויזישע אימפּעריאַליסטען האָבען דעם פריעדען געבראָכען. די באָל־שעוויקעס אָבער האָבען געטאָן וואָס זיי האָבען נאָר געקענט וואָס גיכער צו ברייגנען צו אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער. די פאָלשטענדיגע ריכטיגקייט פון אַזאַ קאָמפּראָמיס, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון אַזאַ פּאַרטיי אונטער אַזעלכע אומשטענדען, ווערט פאַר אַלעמען קלאָרער מיט יעדען טאָג.

די מענשעוויקעס און די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען אין רוסלאַנד (ווי אויך די פיהרער פון דער צווייטען אינטערנאַ־ציאָנאַל פון דער גאַנצער וועלט) זיינען באַגאַנגען אַ פאַרראַט דירעקט אָדער אונדירעקט דערמיט, וואָס זיי האָבען גערעכט־פערטיגט די „פאַרטיידיגונג פון פאָטערלאַנד", ד. ה. די פאַר־טיידיגונג פון דער רויבערישער בורזשואַזיע. זיי זיינען מיט דעם פאַרראַט אָנגעגאַנגען, ווען זיי זיינען אריינגעטראָטען אין אַ פאַרבאַנד מיט דער בורזשואַזיע צו קעמפען געגען דעם

רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. זייער אָפּמאַך צוערשט מיט קערענסקי'ן און די קאַדעטען, נאָכדעם מיט קאָלטשאַק'ען און דעניקינ'ען אין רוסלאַנד, און אויך דער אָפּמאַך מיט דער בורזשואַזיע פון זייערע פּאַרטיי־גענאָסען אין אויסלאַנד, איז געווען אַן איבערגאַנג פון דעם לאַגער פון פּראָלעטאַריאַט צו דער בורזשואַזיע. זייער קאָמפּראָמיס מיט די באַנדיטען פון אימפּעריאַליזם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי זיינען פון אָנפאַנג ביז'ן ענד געווען די אַנטיילנעהמער אין דער אימפּעריאַליסטישער רויבעריי.

.5

דער „ראדיקאלער" קאָמוניזם אין דייטשלאנד.

די פיהרער — די פארטיי — דער קלאס — די מאסען.

די דייטשע קאָמוניסטען, פון וועמען מיר וועלען דאָ איצט ריידען, רופען זיך ניט „ראדיקאלע", נאָר — אויב איך האָב קיין טעות ניט — „פרינציפיעלע אָפּאָזיציע". אז זיי ווייזען ארויס אלע סימפּטאָמען פון „ראדיקאליזם", פון דער „קינדערקראנקהייט פון קאָמוניזם", קען מען זעהן פון פאָלגענדען באריכט:

די קליינע בראָשורע, „די שפּאלטונג דער ק. פּ. ד.", „ספּארטאקוס", וואָס איז ארויסגעגעבען פון „דער לאָקאלער גרופּע אין פראנקפורט א. מ.", שטעהט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אָט דער אָפּאָזיציע; זי גלידערט פאנאנדער זעהר דייטליך, גענוי, קלאָר און קורץ דעם קערן פון די אנזיכטען פון דער דאָזיגער אָפּאָזיציע. אייניגע ציטאטען וועלען זיין גענוג אום באקאנט צו מאכען דעם לעזער מיט דעם תוך פון די דאָזיגע אנזיכטען:

„די קאָמוניסטישע פּארטיי איז די פּארטיי פון ענטשלאָסענסטען קלאסענקאמף".

. . . „פּאָליטיש בילדעט די דאָזיגע איבערגאנס-צייט" (צווישען דעם קאפּיטאליזם און דעם סאָציאליזם) „דעם פעריאָד פון דער פּראלעטארישער דיקטאטור"...

„עס ענטשטעהט די פראגע, ווער עס מוז זיין דער טרעגער פון דער דיקטאטור, די קאָמוניסטישע פּארטיי אָדער דער פּראלעטארישער קלאס"...

„דאַרף מען פּרינציפּיעל שטרעבען צו דער דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָדער פון׳ם פּראָלעטאַרישען קלאַס ? ! !״...

ווייטער באַשולדיגט די בראָשורע די „צענטראַלע״ פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז אָט די צענטראַלע זוכט וועגען ווי זיך צו פאַראייניגען מיט דער דייטשער אונאָפּהענגיגער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אַז „די פראַגע פּרינציפּיעל צו אַנערקענען דעם פּאָליטישען קאַמף און אויך דעם פּאַרלאַמענטאַריזם אַלס אַ מיטעל דערצו, איז ווי אוועקגעמאַכט פון דער האַנד, אום צו פאַרדעקען דאָס וויכטיגסטע אוןווירקליכע שטרעבען — זיך צו פּאַראייניגען מיט די אומאָפּהענגיגע״. און די בראָשורע לייענט זיך ווייטער ווי פאָלגט:

„די אָפּאָזיציע האָט אויסגעקליבען אַן אַנדער וועג. זי איז מיט דער מיינונג, אַז די פראַגע וועגען דער הערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי, איז נאָר אַ פראַגע פון טאַקטיק. אין יעדען פאַל איז די הערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי די לעצטע פאָרמע פון וועלכער עס איז הערשאַפט פון אַ פּאַרטיי.

„פּרינציפּיעל מוז מען שטרעבען צו דער דיקטאַטור פון׳ם פּראָלעטאַרישען קלאַס. אַלע מיטלען פון דער פּאַרטיי, ווי איהר אָרגאַניזאַציע, איהרע פאָרמען פון קאַמף, איהר סטראַטעגיק און טאַקטיק מוזען צו דעם צוגעפּאַסט ווערען. נעהמענדיג דאָס אין באַטראַכט, מוז מען מיט דער גרעסטער ענטשלאָסענהייט צוריקווייזען יעדען קאָמפּראָמיס מיט אַנדערע פּאַרטייען; יעדען צוריקקעהר צו די קאַמפּפאָרמען פון׳ם פּאַרלאַמענטאַריזם, וואָס איז היסטאָריש אויסגעשפּיעלט; יעדע פּאָליטיק פון באַלאַנסירען און צופּאַסען זיך. מען מוז באַזונדערס אונטערשטרייכען די ספּעציפיש פּראָלעטאַרישע מעטאָדען פון קאַמף. אום אָבער צוזאַמענצושליסען די ברייטסטע פּראָלעטאַרישע קרייזען און שיכטען, וואָס מוזען אויפטרעטען אין זייער רעוואָלוציאָנע־

רען קאמף אונטער דער פיהרערשאפט פון דער קאָמוניסטי־שער פארטיי, מוזען געבילדעט ווערען נייע ארגאניזאציאָנס פאָרמען אויף דעם ברייטסטען שטייגער און אין די ווייט־סטע ראהמען. אין אָט דעם קעסעל־גרוב מוזען אַלע רעוואָ־לוציאָנערע עלעמענטען זיך צוזאמענגיסען אויף דער גרונדלאגע פון די אינדוסטריעלע אָרגאניזאציעס — דער א ר ב י י ט ע ר ב ו נ ד. אין איהם מוזען זיך פאראיי־ניגען די ארבייטער, וואָס שטעהען פאר דעם לאָזונג: גערזט ארוים פון די געווערקשאפטס פארבאנדען! אָט דאָ ווערען פאָרמירט די ברייטסטע קאמפס־רייהען פונ'ם רעוואָלוציאָ־נערען פראָלעטאריאט. אום אנצושליסען זיך אין דעם אר־בייטער־בונד איז גענוג צו אנערקענען דעם קלאסענקאמף, דאָס סאָוועטען־סיסטעם און די דיקטאָטור פון פראָלעטאָ־ריאט. דאָס איבריגע, ווי פּאָליטישע ערציהונג פון די קעמ־פענדע מאסען און די אנערקענונג פונ'ם פּאָליטישען קאמף, איז די אויפגאבע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, וואָס שטעהט אויסערהאלב פון דעם ארבייטער בונד".

. . . „אזוי ארום שטעהען צוויי קאָמוניסטישע פאר־טייען איינע געגען דער אנדערער: איינע — די פארטיי פון די פיהרער, וועמעס אויפגאבע עס איז צו ארגאניזירען דעם קאמף און אָנפיהרען איהם פון אויבען, די פארטיי, וועלכע געהט איין אויף קאָמפּראָמיסען און פארלאמענטאָ־ריזם, אום צו שאפען אזא סיטואציע, וועלכע וועט זיי געבען די מעגליכקייט אריינצוטרעטען אין א קאָאליציאָנס־רעגי־רונג, און אין וועמעס הענד עס וועט זיך געפינען די דיק־טאָטור; די צווייטע — די מאסען־פארטיי, וואָס ערוואר־טעט, אז דער רעוואָלוציאָנערער קאמף זאָל זיך אָנהויבען פון אונטען, וואָס ווייס און ווענדעט אָן אין אָט דעם קאמף די איינציגע און קלאָרע מעטאָדע, וועלכע לייקענט אָפּ אַלע פארלאמענטארישע און אָפּארטוניסטישע מעטאָדען. די דאָזיגע איינציגע מעטאָדע איז דער אונברחמנות'דיגער אראפּזעצען פון דער בורזשואזיע, אום נאָכדעם איינצופיה־

רען די פּראָלעטאַרישע קלאַסען־דיקטאַטור, וואָס וועט ענד־
ליך פארוויקליכען דעם סאָציאַליזם...״

. . . „דאָרט די דיקטאַטור פון די פיהרער — דאָ די
דיקטאַטור פון די מאַסען! דאָס איז אונזער לאָזונג.״

דאָס זיינען אין גרונדגענומען די טהעזיסען, וואָס כאַ־
ראַקטעריזירען די אנשויאונגען פון דער אָפּאָזיציע אין דער
דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. יעדער באָלשעוויק,
וועלכער האָט באוואוסטזיניג מיטגעמאַכט די ענטוויקלונג
פון באָלשעוויזם, אָדער וואָס האָט באָבאַכטעט פון דער
נאָהענט, די ענטוויקלונג פונ׳ם באָלשעוויזם זינט 1903,
וועט ביים לעזען אָט די אנזיכטען גלייך באַמערקען: „וואָס
פאַר אַן אַלטע נאַרישקייט! וואָס פאַר אַ ראַדיקאַלע קינ־
דעריי״! לאָמיר זיך נעהענטער צוקוקען צו אָט די
טעזיסען!

באַטראַכט נאָר ווי די פראַגע ווערט געשטעלט: „די
דיקטאַטור פונ׳ם קלאַס? די דיקטאַטור (פּאַרטיי) פון די
פיהרער אָדער די דיקטאַטור (פּאַרטיי) פון די מאַסען?״
אזוי שטעלען די פראַגע באַווייזט אַן אונגלויבליכען און אונ־
גלויבליכען מיש־מאַש. די מענשען באַמיהען זיך אויסצו־
טראַכטען עפּעס גאַנץ נייעס און זעהען אוים לעבערליך דורך
זייער איבערגעשפּיצטקייט.

עס איז אַלעמען באַקאַנט, אז די מאַסען צוטיילען זיך
אין קלאַסען: — אז מען קען די מאַסען און די קלאַסען
נאָר דאַן אָוועקשטעלען איינס נעגען אנדערען, ווען מען
קען די אונגעהויערע מאַסע, וואָס איז נאָך איהר שטעלונג
איבערהויפּט נאָך ניט צוטיילט אין דער געזעלשאַפטליכער
אָרדנונג פון דער פּראָדוקציע, איז נאָך ניט געשטעלט אין אַ
געוויסען גראַד איינס נעגען אנדערען, וועלכע זאָלען פאַר־
נעהמען אַ באַזונדערע שטעלע אין דער געזעלשאַפטליכער
אָרדנונג פון דער פּראָדוקציע; — אז אָט די קלאַסען ווע־
רען מעהרסטענטיילס געפיהרט פון פּאָליטישע פּאַרטייען,
וועניגסטענס אין די ציוויליזירטע לענדער פון היינטיגער

צייט; — אז די פּאָליטישע פּאַרטייען ווערען געוועהנליך צוזאַמענגעשטעלט און אויסגעקליבען פון פּערזאָנען, וואָס זיינען איינפלוסרייך, ערפאַהרען און טויגען פאַר זייערע פעראַנטוואָרטליכע שטעלען — וואָס מען רופט פיהרער — דאָס אַלץ איז דער אלף בית, דאָס אַלץ איז קלאָר און איינפאַך. צו וואָס האָט מען אָנשטאָט דעם באַדאַרפט אַזאַ פּלוידעריי, אַזאַ אונפאַרשטענדליכע שפּראַך! פון איין זייט זיינען די מענשען וואַהרשיינליך צוטומעלט געוואָרען, ווייל זיי זיינען אַריינגעפאַלען אין אַזאַ סיטואַציע, אין וועלכער דאָס שנעלע בייטען פון א לעגאַלער צו אַן אונלעגאַלער לאַגע פון דער פּאַרטיי האָט געשטערט די געוועהנליכע, נאָרמאַלע, איינפאַכע פאַרהעלטניסע צווישען פיהרער, פּאַרטייען און קלאַסען. אין גאַנץ דייטשלאַנד, ווי אויך אין די איבעריגע אייראָפּעאישע לענדער, איז מען געווען געוואוינט צו לעגאַליטעט, צו די פרייע, רעגעלמעסיגע וואַהלען פון „פיהרער" דורך רעגעלמעסיגע פּאַרטיי־קאָנגרעסען, צו דעם באַקוועמען קאָנטראָל פון דער צוזאַמענשטעלונג פון קלאַסען אין דער פּאַרטיי, דורך די וואַהלען אין פּאַרלאַמענט, דורך פאַרזאַמלונגען, דורך דער פּרעסע, דער אפשטימונג פון די געווערקשאַפטען און אַנדערע פאַרבאַנדען א. אז. וו. ווען פון דער דאָזיגער געוואוהנהייט האָט מען, צוליעב דעם שטורמישען פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע און דער ענטוויקלונג פון'ם בירגער קריעג, געמוזט וואָס גיכער איבערגעהן פון לעגאַליטעט צו אומלעגאַליטעט, צו די „אומבאַקוועמע" און אונדעמאָקראַטישע מעטאָדען פון וואַהלען, אָדער מען האָט געמוזט איבערגעהן צו פיהרער פון גרופּען, זיינען די מענשען צוטומעלט געוואָרען און האָבען אָנגעהויבען אויסטראַכטען אַן איבערנאַטירליכען אונזין. — וואַהרשיינליך זיינען די האָלענדישע „טריבוניסטען", וואָס האָבען געהאַט דעם אונגליק געבאָרען צו ווערען אין א קליינעם לאַנד, וואָס האָבען צוליעב זייערע טראַדיציעס און באַדינגונגען זיך באַנוצט מיט א באַזונדערס פּריווילעגירטער און באַזונדערס ווידער־

שטאַנדס־פּעהיגער לעגאַלער לאַגע — מענשען, וואָס האָבען קיין מאָל ניט געפיהלט דעם טעם פון איבערגעהן פון א לעגאַלער צו אן אונלעגאַלער לאַגע, — זיינען אליין צוטר־מעלט געוואָרען און האָבען מיטגעהאָלפען צו דער נאַרישער ערפינדונג. — פון דער אנדערער זייט זעהט מען, אז זיי האָבען ניט דורכגעטראַכט די מאָדע־ווערטער וועגען „פיה־רער" און „מאַסען". די מענשען האָבען פיעל געהערט פון אָנפאַלען אויף די „פיהרער", וואָס ווערען געשטעלט העכער פון דער „מאַסע", און האָבען זיך דאָס פעסט ארייגעהאַקט אין קאָפּ. זיי האָבען אָבער ניט פאַרשטאַנען נאָכצודענ־קען, אום זיך די זאַך קלאָר צו מאַכען.

אז די „מאַסען" און „פיהרער" שטימען ניט איין, האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געלאָזט מערקען, איז קלאָר און דייטליך געקומען צום אויסדרוק צום ענד פון׳ם אימפּעריאַ־ליסטישען קריעג. די גרונד אורזאַכען פון אָט דער ערשיי־נונג האָבען נאָך געגעבען צו פאַרשטעהן מאַרקס און ענגעלס אין די יאָהרען 1952—1892, נעהמענדיג אלס ביישפּיעל ענגלאַנד. די פּריוועליגירטע שטעלונג פון ענגלאַנד האָט ארויסגערוקט פון דער „מאַסע" א האלב־בורזשואזע און אָפּאָרטוניסטישע „ארבייטער אריסטאָקראַטיע". די פיה־רער פון דער דאָזיגער אריסטאָקראַטיע פלעגען שטענדיג אי־בערגעהן אויף דער זייט פון דער בורזשואזיע און זיינען — דירעקט אָדער אונדירעקט — געוואָרען פון איהר אונ־טערשטיצט. מאַרקס האָט זיך ערוואָרבען דעם בכבוד׳יגען האַס פון אָט דער הברותה דערמיט, וואָס ער פלעגט זיי אַפּען אָנרופען פאַררעטער. דער נייעסטער אימפּעריאַליזם (פון׳ם 20טען יאָהרהונדערט) האָט פאַר פיעלע פאָרטגעשריטענע לענדער געשאַפען א פּריוועליגירטע לאַגע, און אויף אָט דעם באָדען איז איבעראַל אינ׳ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל אויפגעוואַקסען דער נייער טיפּ פון פאַררעטערישע פיהרער, פון אָפּאָרטוניסטען, פון סאָציאַל־שאָוויניסטען, וועלכע פאַרטרעטען די אינטערעסען פון זייער גרופּע, פון דעם

דינעם שיכט פון דער ארבייטער אריסטאָקראטיע. עס איז געקומען דערצו, אז די אָפּאָרטוניסטישע פארטייען האָבען זיך אָפּגעטיילט פון די „מאסען", ד. ה., פון די ברייטסטע שיכטען פון הארָפּאסניקעס, וועלכע באַשטעהען פון דער מעהרהייט ערגסט־באַצאָהלטע אַרבייטער. דער זיעג פונ'ם רעוואָלוציאָנערען פראָלעטאריאט איז אונמעגליך, ווען מען זאָל ניט באַקעמפען אָט די צרה, אראפרייסען פון זיי די מאסקע, שארפער קריטיקירען, און ענדליך פארטרייבען די דאָזיגע אפּארטוניסטישע סאָציאל־פּאררעטערישע פיהרער. דאָס איז די פּאָליטיק פונ'ם דריטען אינטערנאַציאָנאַל.

עס איז אָבער לעכערליך און נאַריש צו ציהען דערפון דעם שלוס, אז עס קען זיין א דיקטאטור פון פיהרער און א דיקטאטור פון מאסען. איבערהויפּט איז קאָמיש, וואָס אָנשטאָט אַלטע פיהרער, וועלכע האָבען אַן אַלגעמיין־מענש־ליכען בליק אויף פּשוטע זאכען, א בליק, וואָס אלע ציוויליזירטע מענשען האָבען, ווערען אין דער ווירקליכקייט ארויסגעשטעלט נייע פיהרער (אונטער דעם לאָזונג: „ארונטער מיט די פיהרער!"), וועלכע זאָגען ארויס אוי־סערגעוועהנליכע נארישקייטען. צו זיי געהערען אין דייטשלאנד: דר. לויפענבערג, וואָלפהיים, הארנער, קאַרל שרעדער, פריעדריך ווענדעל און קארל ערלער.

דער פּארזוך פון זיי אלעמען א תל צו מאַכען פון דער פראגע און איבערהויפּט צו ערקלערען, אז פּאָליטישע פּאר־טייען זיינען אַן איבעריגע און „בורזשואזע" זאך, איז אזא געוואַלדיגער אבסורד, אז עס בלייבט ניט איבער קיין אַנדער זאך ווי פּארוויאונדערט א הויב צו טאָן מיט די פּלייצעס. דאָ זעהט מען אין דער ווירקליכקייט, ווי פון א קליינעם פעהלער קען געמאכט ווערען אַן אונגעהויערער פעהלער, ווען מען זוכט איהם צו באַגרינדען און פיהרען צו א סוף.

די אָפּאָזיציע איז אזוי ווייט געגאַנגען, אז זי האָט זיך לחלוטין אָפּגעזאָגט פון א פארטיי און פארטיי־דיסציפּ־לין. דאָס אָבער איז דאָסזעלבע ווי דער פּראָלעטאריאט

וואָלט זיך פאַלשטענדיג ענטוואפענט כדי צו טאָן א טובה
דער בורזשואזיע. דאָס האָט דיזעלבע באַדייטונג ווי יענע
קליינבירגערליכע צושפּליטערונג, אומבאשטענדיגקייט, אונ־
פעהיגקייט צו זיין קאָנסעקוועגט, פאַראייניגט און הארמאָ־
ניש האנדלען, וועלכע פיהרען צו גרונד יעדע פּראָלעטארי־
שע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג. אפּצולייקענען די פּארטיי
אינ׳ם נאָמען פון קאָמוניזם הייסט איינפאַך מאכען א
שפּרונג פון ערב דעם צוזאמענברעכען פון קאַפּיטאַליזם (אין
דייטשלאנד) ניט צום אונטערסטען און ניט צום מיטעל־
סטען, נאָר צום העכסטען גראַד פון קאָמוניזם.

מיר, אין רוסלאנד, לעבען איצט דורך (אינ׳ם דריטען
יאָהר פונ׳ם אראָפּזעצען פון דער בורזשואזיע) די ערשטע
שטופּע פון דעם איבערגאנג פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַ־
ליזם, אָדער צו דעם אונטערשטען גראַד פון קאָמוניזם. די
קלאסען זיינען אומעטום נאָך יאָהרען לאנג געבליבען שטעהן
נאָכדעם ווי דער פּראָלעטאַריאַט האָט שוין פארכאַפּט די
מאכט, און וועלען נאָך פאַרבלייבען שטעהן פאר יאָהרען
לאנג. עס קען זיין, אז אין ענגלאנד, וואו עס זיינען קיין
פּויערים ניטאָ (עס זיינען אָבער דאָ קליינע גוט־באזיצער),
וועט דאָס אזוי לאנג ניט נעהמען. אָבער פאַרניכטען די
קלאסען, ד. ה. ניט נאָר די גרונד באזיצער און קאַפּיטאַליס־
טען פאַרטרייבען, — דאָס האָבען מיר פארהעלטנישמעסי־
ליכט געטאָן — מיינט אויך פאַרניכטען די קליינע באזי־
צער. זיי קען מען אָבער ניט אזוי לייכט פאַרטרייבען, זיי
קען מען אויך ניט אונטערדריקען, מען מוז זיך מיט זיי פאַר־
שטענדיגען, מען קען (און מען מוז) זיי דורך לאנגזאמער,
שווערער ארגאניזאטאָרישער ארבייט איבערמאכען און פון
דאָס־ניי ערציהען. זיי נעהמען ארום דעם פּראָלעטאַריאַט
פון אלע זייטען מיט א קליינבירגערליכען עלעמענט, זאפּען
איהם דערמיט דורך, דעמאָראליזירען איהם, רופען שטענ־
דיג ארויס צווישען די רייהען פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט א צוריק־
קעהרען זיך צו קליינבירגערליכער כאראקטערלאָזיגקייט,

רייסערייען, אינדיווידואליטעט און אָן איבערגעהן פון באגייסטערונג צו מוטלאָזיגקייט. עס איז נויטיג די שטרענגסטע צענטראליזאציע און דיסציפלין אין דער פאר־טיי גופא, אום ריכטיג זיעגרייך און ערפאָלגרייך דורכצו־פיהרען די אָרגאניזאטאָרישע ראלע (און אָט די ראָלע איז די הויפט ראלע) פונ'ם פראלעטאריאט. די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט איז א הארטנעקיגער קאמף, א בלוטיגער און ניט קיין בלוטיגער, א געוואלטזאמער און פריעדליכער, א מיליטערישער און ווירטשאפטליכער, א פעדאגאָגישער און אדמיניסטראטיווער, א קאמף געגען די קרעפטען און טראַ־דיציעס פון דער אלטער געזעלשאפט. די מאכט פון גע־וואוינהייט פון מיליאָנען און מיליאָנען מענשען — דאָס איז א שרעקליך גרויסע מאכט. אָהן אן אייזערנער, און אין קאמף אויסגעשמידטער פארטיי, אָהן א פארטיי, וואָס פאר־דיענט דעם צוטרויען פון אלע, וואָס איז עהרליך אין דעם קלאס, אָהן א פארטיי, וואָס פארשטעהט זיך צוצוהערען צו דער שטימונג פון די מאסען און ווייסט ווי צו ווירקען אויף איהר, איז אונמעגליך צו פיהרען אזא קאמף. צו באזיעגען די גרויסע צענטראליזירטע בורזשואזיע איז טויזענד מאָל לייכטער, ווי צו באזיעגען מיליאָנען און מיליאָנען קליינע באזיצער. די דאָזיגע מיליאָנען אבער פארווירקליכען די־זעלבע רעזולטאטען דורך זייער אלטעגליכער, ניט־קענטיגער, שטענדיגער און אונבאמערקטער צושטערענדער טעטיגקייט, וועלכע די בורזשואזיע האָט נויטיג אום צוריק צו פארכאפען די מאכט. ווער עס ברייגנט אריין די מינדסטע אָפשוואכונג אין דער אייזערנער דיסציפלין פון דער פארטיי (פונ'ם פראַ־לעטאריאט, איבערהויפט נאָך אין דער צייט פון זיין דיק־טאטור), דער העלפט פאקטיש דער בורזשואזיע אין איהר קאמף געגען דעם פראלעטאריאט.

צוזאמען מיט דער פראגע וועגען דער פארטיי, די קלא־סען, און די מאסען מוז אויך באריהרט ווערען די פראגע פון די רעאקציאָנערע געווערקשאפטס פארבאנדען. פאר־

דעם אָבער וויל איך מיר נאָך ערלויבען מאַכען איינִיגע שלום באַמערקונגען אויף דעם גרונד פון דער ערפאהרונג, וואָס מיר האָבען געהאַט אין אונזער פּאַרטיי. מען איז שטענדיג אָנגעפאַלען אויף דער דיקטאַטור פון די פיהרער אין אונזער פּאַרטיי. איך דערמאָן מיך דעם ערשטען אַנגריף אין יאָהר 1895, ווען עס האָט נאָך פּאַקטיש קיין פּאַרטיי ניט עקזיסטירט, און עס איז בלויז געווען אין פּעטערבורג די צענטראַל־גרופּע, וואָס האָט געמוזט איבערנעמען די פיהרערשאַפט אין די גרופּען פון דער פּראָווינץ. אויף דעם 9טען קאָנגרעס פון אונזער פּאַרטיי (אין אַפּריל 1900) האָט זיך געבילדעט אַ קליינע אָפּאָזיציע, וואָס האָט גערעדט געגען דער „דיקטאַטור פון די פיהרער”, דער „אָליגאַרכיע” און אַז וו. פון דעם איז צו דרינגען, אַז עס איז גאַר ניטאָ ביי די דייטשען קיין וואונדערליכעס, קיין נייעס, קיין שרעקליכעס אין דער „קינדער־קראַנקהייט” פון'ם „ראַדיקאַלען קאָמוניזם”. די קראַנקהייט געהט איבער אָהן געפאַהר, און דער אָרגאַניזם ווערט זאָגאַר נאָך קרעפטיגער. פון דער אַנדערער זייט האָט דער שנעלער איבערגאַנג פון לעגאַלער צו אונלעגאַלער אַרבייט, וועלכער איז געווען פאַרבונדען מיט דער נויטווענדיגקייט גראַדע צו „באַהאַלטען” דעם „גענעראַל שטאַב”, די אַזוי גערופענע „פיהרער”. צו האַלטען זיי קאָנספּיראַטיוו, האָט מאַנכעס מאָל געפיהרט צו זעהר געפעהרליכע ערשיינונגען. די ערגסטע צייט פון דעם איז געווען דאָס יאָהר 1912, ווען דער פּראַוואָקאַטאָר מאַלינאָווסקי האָט געקראָגען אַ צוטריט צום צענטראַלען קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס. ער האָט פאַרראַטען די בעסטע און איבערגעבענסטע גענאָסען, מאַנכע פון זיי פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע און אויף מאַנכע געבראַכט דעם פריהצייטיגען טויט. עס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען אנצרטאָן נאָך גרעסערע צרות בלויז דערפאַר, וואָס ביי אונז איז די לעגאַלע און אונלעגאַלע אַרבייט געווען ריכטיג אָרגאַניזירט.

אום צו געווינען אונזער צוטרויען, האָט מאַלינאָווסקי געמוזט אלס מיטגליעד פונ׳ם צענטראל קאָמיטעט פון דער פּארטיי און דומאַ־דעפּוטאַט, ארויסהעלפען אין דעם ארויס־געבען פון אַ לעגאַלער טעגליכער צייטונג, וואָס האָט זאָגאר אין דער צייט פון צאַריזם פאַרשטאַנען צו קעמפּען געגען דעם אָפּאָרטוניזם פון די מענשעוויקעס, און פּרעדיגען צו גלייכער צייט, אין אַ פארשטעלעטר פאָרם, די פּרינציפּען פון באָלשעוויזם. מיט איין האַנד אוועקשיקענדיג אַ טוצענד פון די בעסטע פיהרער, האָט מאַלינאָווסקי מיט דער אנדער האַנד געהאָלפען דורך דער לעגאַלער פּרעסע ערציהען צעהנדליגע טויזענדער נייע באָלשעוויקעס. איבער אָט די פאקטען האָבען געדארפט גרינדליך נאָכדענקען יענע דייטשע גענאָסען (ווי אויך די פראנצויזישע, ענגלישע, אמעריקאנישע, איטאַליענישע), וועמען עס שטעהט איצט פאר די אויפגאבע זיך צו לערנען דורכפיהרען רעוואָלוציאָנערע אר־בייט אין די רעאקציאָנערע געווערקשאפטס־פארבאנדען.

.6

זאָלען רעוואָלוציאָנערען ארבייטען אין רעאַק־ציאָנערע טרייד־יוניאָנס ?

אויף דער פראגע האָבען די דייטשע „לינקע" געענט־פערט מיט אַ קאַטעגאָרישען „ניין". לויט זייער מיינונג זיינען גענוג דעקלאַמאַציעס און בייזע אויסרופען געגען די „רעאַקציאָנערע" און „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע" געווערק־שאַפטען (ספעציעל פראָסט און נאַריש טוט דאָס ק. האָר־נער), כדי צו „באַווייזען", אַז עס איז אונמעגליך און אַז עס לוינט זיך ניט פאַר רעוואָלוציאָנערען, פאַר קאָמוניסטען צו אַרבייטען אין די געלע, סאָציאַל־שאָוועניסטישע און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע געווערקשאַפטען פון די קאָמפּראָמיסלער, פון די לעגיענס.

ווי איבערצייגט די דייטשע „לינקע" זאָלען ניט זיין אין דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט פון אַזאַ טאַקטיק, איז זי אין דער ווירקליכקייט פאַלש פון אָנפאַנג אָן און האָט אין זיך גאָרניט חוץ פוסטע פראַזען.

אום צו מאַכען דאָס קלאָר, וועל איך אָנפאַנגען מיט אונזער ערפאַהרונג — לויט דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון דעם דאָזיגען אַרטיקעל, וואָס האָט דעם צוועק אָנצואווענדען אין באַצוג צו מזרח־אייראָפּא דאָס, וואָס אַלע קענען אָננעהמען, וואָס האָט פאַר אַלעמען אַ באַדייטונג און וואָס איז פאַר אַלעמען פאַרפליכטענד אין דער געשיכטע און דער איצטיגער טאַקטיק פונ'ם באָלשעוויזם.

וועגען דער באַציהונג צווישען פיהרער — פאַרטיי — קלאַס — מאַסע, ווי אויך וועגען דער באַציהונג פון דער

פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור צו די געווערקשאַפטען, דענקען מיר פאָלגענדעס: די דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט ווערט פאַרווירקליכט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט לויט דעם באַריכט אויף דעם לעצטען פּאַרטיי־קאָנגרעס (אַפּריל, 1920) 611,000 מיטגלידער. די צאָהל פון מיטגלידער האָט זיך שטאַרק געוואַקעלט ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ווי אויך נאָך איהר און איז פריהער געווען פיל קלענער, אפילו נאָך אין 1918 און אין 1919. מיר האָבען מורא די פּאַרטיי זאָל ניט ווערען צו גרויס, ווייל אַוואַנטיוריסטען, וועלכע פאַרדינען מען זאָל זיי ריכטיג אַרונטערקלאַפּען, זוכען שטענדיג אָנצושליסען זיך אָן דער רעגירונגס־פּאַרטיי. דאָס לעצטע מאָל האָבען מיר ברייט געעפענט די טירען פון אונזער פּאַרטיי — בלויז פאַר אַרבייטער און פויערים — אין יענע טעג (ווינטער 1919), ווען יודעניטש איז געשטאַנען עטליכע קילאָמעטער פון פּעטראָגראַד און דעניקין איז געווען אין אָריאָל (אַרום 350 קילאָמעטער פון מאָסקווע), ד. ה., ווען סאָוועטען־רוסלאַנד איז געשטאַנען פאַר דער גרעסטער געפאַהר און ווען אַוואַנטיוריסטען און באַטריגער האָבען ניט געקענט רעכענען צו מאַכען ווי עס איז אַ גוטע קאַריערע דערמיט וואָס זיי וועלען זיך אָנשליסען אָן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (האָבען שוין גיכער געקענט ערוואַרטען די תליה). די פּאַרטיי, וועלכע האַלט אָפּ יעדען יאָהר אַ קאָנגרעס (אויף דעם לעצטען קאָנגרעס איז געווען פאַרטראָטען אַ דעלעגאַט פון יעדע 1000 מיטגלידער), ווערט געפיהרט פון אַ צענטראַלען קאָמיטעט (פון 19 פּערזאָנען), וואָס איז ערוועהלט אויפ'ן קאָנגרעס, אין דער צייט וואָס די לויפענדע אַרבייט ווערט אָנגעפיהרט אין מאָסקווע פון נאָך אָן ענגערען קאָלעגיום, פון דעם אַזוי גערופענעם אָרגאַניזאַציאָנס־ביוראָ און דעם פּאָליטישען ביוראָ, וועלכע ווערען ערוועהלט אויף די זיצונגען פון צענטראַלען קמיטעט, צו פינף מיטגלידער אין יעדען ביוראָ. עס ענטשטעהט אויף אַזאַ אופן די ווירקליכע „אָליגאַרכיע".

קיין איין וויכטיגע פּאָליטישע אָדער אָרגאַניזאַציאָנס פראגע אין דער רעפּובליק ווערט ניט ענטשיידען אָהן דער לייטענ־דער אָנווייזונג פונ'ם צענטראַלען קאָמיטעט.

אין איהר טעטיגקייט שטיצט זיך די פּארטיי דירעקט אויף די געווערקשאַפטען, וועלכע צעהלען — לויט די ציפערען, וואָס זיינען אָנגעגעבען געוואָרען אויף דעם לעצטען קאָנגרעס (אפּריל 1920) מעהר ווי פיר מיליאָן מיטגלידער, אין דער צייט וואָס אָפיציעל זיינען זיי אונפּאַרטייאיש. פּאַקטיש באַשטעהען אַלע פיהרער פון דער באַדייטענ־דער מאַיאָריטעט טרייד־יוניאָנס, ווי אויך דער אַלרוסישער צענטראַל־סאָוועט פון די געווערקשאַפטען, פון קאָמוניסטען, וואָס פיהרען דורך אַלע ליניען פון דער פּאַרטיי. עס ענט־שטעהט אויף אַזאַ אופן אַן אָפיציעל ניט קאָמוניסטישער, בויגזאַמער, ווייטער, אונגעהייער מעכטיגער פּראָלעטאַריש־ער אפּאַראַט, דורך וועלכען די פּאַרטיי איז ענג פאַרבונדען מיט דעם קלאַס און מיט דער מאַסע און דורך וועלכען עס ווערט פאַרווירקליכט די דיקטאַטור פונ'ם קלאַס אונטער דער לייי־טונג פון דער פּאַרטיי. אָהן דעם ענגסטען קאָנטאַקט מיט די געווערקשאַפטען, אָהן זייער אונטערשטיצונג, אָהן זייער זעלבסט־אָפּפּערענדער אַרבייט ניט נאָר אויף דעם עקאָנאָ־מישען, נאָר אויך אויף דעם מיליטערישען געביט וואָלטען מיר ניט נאָר צוויי און אַ האַלב יאָהר, נאָר אויך ניט צוויי און אַ האַלב מאָנאַטען געקענט פאַרוואַלטען דאָס לאַנד און פאַרווירקליכען די דיקטאַטור. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער דאָזיגער ענגסטער קאָנטאַקט איז אין דער פּראַקטיק זעהר אַ קאָמפּליצירטע און פאַרשידענאַרטיקע טעטיגקייט אויף דעם געביט פון פּראָפּאַגאַנדאַ און אַגיטאַציע; עס פאָדערט זיך צו האָבען גאַנץ אָפטע באַראַטונגען ניט נאָר מיט די פיהרער, נאָר הויפּטזעכליך מיט די איינפלוסרייכע טוער אין די געווערקשאַפטען, אָנפיהרען אַן ענטשידענעם קאַמף געגען די מענשעוויקעס, וועלכע האָבען נאָך ביז איצט אַפילו זעהר אַ קליינע, אָבער דאָך אַ געוויסע צאָהל אָנהענגער,

וועלכע זיי קלאפּען אריין אין קאָפּ אַלערליי קאָנטער־רעוואָ־לוציאָנערע זאכען, — וועגען דער אידעאַלער פארטיידיגונג פון דער (בורזשואזער) דעמאָקראַטיע, וועגען דער „אומאָפּהענ־גיגקייט" פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט איבער דעם שטאַאַט, וועגען סאבאָטאזשען פּראָלעטאַרישע דיסציפּ־לין א. ד. גל.

דעם קאָנטאַקט מיט די „מאַסען" דורך די געווערקשאַפ־טען האַלטען די באָלשעוויקעס פאר ניט גענוגענד. אין פאר־לויף פון דער רעוואָלוציע האָט די פּראַקטיק ביי אונז גע־שאַפען אַן אינסטיטוציע, וועלכע מיר זוכען צו אונטערשטי־צען, ענטוויקלען און פארברייטערען; דאָס זיינען די אומ־פּאַרטייאישע ארבייטער און פויערים קאָנפערענצען, וועלכע זיינען געשאַפען אום צו באַאָבאַכטען די שטימונג פון די מאַסען, צו באַקענען זיך מיט זיי, צו געבען אַן ענטפער אויף זייערע פאָדערונגען, אויסצוקלייבען פון זיי די בעסטע טוער פאר דעם דינסט פונ'ם שטאַאַט, א. א. וו. לויט אייגעם פון די לעצטע דעקרעטען וועגען דער רעאָרגאַניזאַציע פון דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאר דעם קאָנטראָל פונ'ם שטאַאַט אין אַן „ארבייטער־און־פויערים־אינספּעקציע" קריגען אזעל־כע אומפּאַרטייאישע קאָנפערענצען דאָס רעכט צו ערוועהלען מיטגלידער פאר פארשידענע רעוויזיעס אין דעם קאָנטראָל פונ'ם שטאַאַט א. ז. וו.

חוץ דעם ווערט די גאַנצע ארבייט פון דער פּאַרטיי דורכגעפיהרט דורך די סאָוועטען, וועלכע פאראייניגען די ארבייטענדע מאַסען אָהן אונטערשיד פון פאַך. די דיסטריקט־קאָנגרעסען פון די סאָוועטען זיינען אזא דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע, וועלכע די בעסטע דעמאָקראַטישע רעפּובלי־קען פון דער גאַנצער וועלט האָבען נאָך ניט געזעהן, און דורך די דאָזיגע קאָנגרעסען (וועלכע די פּאַרטיי זוכט אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגליך אויפמערקזאַם צו באַאָבאַכטען) ווי אויך דורך דעם וואָס קלאַסען־באַוואוסטזיניגע ארבייטער ווערען געשיקט צו פארנעהמען פארשידענע שטעלעס אין די

דערפער, ווערט דורכגעפיהרט די פיהרענדע ראָלע פון דעם פראָלעטאריאַט אין באַצוג צום פויערטום, ווערט פארוויר־קליכט די דיקטאַטור פונ'ם שטאָדטישען פראָלעטאריאַט, וואָס פיהרט אָן אַ סיסטעמאַטישען קאַמף געגען די רייכע, בורזשואַזע עקספּלואַטאַטאָרס און ספּעקולאַנטען־פויערים א. אז. וו.

דאָס איז דער אַלגעמיינער מעכאַניזם פון דער פּראָלע־טארישער שטאַאַט־מאַכט, „פון אויבען אראָפּ", ווען מען באַטראַכט איהם פונ'ם פּראַקטישען שטאַנדפּונקט ווי צו פארווירקליכען די דיקטאַטור. דער לעזער וועט האָפּענטליך פארשטעהן, פאר וואָס דער רוסישער באָלשעוויק, וועלכער האָט געזעהן ווי דער דאָזיגער מעכאַניזם איז ענטשטאַנען פון קליינע, אונלעגאַלע גרופּען אין אַ משך פון 25 יאָהר, באַטראַכט פּאר אַ לעכערליכען קינדערשען אונזין אַלע גע־שפּרעכען וועגען „אויבען" און „פון אונטען", וועגען דער דיקטאַטור פון די פיהרער אָדער דיקטאַטור פון די מאַסען; ער באַטראַכט דאָס פאר דעמזעלבען אונזין, ווי אַ שטרייט וועגען דעם, וואָס איז דעם מענשען נוצליכער: אַ לינקע פוס אָדער אַ רעכטע האַנד.

* * *

אַלס אַזאַ לעכערליכען קינדערשען אונזין באַטראַכטען מיר די וויכטיגע, זעהר געלערענטע און שרעקליך רעוואָלו־ציאָנערע דיסקוסיעס פון די דייטשע „לינקע" וועגען דער טעמע, צי קענען ניט און דארפען ניט די קאָמוניסטען זיין טעטיג אין די רעאַקציאָנערע געווערקשאַפטען, אַז מען מעג זיך צוריקציהען פון אַזאַ טעטיגקייט, אַז עס איז נויטווענדיג אַרויסצוטרעטען פון די געווערקשאַפטען און גרינדען אַ גאַנץ נייע, גאַנץ ניכטערע, גאַנץ ריינע (און מייסטענסטיילס נאַ־טירליך זעהר יוגענדליכע), פון קאָמוניסטען אויסגעטראַכטע „ארבייטער־יוניאָן".

דער קאַפּיטאַליזם לאָזט איבער אומפארמיידליך דעם סאָ־

ציאַליזם אין ירושה — פון איין זייט דעם אַלטען אונטער־שיד צווישען ארבייטער לויט זייער פאַך, און אונטערשיד, וואָס איז ענטשטאַנען מיט הונדערטע יאָהרען צוריק, און פון דער אַנדערער זייט די געוועקשאפטען, וועלכע וועלען זעהר לאַנגזאַם, יאָהר נאָך יאָהר, ענטוויקלען זיך אין ברייטערע, ווענינער פאכמעסיגע פּראָדוקציאָנס־יוניאָנס (וועלכע וועלען ארומנעהמען גאַנצע צווייגען פון דער פּראָדוקציע און ניט נאָר געוויסע פאכען און פּראָפעסיעס). ערשט דורך די דאָזיגע פּראָדוקציאָנס־יוניאָנס וועט פאַרניכטעט ווערען די פאַך־צוטיילונג פון ארבייט צווישען מענשען. מענשען וועלען ערצויגען, געשולט און פאַרבאַרייטעט ווערען אלס אַלזייטיג ענטוויקעלטע, אַלזייטיג פאַרבאַרייטעטע מענשען, מענשען, וואָס קענען טאָן יעדע ארבייט. צו דעם שטרעבט דער קאָמוניזם, צו דעם דאַרף ער שטרעבען און דאָס וועט ער דערגרייכען אָבער ערשט נאָך אַ לאַנגער רייהע פון יאָהרען. פּרובירען פּאָלשטענדיג צו ענטוויקלען די דאָזיגע רעזולטאטען פון דער צוקונפט איצט, צו דערגרייכען היינט צו טאָג אַ פּאָלשטענדיג באַפעסטיגטען און פאַרקערפּערטען, פּאָלקאָמען ענטוויקעלטען און רייפען קאָמוניזם — איז דאָס זעלבע וואָס ארויפלייגען פליכטען פון אַ מוטער אויף אַ מיידעלע פון פיר יאָהר. אין בעסטען פאַל איז דאָס אַ נארישער וויץ אָדער אַ נארישע קינדעריי, אין ערגסטען פאַל — אַ געמיינהייט און אַ פאַרברעכען.

מיר קענען ניט (און דאַרפען ניט) אָנפאַנגען אויפצובויען דעם סאָציאַליזם פון אַ פאַנטאַסטישען און ספּעציעל פון אונז געשאַפענעם מענשען־מאַטעריאַל, נאָר פון דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט אונז איבערגעלאָזען בירושה. דאָס איז זעהר „שווער", מען קען דאָס ניט אויסדריקען אין ווערטער, אָבער יעדער אַנדערער פאַרזוך צו לייזען די דאָזיגע אויפגאַבען איז אַזוי ווענינ ערנסט, אַז עס לוינט זיך גאָר ניט רעדען וועגען דעם.

די געוועקשאפטען זיינען געווען אַ ריזיגער פאַרט־

שריט פון דעם ארבייטער קלאַס, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אָנגעפאַנגען ענטוויקלען. זיי זיינען געווען דער איבערגאַנג פון דער אָפּגעזונדערטקייט און הילפלאָזיגקייט פון די אַרבייטער צום אָנפאַנג פון אַ קלאַסען־פאַראייניגונג. ווען עס האָט אָנגעהויבען וואַקסען די העכערע פאָרם פון קלאַסען־פאַראייניגונג פון פּראָלעטאַריער — די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט (וועלכע איז ניט ווערט צו טראָגען דעם נאָמען ביז זי לערנט זיך ניט אויס צו פאַרבינדען די פיהרער מיט דעם קלאַס און מיט דער מאַסע אין אַן איינהייטליכעם גאַנצעם),—זיינט דאַן האָבען די געווערקשאַפטען אומפאַרמיידליך אָנגענומען אַ געוויסע רעאַקציאָנערע ריכטונג, אַ געוויסע פאַכען־ענגהייט, אַ געוויסע טענדענץ צום אַבסאָלוטיזם, אַ געוויסע רוטינע א. אז. וו. די ענטוויקלונג פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט איז אין ערגעץ ניט פאַרגעקומען אַנדערש און האָט אַנדערש ניט געקענט פאָרקומען ווי דורך די געווערקשאַפטען, דורך זייער צוזאַמענווירקען מיט דער פּאַרטיי פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס. דאָס וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט ערֹאָבערט די פּאָליטישע מאַכט איז אַ גיגאַנטישער שריט פאָרווערטס פאַר איהם אַלס אַ קלאַס, און די פּאַרטיי דאַרף נאָך מעהר און אויף אַ נייעם שטייגער ערציהען און זיין דער פיהרער פון די געווערקשאַפטען ; זי דאַרף אָבער ניט פאַרגעסען, אַז זיי זיינען אַ נויטווענדיגע „שולע פון קאָמוניזם” און אַ פאַרבאַרייטונגס־שולע צו פאַרווירקליכען די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, אַז זיי וועלען בלייבען אַ לאַנגע צייט אַ נויטווענדיגע פאַראייניגונג פון די אַרבייטער, ביז די פאַרוואַלטונג פון דער גאַנצער ווירטשאַפט פון לאַנד וועט איבערגעהן אין די הענט פון דעם גאַנצען אַרבייטער־קלאַס (און ניט פון איינצעלנע פאַכען).

אַ געוויסער „רעאַקציאָנערער” גייסט אין די געווערקשאַפטען איז אין דעם אָנגעוויזענעם זינען אונפאַרמיידליך אונטער דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. ניט צו פאַרשטעהן דאָס מיינט פאָלשטענדיג ניט פאַרשטעהן די הויפּט־באַ־

דינגונגען פון דעם איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צום סאָ־ציאַליזם. שרעקען זיך פאַר דעם דאָזיגען „רעאַקציאָנערען גייסט", פּרובירען אויסקומען אָהן איהם, איז די גרעסטע נאַרישקייט, ווייל דאָס מיינט שרעקען זיך פאַר דער ראָלע פון דעם פּראָלעטאַרישען אוואַנגאַרד, וועלכע באַשטעהט אין דעם, וואָס ער דאַרף אויפקלערען, ערציהען, אריינציהען אין דאָס נייע לעבען די אָפּגעשטאַנענסטע שיכטען און מאַ־סען פון דעם אַרבייטער קלאַס און פּויערים. פון דער אַנ־דערער זייט וואָלט זיין נאָך א פיל גרעסערער טעות אָפּ־צולעגען די פאַרווירקליכונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיק־טאַטור, ביז עס וועט ניט בלייבען קיין איין איינציגער אר־בייטער, וואָס האָט טרייד־יוניאָניסטישע פאַראורטיילען. די קונסט פון א פּאָליטיקער (און אין דעם באַשטעהט דאָס ריכטיגע פאַרשטעהן פון א קאָמוניסט און וואָס זיינע אויפ־גאַבען זיינען) באַשטעהט דאָך טאַקע אין דעם, וואָס ער דאַרף קענען ריכטיג אָפּשאַצען די באַדינגונגען און דעם מאָ־מענט, ווען דער אוואַנגאַרד פון דעם פּראָלעטאַריאַט קען ערפאָלגרייך פאַרכאַפּען די מאַכט, ווען ער קען דערביי און נאָכדעם געפינען א גענוגענדע שטיצע פון גענוג ברייטע שיכטען פון אַרבייטער קלאַס אין די ניט פּראָלעטאַרישע אַרבייטענדע מאַסען; ווען ער פאַרשטעהט ווי צו שטי־צען, באַפעסטיגען און ווייטער ברענגען זיין הערשאַפט דער־מיט וואָס ער ערציהט און ציהט אַריין אַלץ ברייטערע מאַסען פון די אַרבייטער.

אין די לענדער וואָס זיינען אינדוסטריעל מעהר פאָרט־געשריטען, ווי דייטשלאַנד, האָט זיך, אָהן צווייפעל, אַרוים־געוויזען פיל שטאַרקער א געוויסער רעאַקציאָנערער גייסט אין די געווערקשאַפטען, ווי ביי אונז. און ס'האָט געמוזט אַזוי זיין. ביי אונז האָבען די מענשעוויקעם (אין זעהר וועניג געווערקשאַפטען) געפונען פאַר זיך א שטיצע אין די יוניאָנס צוליב דעם ענגאַיזם און אָפּאָרטוניזם פון די געווערק־שאַפטען. אין מערב איירופּא האָבען די דאָרטיגע מענשע־

וויקעס געפונען אַ פּיל פּעסטערען „נעסט" אין די געווערקשאַפטען, ווייל דאָרט האָט זיך געבילדעט אַ פּיל שטאַרקערע ווי ביי אונז טרייד־יוניאָניסטישע, ענגהערציגע, עגאָאיסטישע, עהרגייציגע, האַרטע, קליינבירגערליך־געשטימטע „אַרבייטער אַריסטאָקראַטיע", וואָס איז אָנגעשטעקט און דעמאָראַליזירט פון דעם אימפּעריאַליזם.

דער קאַמף געגען די גאָמפּערסעס, געגען די הערען זשויאָ (פראַנקרייך), הענדערסאָן (ענגלאַנד), מערהיים (עסטרייך), לעגיען (דייטשלאַנד) און קאָנסאַרטען (סקאַנדינאַוויען), איז פּיל שווערער ווי דער קאַמף געגען אונזערע מענשעוויקעס, וועלכע זיינען פון דעמזעלבען סאָציאַלען און פּאָליטישען טיפּ. דער דאָזיגער קאַמף מוז אומ׳ברחמנות׳דיג געפיהרט ווערען און אומבאַדינגט געפיהרט ווערען ביז צום סוף, ווי מיר האָבען דאָס געטאָן, ביז אַלע פיהרער פון דעם אָפּאָרטוניזם און סאָציאַל־שאָוויניזם וועלען פאַלשטענדיג דיסקרעדיטעט ווערען און ארויסגעטריבען ווערען פון די טרייד־יוניאָנס. מען קאָן ניט פאַרכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט (און מען דאַרף אַפילו ניט פאַרזוכען דאָס צו טאָן), ביז דער דאָזיגער קאַמף איז ניט געבראַכט צו אַ געוויסער שטופע. די דאָזיגע „געוויסע שטופע" איז ניט דיזעלבע אין פאַרשידענע לענדער און פאַרשידענע באַדינגונגען, און זי קען אָפּגעשאַצט ווערען אין יעדען לאַנד פון דענקענדע, ערפאַהרענע און אויסגעפּרובירטע פּאָליטישע פיהרער פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט. (ביי אונז האָבען צווישען אַנדערע זאַכען געדינט אַלס מאַסשטאַב פון ערפאָלג אין דעם קאַמף פון די וואַהלען צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין נאָוועמבער, 1917, עטליכע טעג נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען די מענשעוויקעס זיינען ביי די וואַהלען באַזיגט געוואָרען: זיי האָבען געקראָגען זיבען הונדערט טויזענט שטימען — צוזאַמען מיט דעם קאַווקאַז אַ מיליאָן און פיר הונדערט טויזענט שטימען, געגען די ניין מיליאָן שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען פאַר די באָלשעוויקעס. (זעה מיין

ארטיקעל: „די וואהלען צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג און די דיקטאטור פונ'ם פראלעטאריאט", אין נומער 7 און 8 פונ'ם „קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל").

דעם קאמף געגען דער „ארבייטער אריסטאקראטיע" פירען מיר אבער אינ'ם נאמען פון די מאסען; דעם קאמף געגען די אפארטוניסטישע און סאציאל־שאוויניסטישע עלעמענטען פיהרען מיר, כדי צו ברייננגען די ארבייטער אויף אונזער זייט. עס וואלט זיין נאריש צו פארגעסען די דאזיגע עלעמענטארסטע און פארשטענדליכסטע אמת'ען. און אזא נארישקייט באגעהען די „לינקע" דייטשע קאמוניסטען, וועלכע קומען צום שלום, אז אויב די פיהרערשאפט פון די געווערקשאפטען איז רעאקציאנער און קאנטער־רעוואלוציאנער, דארף מען ארויסטרעטען פון די געווערקשאפטען, צוריקציהען זיך פון דער ארבייט אין זיי און שאפען נייע, אויסגעטראכטע פארמען פון ארבייטער ארגאניזאציע. דאס איז אזא אונפארצייהליכע נארישקייט, אז זי קען באטראכט ווערען אלס א טובה, וואס די קאמוניסטען וועלען טאן פאר דער בורזשואזיע. ווייל אונזערע מענשעוויקעס זיינען ווי אלע אפארטוניסטישע, סאציאל־שאוויניסטישע, קאוטסקיאנישע פיהרער פון די געווערקשאפטען ניט קיין אנדערע ווי „אגענטען פון דער בורזשואזיע אין דער ארבייטער־באוועגונג" (אזוי זיינען מיר אלע מאל ארויסגעטראטען געגען די מענשעוויקעס) אדער „לייבאר ליוטענאנטס אוו דהי קעפיטאליסטס קלעס", לויט דעם אויסגעצייכענטען און זעהר ריכטיגען אויסדרוק פון דעניעל דע ליאן'ם אנהענגער אין אמעריקא. ניט זיין טעטיג אין די רעאקציאנערע יוניאנס מיינט איבערלאזען די ווייניג ענטוויקעלטע אדער אפגעשטאנענע ארבייטער מאסען אונטער דעם איינפלוס פון די רעאקציאנערע פיהרער, פון די אגענטען פון דער בורזשואזיע, פון דער ארבייטער אריסטאקראטיע אדער פון די „פארבורזשואזעוועטע ארבייטער" (פארגלייך ענגעלס'עס בריף צו מארקס'ען וועגען די ענגלישע ארבייטער אין יאהר 1852).

גראדע די דאָזיגע נארישע „טעאָריע" וועגען דעם, אז קאָמוניסטען זאָלען זיך ניט באַטייליגען אין די רעאקציאָנערע טרייד־יוניאָנס באַווייזט זעהר בולט ווי לייכטזיניג די דאָזיגע „לינקע" קאָמוניסטען פארהאַלטען זיך צו דער פראַגע וועגען איינפלוס אויף די „מאסען", ווי זיי מיסברויכען דעם אויסדרוק „מאַסען". אום צו העלפען דער „מאַסע" צו פארשטעהן, אום צו געווינען די סימפּאַטיע און די שטיצע פון דער „מאַסע", דארף מען זיך ניט אָפּשרעקען פאר שוועריגקייטען, דארף מען ניט מורא האָבען פאר קיינע זידלערייען, באַליידיגונגען און פארפאָלגונגען מצד די „פיהרער" (וועלכע, אלס אָפּאָרטוניסטען אָדער סאָציאַל־שאָוויניסטען שטעהען מייסטענס דירעקט אָדער אינדירעקט אין פארבינדונג מיט דער בורזשואַזיע אָדער פּאָליציי); מען דארף אונבאַדינגט ארבייטען דאָרט, וואו די מאַסע איז. מען דארף בריינגען די גרעסטע קרבנות, מען דארף ברעכען די גרעסטע שטערונגען, אום סיסטעמאַטיש, פאר'עקשנ'ט, געדולדיג אָנפיהרען די פּראָפּאַגאַנדא און אגיטאַציע גראדע אין יענע אינסטיטוציעס, פאראיינען, יוניאָנס, וואו עס זיינען דאָ פּראָלעטארישע אָדער האַלב־פּראָלעטארישע מאַסען. די געווערקשאַפטען זיינען גראדע אזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וואו מען געפינט די מאַסען. אין ענגלאַנד איז לויט די ציפערען אין אַ שוועדישער צייטונג פונ'ם 10טען מערץ, 1919, די צאָהל מיטגלידער אין די טרייד־יוניאָנס געשטיגען פון ענדע 1917 ביז ענדע 1918 פון 5,500,000 אויף 6,600,000, ד. ה. אויף 19 פּראָצענט. ענדע 1919 איז די צאָהל געשטיגען אויף 7,500,000. איך האָב ניט בײַם האַנד קיין ענטשפּרעכענדע ציפערען וועגען פראַנקרייך און דייטשלאַנד, עס איז אָבער אַ גוט באַקאַנטער פאַקט, אַז די צאָהל מיטגלידער פון די געווערקשאַפטען איז אויך אין די דאָזיגע לענדער אונגעהייער געשטיגען.

די דאָזיגע פאקטען באַווייזען אַם בולט'סטען, ווי עס איז באַשטעטיגט געוואָרען דורך טויזענדער אנדערע וועגען,

דעם וואוקס פון קלאסענבאוואוסטזיין און דאס שטרעבען צו ארגאניזאציע גראדע צווישען די „אונטערשטע שיכ־טען", די אפגעשטאנענסטע פראלעטארישע מאסען. מי־ליאנען ארבייטער אין ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד געהען איבער צום ערשטען מאל פון פאלשטענדיגער ניט־ארגאניזירטקייט צו דער עלעמענטארסטער, נידריגסטער, איינפאכסטער און אם לייכטסטען ערדרייכבארער ארגאניזא־ציע, צו די געווערקשאפטען—און די רעוואלוציאנערע אבער נארישע „לינקע קאמוניסטען" בלייבען ביי זייערס, שרייען: „מאסע, מאסע!" און ווילען ניט ארבייטען אין די גע־ווערקשאפטען. זיי זאגען זיך אפ צו ארבייטען דארט צו־ליב דעם „רעאקציאנערען גייסט!" זיי טראכטען אויס שפאגעל־נייע „ארבייטער יוניאנס", וואס זיינען פריי פון בורזשואז־דעמאקראטישע פאראורטיילע, וואס זיינען אבער ווייט ניט פריי פון ענג טרייד־יוניאניסטישע חטאים, וואס זעלען (ווערען!) ארומנעהמען מעהר ארבייטער, וואס וועלען דארפען אנערקענען בלויז (בלויז!) „דאס סאוועט סיס־טעם און די דיקטאטור".

קיין גרעסערע נארישקייט, קיין גרעסערען שאדען פאר דער רעוואלוציע, ווי עם ברייננגען די „לינקע" רעוואלוציא־נערען, קען מען זיך גאר ניט פארשטעלען. יא, ווען מיר וואלטען אפילו אין רוסלאנד, נאכדעם ווי מיר האבען צוויי און א האלב יאהר אפגעהאלטען אונערהערטע זיגע איבער דעם בורזשואזען רוסלאנד און די אליארטע, — ווען מיר וואלטען אין רוסלאנד געשטעלט אלס א באדינגונג פאר אריינטרעטען אין די געווערקשאפטען די „אנערקענונג פון דיקטאטור", וואלטען מיר באגאנגען א נארישקייט, וואלטען מיר פארדארבען אונזער איינפלוס אויף די מאסען און וואל־טען געהאלפען די מענשעוויקעס. ווייל די הויפט אויפגאבע פון די קאמוניסטען באשטעהט דאך אין דעם, וואס זיי דארפען איבערצייגען די אפגעשטאנענע, וואס זיי דארפען פארשטעהן ווי צו ארבייטען צווישען זיי און ניט אפצאמען

זיך פון זיי דורך אויסגעטראַכטע, קינדערש-לינקע שלאָג־ווערטער.

עס קאָן גאָר קיין צווייפעל ניט זיין, אַז די הערן גאָמ־פערס, הענדערסאָן, זשויאָ און לעגיען זיינען זעהר דאַנקבאַר די דאָזיגע „לינקע״ רעוואָלוציאָנערן, וועלכע פּרעדיגן, אַז די דייטשע „פּרינציפּיעלע״ אָפּאָזיציע (באַהיט אונז גאָט פון אַזאַ פּרינציפּעלקייט) אָדער אַז איניגע רעוואָלוציאָנע־רען צווישען די אַמעריקאַנער א. וו. וו. זאָלען „אַרויסטרע־טען פון די רעאַקציאָנערע יוניאָנס און אויפגעבען זייער אַרבייט דאָרט״. עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז די „פיה־רער״ פון אָפּאָרטוניזם אין יעדער מאַכינאַציע פון דער בור־זשואַזער דיפּלאָמאַטיע צו אונטערשטיצען דעם בורזשואַזען רעזשים, צו אונטערשטיצען די בורזשואַזע רעגירונגען, די גלחים, די פּאָליציי און דעם געריכט, וועלען אַנווענדען אַלע מיטלען אויף ניט אַריינלאָזען די קאָמוניסטען אין די גע־ווערקשאַפטען, כדי פּטור צו ווערען פון זיי און מאַכען פאַר זיי אונמעגליך צו אַרבייטען פאַר זיי אין די געווערקשאַפ־טען. די דאָזיגע „פיהרער„ וועלען באַליידיגען די קאָמוניס־טען, וועלען העצען געגען זיי, וועלען זיי פאַרפאָלגען. מען מוז אָבער פאַרשטעהן ווי צו באַקעמפען דאָס, זיין גרייט אויף אַלע אָפּפער, זאָגאַר — ווען נויטיג — אַנווענדען פאַר־שידענע „טריקס״, אונלעגאַלע מעטאָדען, פאַרשווייגען, אַלע מעגליכע מיטלען אום נאָר אַריינצודרינגען אין די גע־ווערקשאַפטען, בלייבען דאָרט און אום יעדען פּרייז אָנפיה־רען אין זיי קאָמוניסטישע טעטיגקייט אונטער דעם צאַ־ריזם, ביז 1905, האָבען מיר גאָר קיינע „לעגאַלע״ מעגליכ־קייטען ניט געהאַט. ווען אָבער זובאַטאָוו, וועלכער איז גע־שטאַנען אין דינסט פון דער אָכראַנאַ, האָט געגרינדעט רע־אַקציאָנערע אַרבייטער-פאַרזאַמלונגען און אַרבייטער-פאַר־איינען מיט דעם צוועק צו פאַנגען רעוואָלוציאָנערען און באַקעמפען זיי, האָבען מיר געשיקט מיטגלידער פון אונ־זער פּאַרטיי צו די דאָזיגע פאַרזאַמלונגען און פאַראיינען,

וואו זיי זאָלען געפינען פאַרבינדונגען מיט די מאַסען, אָנ־פיהרען זייער אַגיטאַציע און אָפּרייסען די ארבייטער פון זובאַטאָוו'ס איינפלוס. (איך פערזענליך געדענק דעם געג. באַבושקין, אַן אויסגעצייכענטער פעטערבורגער ארבייטער, וואָס האָט אויף זיך גענומען די ארבייט, און וועמען די צאַ־רישע געגעראַלען האָבען אין 1906 דערשאָסען). די גאַמ־פּערסעס, הענדערסאָנס, זשויאָס און לעגיענס זיינען די זעלבע זובאַטאָוס, וואָס אונטערשיידען זיך פון אונזער זובאַטאָוו מיט אַן איירָאָפּעאישען אנצוג, מיט דעם אויסערען גלאַנץ, מיט ציוויליזירטע, פאַרפיינערטע דעמאָקראַטיש־צוגעפּוצטע מעטאָדען, אום דורכצופיהרען זייער נידריגע פּאָליטיק. אין מערב־איירָאָפּע, וואו די מאַסען זיינען באַזונדערס שטאַרק דורכגעדרונגען מיט די איינגעוואָרצעלטע לעגאַליסטישע, קאָנסטיטוציאָנעלע, בורזשואַז־דעמאָקראַטישע פאַראורטיילע, איז נאַטירליך נאָך שווערער דאָס צו טאָן. אָבער מען קען און מען מוז דאָס טאָן, און עס דאַרף געטאָן ווערען סיסטע־מאַטיש.

מיין פּערזענליכע מיינונג איז, אַז די עקזעקוטיווע פון דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל דאַרף דירעקט פאַראורטיילען די פּאָליטיק פון ניט באַטייליגען זיך אין די רעאַקציאָנערע טרייד־יוניאָנס — צי זי ווערט אָנגעפיהרט דירעקט אָדער אינדירעקט, אָפען אָדער באַהאַלטען, גאַנץ אָדער טיילווייז. די עקזעקוטיווע דאַרף אויך פאַרשלאָגען אויף דעם קומענ־דען קאָנגרעס פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל צו פאַרדאַמען אַזאַ פּאָליטיק. דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף זיך אָפּזאָגען פון דער טאַקטיק פון דעם צווייטען אינ־טערנאַציאָנאַל און ניט באַהאַלטען די אָנגעוועהטאָגטע פונק־טען, ניט פאַרגלעטען, נאָר דירעקט אָנווייזען אויף זיי. מיר זאָגען דעם אמת אין די אויגען די „אומאָפּהענגיגע" פון דייטשלאַנד, און מיר מוזען זאָגען דעם אמת אויך די „לינקע" קאָמוניסטען.

7.

דאַרף מען זיך באַטייליגען אין בורזשואַזען פּאַרלאַמענט?

די דייטשע „ראַדיקאַלע" קאָמוניסטען האָבען אָט די פראַגע זעהר לייכט פּאַרענטפערט — מיט „ניין". מיט וואָס האָבען זיי דאָס באַגרינדעט? פרעגט איהר. לעזט אָר די פאָלגענדע ציטאַטען און איהר וועט שוין אַליין זעהן:

. . . „מען מוז זיך אָפּזאָגען פון צוריקצוקעהרען זיך צום פּאַרלאַמענטאַריזם, ווייל דאָס איז א קאַמפּס־פאָרמע, וואָס האָט זיך היסטאָריש און פּאָליטיש איבערגעלעבט..."

אזא באַהויפּטונג איז פאַלש און לעכערליך. „צוריק־קעהרען זיך" צום פּאַרלאַמענטאַריזם! עס איז שוין אפשר איינגעפיהרט אין דייטשלאַנד די סאָוועטען־רעפּובליק? דערווייל הערט זיך נאָך ניט אזא זאַך. ווי קען מען אויף אזא אופן ריידען פון „צוריקקעהרען זיך"? איז דאָס ניט א פּוסטע פראַזע?

דער פּאַרלאַמענטאַריזם האָט זיך „היסטאָריש איבער־געלעבט". דאָס איז ריכטיג אין דעם זין פון פּראָפּאַגאַנ־דאָ. אָבער יעדער איינער ווייסט, אַז פון דאַנען ביז דער פּראַק־טישער אָפּשאַפונג פונ׳ם פּאַרלאַמענט איז נאָך אַ גרויי־סער מהלך. ווענען קאַפּיטאַליזם גופא האָט מען שוין מיט פיעלע צעהנדליגע יאָהרען צוריק געקענט מיט באַשטימט־הייט זאָגען, אַז ער האָט זיך „היסטאָריש איבערגעלעבט". דאָס אָבער באַזייטיגט דורכאויס ניט די נויטווענדיגקייט זעהר לאַנג און האַרטנעקיג צו קעמפפען אויפ׳ן באָדען פון קאַ־

פּיטאַליזם. דער פּאַרלאַמענטאַריזם האָט זיך „היסטאָריש איבערגעלעבט" אין'ם וועלטהיסטאָרישען זין, ד. ה., די עפּאָכע פון בורזשואַזען פּאַרלאַמענטאַריזם האָט זיך פאַרענדיגט, עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די עפּאָכע פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אין דעם קען גאָר קיין צווייפעל ניט זיין. דער וועלט־היסטאָרישער מאַסשטאַב רעכענט זיך אָבער אין צעהנדליגע יאָהרען. אויב דאָס וועט זיין מיט 10 אָדער 20 יאָהר שפּעטער איז פון שטאַנדפּונקט פון דעם וועלט היסטאָרישען מאַסשטאַב אַ קלייניגקייט, וואָס מען קען קוים נעהמען אין אַנבאַטראַכט. אָבער טאַקע דאַריבער איז עס דער גרעסטער טעאָרעטישער פעהלער זיך צו פאַרנעמען אין פראַגען פון פּראַקטישער פּאָליטיק אויף דעם וועלטהיסטאָרישען מאַסשטאַב.

האָט זיך דער פּאַרלאַמענטאַריזם „איבערגעלעבט" פּאָליטיש? דאָס איז אַן אַנדער פראַגע. ווען עס וואָלט אַזוי געווען, וואָלטען די „ראַדיקאַלען" געהאַט אַ פעסטע פּאָזיציע. דאָס מוז נאָך אָבער דערוויזען ווערען דורך אַ גענויער צוגלידערונג. די „ראַדיקאַלען" ווייסען אָבער אפילו ניט ווי צו צוטרעטען צו אַזאַ צוגלידערונג. אין די „טעזיסען וועגען דעם פּאַרלאַמענטאַריזם", וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען אין נומ. 1 פון דעם „בולעטין פון דער צייטווייליגער אַמסטערדאַמער ביוראָ פון'ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל", און וואָס דריקען אָפען אויס די אַנזיכטען פון די האָלענדישע „לינקע", איז די צוגלידערונג שטאַרק פאַרדרעהט.

1. די דייטשע „ראַדיקאַלען" האָבען, ווי באַקאַנט, שוין אין יאַנואַר 1919 געהאַלטען דעם פּאַרלאַמענטאַריזם פאַר „פּאָליטיש" אָפּגעלעבט, גראָד דער געגענטייל וואָס וועגען דעם האָבען געדענקט אַזוינע אָנגעזעהענע פּאָליטישע פיהרער, ווי ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליעבקנעכט. עס איז קלאָר, אַז די „ראַדיקאַלען" האָבען געהאַט אַ טעות. דאָס אַליין באַווייזט שוין די פאַלשקייט וועגען דעם טעזיס,

אז דער פארלאמענטאריזם איז „פּאָליטיש" אויסגעשפּיעלט. די פליכט פון די ראַדיקאַלען איז צו באַווייזען איצט, פאַר וואס דער בולט'ער פעהלער זייערער האָט איצט אויפגעהערט צו זיין א פעהלער. זיי האָבען ניט און קענען ניט האָבען דעם קלענסטען באַוויז פאַר דעם. אָנצואווייזען א פּאָ־ליטישער פּאַרטיי איהרע פעהלער איז איינע פון די וויכ־טיגסטע באַווייזע פון דער ערנסטקייט פון דער פאַרטיי און די ווירקליכע ערפילונג פון די פליכטען, וואס איהר קלאַס און די ארבייטער־מאַסען האָבען אויף איהר ארויפגעלעגט. ווען די פאַרטיי ערפילט ניט איהר פליכט, ווען זי איז ניט וויליג צו שטודירען מיט גענויער אויפמערקזאמקייט, פאַר־זיכטיגקייט און איבערגעבענהייט איהרע פעהלערען, דאַן ווייַ־זען נאָר די „ראַדיקאַלען" אין דייטשלאַנד (און אין האָ־לאַנד), אז זיי זיינען ניט די פאַרטיי פונ'ם ארבייטער קלאַס, נאָר פון א גרופּע אינטעליגענטען, וואס ווערען אונטער־שטיצט נאָר פון א קליינער צאָהל אינטעליגענט געניינטע ארבייטער.

2. אין דערזעלביגער בראשורע פון דער גרופּע פראַנק־פורטער „ראַדיקאַלען", פון וועלכער מיר האָבען דאָ גענומען די אויבענדערמאָנט ציטאַטען, לעזען מיר:

. . . „מיליאָנען ארבייטער, וואס זיינען אָנהענגער פון דער פּאָליטיק פון „צענטער" (דער קאַטוילישער צענטער), זיינען קאָנטר־רעוואָלוציאָנער. די דאָרף־ארבייטער שטעל־לען צוזאַמען לעגיאָנען פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען" (זייטע 3 פון דער אויבענדערמאָנטער בראשורע).

מען קען לייכט איינזעהן, אז דאָס איז א לייכטזיניגע און איבערטריבענע באַהויפּטונג. מען קען ניט אפּלייקע־נען דעם פּרינציפּיעלען פאַקט, וואס דאָ איז אָנגעוויזען, און אז ער ווערט אנערקענט פון די „ראַדיקאַלען", דאָס באַ־ווייזט באַזונדער קלאָר זייער פעהלער. ווי קען מען רעדען דערפון, אז דער „פּאַרלאַמענטאַריזם האָט זיך איבערגעע־לעבט", ווען „מיליאָנען" און „לעגיאָנען" פּראָלעטאַריער זיי־

נען ניט נאר פאר'ן פארלאמענטאריזם איבערהויפט, נאר זיינען זאגאר דירעקט קאנטער־רעוואלוציאנער?! עס איז קלאר, אז די „ראדיקאלען" אין דייטשלאנד האבען באטראכט זייער וואונש, זייער אידעאל — זייער פאליטישע באציהונג צו אט דער פראגע, — פאר דער נאקעטער ווירקליכקייט. דאס איז דער געפעהרליכסטער פעהלער פאר רעוואלוציאנערען. אין רוסלאנד, וואו דער דאפעלט שווערער און גרויזאמער יאך פון צאריזם האט ארויסגעבראכט אזוי פיעל פארשיעדענארטיגע טיפען רעוואלוציאנערען פון פארשיעדענע ריכטונגען, רעוואלוציאנערען פון וואונדערבארער אפפערוויליגקייט, באגייסטערונג, העלדענמוט און ווילענסקראפט, — האבען מיר געהאט די מעגליכקייט צו באטראכטען די פעהלערען פון רעוואלוציאנערען פון גאנץ, גאנץ נאהענט; מיר האבען זיי באזונדערס אויפמערקזאם שטודירט; מיר קענען זיי באזונדערס גוט און קענען דארום דאסזעלבע זעהן קענען ביי אנדערע אזוי דייטליך. פאר די קאמוניסטען אין דייטשלאנד איז דער פארלאמענטאריזם נאטירליך א „פאליטיש איבערגעלעבטע זאך." עס האנדעלט זיך אבער וועגען דעם, אז וואס פאר אונז איז אן „איבערגעלעבטע" זאך, איז נאך ניט געזאגט, אז דאס איז אן איבערגעלעבטע זאך פאר דעם גאנצען קלאס, פאר דער גאנצער מאסע. גראדע דא זעהען מיר ווידער, אז די „ראדיקאלען" ווייסען ניט ווי צו אורטיילען, אז זיי פארשטעהען ניט ווי זיך צו האלטען אלס די פארטיי פונ'ם קלאס, אלס די פארטיי פון דער מאסע. איהר זייט ניט פארפליכטעט זיך אראפצולאזען צו דעם צושטאנד פון די מאסען, אראפזינקען צו דעם צושטאנד פון די צוריקגעשטאנענע שיכטען פון דעם קלאס. וועגען דעם דארפען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. איהר זייט אבער פארפליכטעט זיי צו זאגען דעם ביטערען אמת. איהר זייט מחויב אנצואווייזען זיי זייערע בורזשואז־דעמאקראטישע פאראורטיילע. איהר זייט אויך מחויב נאכצופאלגען דעם צושטאנד פון באוואוסטזיניגקייט און רייפקייט פונ'ם גאנ־

צען קלאס (און ניט נאר דעם קאמוניסטישען אוואנגארד אליין), פון דער גאנצען ארבייטער מאסע (און ניט נאר פון די פארטגעשריטענע פיהרער).

ווען אפילו ניט „מיליאנען" און „לעגיאנען", נאר איינפאך א באדייטענדע מינדערהייט פון די אינדוסטריעלע ארבייטער פאלגען נאך די קאטוילישע גלחים, און די לאנד־ארבייטער — די גוטסבאזיצער, קען מען דערפון אהן צווייפעל דרינגען, אז דער פארלאמענטאריזם איז נאך אין דייטשלאנד ניט אויסגעשפיעלט, אז די באטייליגונג אין די פארלאמענטארישע וואהלען און אינ'ם קאמף אויף דער פארלאמענטען ביהנע פאר דער פארטיי פונ'ם רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט איז גראדע נויטווענדיג פאר דעם צוועק צו ערציהען די אפגעשטאנענע שיכטען פונ'ם קלאס, פאר'ן צוועק אויפצוקלערען די אונענטוויקעלטע, שרעקעדיגע, אונוויסענדע מאסע פונ'ם דארף. אזוי לאנג, ווי איהר זייט ניט אימשטאנד צו צוטרייבען דעם בורזשואזען פארלאמענט און צורשטערען אנדערע זארטען פון רעאקציאנערע אינסטיטוציעס, איז אייער פליכט צו פארבלייבען אין די אינסטיטוציעס גופא ווייל דארטען זיינען פאראן ארבייטער; ווען ניט ריזיקירט איהר אייפאך פארוואנדעלט צו ווערען אין בטלנים.

3. די „ראדיקאלע" קאמוניסטען ליבען זעהר פיעל אונז, באלשעוויקעס. מאנכעס מאל וואלט מען געקענט זאגען: ווען זיי וואלטען אונז וועניגער געליבט און וואלטען מעהר אריינגעדרונגען אין דער טאקטיק פון די באלשעוויקעס! ווען זיי וואלטען זיך נעהנטער מיט איהר באקאנט געמאכט! מיר האבען אנטייל גענומען אין די וואהלען צום בורזשואזען פארלאמענט אין רוסלאנד און אין דער גרינדונגס פארזאמלונג אין סעפטעמבער און נאוועמבער 1917. איז אונזער טאקטיק געווען א ריכטיגע אדער ניט? — ווען ניט, מוז מען דאס דייטליך זאגען און באווייזען. דאס איז נויטווענדיג, אום דער אינטערנאציאנאלער קאמוניזם זאל אויסארבייטען א ריכטיגע טאקטיק. ווען יא, דאן מוז מען

דערפון ציהען געוויסע שליסע. עס פארשטעהט זיך, אז עס דארף קיין רייד ניט זיין דערפון צו פארגלייכען די באַדינגונגען אין רוסלאנד מיט די באדינגונגען פון מערב־אייראפא. אבער ספּעציעל אין דער פראגע, וואס באדייטעט דער באגריף: „דער פארלאמענטאריזם איז פּאליטיש אויסגעשפּיעלט", מוז אונזער ערפאהרונג אומבאדינגט גענומען ווערען אין אנבאטראכט, ווייל אזעלכע באגריפע פארוואנדלען זיך אפט צו לייכט אין פוסטע פראזען, ווען מען צייגט ניט אָן גלייך דערביי דיווירקליכע ערפאהרונג. האָבען דען מיר, די רוסישע באָלשעוויקעס, אין סעפּטעמבער און נאָוועמבער 1917 ניט וועניגער ווי די מערב־אייראפּעאישע קאָמוניסטען געהאט דאס רעכט אנצונעהמען, אז דער פּארלאָמענטאריזם איז אין רוסלאנד „פּאליטיש אויסגעשפּיעלט"? נאטירליך, האָבען מיר דאס געהאט, ווייל עס איז דאָך ניט וויכטיג, אויב די בורזשואזע פארלאמענטען האלטען זיך לאנג אדער ניט. עס האנדעלט זיך אבער וועגען דעם, ווי וויית די ברייטע מאסע פון די ארבייטער זיינען פּ א ר ב א ־ ר י י ט ע ט אָנצונעהמען די סאוועטען־קאָנסטיטוציע און פאנאנדערטרייבען דעם בורזשואז־דעמאָקראטישען פּארלאָמענט (אדער צולאזען אזא זאך). אז אין רוסלאנד, אין סעפּטעמבער און נאָוועמבער 1917, צוליעב א גאנצער רייהע ספּעציעלע באדינגונגען, זיינען די שטאָדטשיע ארבייטער מאסען, די סאלדאטען און פּויערים אויסגעצייכענט פּארבארייטעט געווען אנצונעהמען דעם סאוועטען־רעזשים און פאנאנדערטרייבען דעם דעמאָקראטיש־בורזשואזען פּארלאָמענט, איז דאָך א פּאלשטענדיג אונבאשטרייטבארער און דורכאויס פעסטגעשטעלטער היסטארישער פאקט. און פונדעסטוועגען האָבען די באָלשעוויקעס נ י ט באיקאטירט די קאָנסטיטואירענדע פארזאמלונג, נאר האָבען זיך באַטייליגט אין די וואהלען פאר און אפילו נאָך דער ערָאבערונג פון דער פּאליטישער מאכט. אז אָט די וואהלען האָבען דורכאויס געגעבען ווערטפולע (און פאר דעם פּראלעטא־

ריאט אין א הויכען גראד ניצליכע) פאליטישע רעזולטאטען, דאס האב איך, ווי איך האף, שוין באוויזען אין דעם אנגע־געבענעם ארטיקעל, וואס אנאליזירט די וואהלען אין דער קאנסטיטואירענדער פארזאמלונג אין רוסלאנד.

פון דעם קען מען ציהען אן אונבאשטרייטבארען שלוס: עס איז באוויזען, אז אפילו איינינע וואכען פאר׳ן זיעג פון דער סאוועטען־רעפובליק, און אפילו נאך אזא זיעג, שאדט ניט דעם רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט, זיך ניט נאר צו באטייליגען אין דעם בורזשואז־דעמאקראטישען פארלאמענט, נאר עס גיט איהם נאך א לייכטערע מעגליכקייט צו באוויי־זען די צוריקגעשטאנענע קלאסען, פאר וואס אזא פארלא־מענט מוז פאנאדערגעטריבען ווערען, ווייל זיי פ א ר־ל י י כ ט ע ר ע ן „פאליטיש בייצוקומען” דעם בורזשו־אזען פארלאמענטאריזם. ניט רעכענען זיך מיט אט דער ערפאהרונג און באטראכטען זיך אלס א מיטגליעד פונ׳ם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, וועמעס טאקטיק איז אויס־געארבייט אויפ׳ן אינטערנאציאנאלען שטייגער, (ניט ענג אדער איינזייטיג נאציאנאל, נאר גראדע אלס אינטערנאציא־נאלע) — מיינט מאכען א גראבען פעהלער און אנערקענען דעם אינטערנאציאנאליזם ניט מיט טאטען, נאר מיט ווער־טער.

לאמיר נאר איצט באטראכטען די האלענדיש־לינקע אר־גומענטען, וועלכע זוכען צו באווייזען, אז מען דארף זיך ניט באטייליגען אין פארלאמענטען. מיר ווילען דא ציטירען פון אן איבערזעצונג (פון ענגליש) די וויכטיגסטע פון די אוי־בענדערמאנטע „האלענדישע” טעזיסען; דער 4טער טעזיס לויטעט:

„ווען דאס קאפיטאליסטישע פראדוקציאנס סיסטעם איז צושטערט און די געזעלשאפט געפינט זיך אין א צושטאנד פון א רעוואלוציע, פארלירט די פארלאמענטארישע טעטיג־קייט ביסלעכווייז איהר באדייטונג אין פארגלייך מיט דער אקציאן פון די מאסען גופא. ווען אונטער אזעלכע אומשטענ־

דען ווערט דער פּאַרלאַמענט פאַרוואַנדעלט אינ׳ם „צענטער", און ווערט דער אָרגאַן פון קאָנטער־רעוואָלוציע, און פון דער אַנדערער זייט האָט דער אַרבייטער קלאַס דעם אינסטרומענט פון זיין מאַכט אין דער פאָרמע פון סאָוועטען, — קען עס זאָגאַר ווערען נויטווענדיג אָפּצוזאָגען זיך פון וועלכער עס איז באַטייליגונג אינ׳ם פּאַרלאַמענט."

דער ערשטער זאַץ איז פאַלשטענדיג פאַלש, ווייל די אַקציאָן פון די מאַסען — ווי א גרויסער אויפשטאַנד, צ. ב., — איז אַלע מאָל, און ניט נאָר אין דער צייט פון א רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע, וויכטיגער, ווי די פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיגקייט. אָט דער פאַלשטענדיג פאַלשער באַווייז, סיי פון היסטאָרישען, סיי פון פּאָליטישען שטאַנדפּונקט, ווייזט נאָר אָן מיט א באַזונדערער בולט׳קייט, אַז די פאַרפאַסער האָבען ניט גענומען אין אַנבאַטראַכט ניט נאָר די אַלגעמיין אייראָפּעאישע ערפאַהרונג (די פראַנצויזישע פאַר די רעוואָלוציעס 1870-1848 ; די דייטשע פון 1890-1878 יאָהרען א. א. וו.) און אויך ניט די רוסישע (זעה אויבען) אין באַצוג צו דעם, אַז עס דאַרף גענומען ווערען אין אַנבאַטראַכט די וויכטיגקייט פון פאַראייניגען די אַרבייט פון דעם לעגאַלען און אונלעגאַלען קאַמף. די דאָזיגע פראַגע איז פון אונגעהויערער באַדייטונג, ספּעציעל טאַקע צוליעב דעם וואָס אין אַ ל ע ציוויליזירטע און פאָרטגעשריטענע לענדער ווערט די צייט שנעל רייף, וואו אָט די פאַראייניגונג פאַר דער פּאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר אונבאַדינגט נויטיג (זי איז שוין טיילווייז געוואָרען) צוליעב דעם בירגער־קריעג צווישען דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע דערנעהנטערט זיך און וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און אויך צוליעב דעם, וואָס די קאָמוניסטען ווערען שרעקליך פאַרפאָלגט פון די רעפּובליקאַנער בורזשואַזע רעגירונגען, וועלכע רויבען פון זיי אַוועק אַלע מיטלען פון לעגאַלער טעטיגקייט (וואָס איז שוין ווערט דערביישפּיעל אין אַמעריקאַ גופא!) א. א. וו. די דאָזיגע זעהר

וויכטיגע פראגע איז איבערהויפט ניט פארשטאנען געווארען ניט פון די האלענדער, ניט פון די „ראדיקאלען."

דער צווייטער זאץ איז, ערשטענס, היסטאריש פאלש. מיר, באלשעוויקעס, האבען זיך באטייליגט אינ'ם קאנטער־רעוואלוציאנערען פארלאמענט, און די ערפאהרונג האט באוויזען, אז די דאזיגע באטייליגונג פון דער פארטיי פון רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט איז ניט נאר געווען ניצליך, נאר זאגאר נויטווענדיג, גראדע נאך דער ערשטער בורזשואזער רעוואלוציע אין רוסלאנד (1905) אום פארצובריימען די צווייטע בורזשואזע (פעברואר 1917) און באלד נאכדעם די סאציאליסטישע רעוואלוציע (אקטאבער־נאוועמבער, 1917). צווייטענס, איז די פראגע אוועקגעשטעלט געווארען מערקווירדיג אונלאגיש. דאריבער, וואס דער פארלאמענט ווערט אן ארגאן אין „צענטער" פון דער קאנטער־רעוואלוציע (עס מוז דא באמערקט ווערען, אז אין דער ווירקליכקייט איז ער קיין מאל ניט געווען דער „צענטער" און קען דאס ניט זיין), און די ארבייטער שאפען דעם אינסטרומענט פון זייער מאכט אין דער פארמע פון סאוועטען, קומט אויס, אז די ארבייטער מוזען זיך פארבארייטען סיי אידעאל, סיי פאליטיש און טעכניש צום קאמף פאר די סאוועטען געגען פארלאמענט און פונאנדערטרייבען דעם פארלאמענט דורך די סאוועטען. דער פון איז נאך ניט געדרונגען, אז אזא פונאנדעריאגען פונ'ם קאנטער־רעוואלוציאנערען פארלאמענט ווערט שווערער אדער ניט פארלייכטערט דורכדעם, וואס עס איז פאראן א סאוועטען־אפאזיציע א י ן דעם פארלאמענט גופא. אין דער צייט פון אונזערע זיעגרייכע קעמפע געגען דעניקינ'ען און קאלטשאקען האבען מיר ניט איין מאל באמערקט, אז דאס, וואס ביי זיי איז געווען א פראלעטארישע אפאזיציע, א סאוועטען־אפאזיציע, איז געווען פון וויכטיגער באדייטונג פאר אונזער זיעג. מיר ווייסען זעהר גוט, אז אונזער פונאנדערטרייבען די גרינדונגס פארזאמלונג דעם 5טען יאנואר 1918 איז פאר אונז זעהר פיעל פארלייכטערט געווארען, צוליעב דעם

וואס די דאזיגע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע גרינדונגס פארזאמ־לונג איז געווען אן ערפאלגרייכע באלשעוויסטישע, ווי אויך אן ערפאלגרייכע סאוועטען־אפאזיציע, די אפאזיציע פון די לינקע סאציאל־רעוואלוציאנערען. די פארפאסער פון די טע־זיסען זיינען, ווי עס שיינט, אינגאנצען צוטומעלט געוואָרען און האָבען פארגעסען די ערפאהרונג פון א גאנצער רייהע רעוואלוציעס, אויב ניט וועגען אלע רעוואלוציעס, וועלכע באַ־וויזען, אז עס איז באזונדערס ניצליך אין דער צייט פון אַ רעוואלוציע דירעקט צו פאראייניגען די מאסען אקציאן פון דרויסען מיט די סימפאטיזירענדע מיט דער רעוואלוציע וואס געפינען זיך אינ׳ם רעאקציאנערען פארלאמענט גופא (אדער נאָך בעסער: מיט די וואס אונטערשטיצען דירעקט די אפא־זיציע אין דעם פארלאמענט). די האָלענדער און די „רא־דיקאלען" אורטיילען דאָ ווי געלערענטע פראפעסארען פון דער רעוואלוציע, וואס האָבען קיין מאָל קיין אנטייל ניט גע־נומען אין א רעוואלוציע, אדער ווי די וואס האָבען זיך קיין מאָל ניט פארטיפט אין דער געשיכטע פון דער רעוואלוציע, אדער וועלכע זיינען אזוי נאאיוו אז זיי דיינקען מיט דעם כלומר׳שטען „זיך אפזאגען" אנטייל צו נעהמען אין א גע־וויסער רעאקציאנערער אינסטיטוציע, וועלען זיי די דאזיגע אינסטיטוציע צושטערען. דאס זיכערסטע מיטעל צו דיסקרע־דיטירען א נייעם פאליטישען (און ניט נאָר פאליטישען) גע־דאנק און איהם אָנטאָן שאָדען, איז צו באווייזען זיין לעָ־כערליכקייט דורך זיינע באשיצער גופא.

יעדער אמת, ווען מען „איבערטרייבט" איהם, ווען מען כאפט איבער די מאָס פון זיין ווירקליכען נוצען, ווערט, אונ־טער געוויסע אומשטענדען, אן אונפארמיידליכער אבסורד. און דאָס איז וואס די האָלענדישע און דייטשע „ראדיקאלען" האָבען געטאָן מיט דעם נייעם אמת, אז דער בורזשואז־דע־מאָקראטישער פארלאמענט איז שוין ארויסגעשטופט דורך דער סאָוועטען־מאכט. עס פארשטעהט זיך, ווער עס האָט געוואָלט איבערהויפט זאָגען, אז מען דארף זיך ניט באַ־

טיילינגען אין בורזשואזען פארלאמענט אונטער קיינע אומ־שטענדען, דער האנדעלט ניט ריכטיג. איך קען דא ניט פארמולירען די באדינגונגען, אונטער וועלכע דער באיקאט פון פארלאמענט וואלט זיין ניצליך. ווייל די אויפגאבע פון דעם דאזיגען ארטיקעל איז א פיעל באשיידענערע; זי באשטעהט אין דעם, וואס איך וויל באטראכטען און פאר־גלייכען די רוסישע ערפאהרונג מיט אייניגע ברענענדיגע טאגעס־פראגען פון דער אינטערנאציאנאלער קאמוניסטישער טאקטיק. די רוסישע ערפאהרונג האט די באלשעוויקעס גע־געבען אן ערפאלגרייכע און ריכטיגע (1905) אנוועגדונג פון באיקאט, און א פאלשע (1906) אנווענדונג. ווען מיר אנא־ליזירען דעם ערשטען פאל, זעהען מיר, אז עס האט זיך איינגעגעבען ניט צו צולאזען צוזאמענצורופען א רעאקציאנע־רען פארלאמענט דורך דער רעאקציאנערער מאכט און גרא־דע דורך אזעלכע אומשטענדען, ווען די רעוואלוציאנערע אקציאן פון די מאסען, וואס זיינען געשטאנען פון דרויסען, איז רייף געווארען מיט אן אויסערגעוועהנליכער שנעלקייט, ווען ניט איין איינציגער שיכט פון דעם פראלעטאריאט און פונ'ם פויערטום האט געקענט שטיצען די רעאקציאנערע מאכט, ווען דער רעוואלוציאנערער פראלעטאריאט האט דער־פיהלט, וואס פאר אן איינפלוס ער האט אויף די צוריקגע־שטאנענע מאסען דורך דעם, וואס ער האט אנגעפיהרט דעם שטרייט־קאמף און די אגראר־באוועגונג. עס איז קלאר, אז אט די ערפאהרונג איז גאר ניט עהנליך צו די איצטיגע איי־ראפעאישע אומשטענדען. עס איז אויך פאלקאמען קלאר, — אויף דעם גרונד פון די אויבענדערמאנטע באווייזע, — אז די פארטיידיגונג פון די האלענדישע און דייטשע „ראדיקאלען" פון זייער אפזאגען זיך אנטייל צו נעהמען אין פארלאמענט איז פאלש פון אנפאנג אן און שעדליך פאר דער זאך פונ'ם רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט.

אין מערב אייראפא און אין אמעריקא איז דער פאר־לאמענט אויסערגעוועהנליך פארהאסט ביי די פארגעשרי־

טענע רעוואָלוציאָנערען פונ'ם אַרבייטער קלאַס. אין דעם קען גאָר קיין צווייפעל ניט זיין. דאָס איז אויך לייכט צו פאַרשטעהן, ווייל עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען עפּעס, וואָס זאָל זיין געמיינער, שעדליכער און פאַררעטערישער, ווי צוצונעהמען די פרייהייט פון אַ געוואַלדיגער צאָהל סאָציאַליסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרלאַמענט־דעפּוטאַטען אין דער צייט פון קריעג און נאָך דעם קריעג. עס וואָלט אָבער געווען ניט נאָר ניט פאַרשטענדליך, נאָר גראַדע פאַרברעכעריש זיך צו לאָזען פיהרען פון דער דאָזיגער שטימונג, ווען מען דאַרף ענטשיידען די פראַגע, ווי אַזוי צו קעמפּען געגען אַזאַ אַלגעמיין אַנערקענטען איבעל. אין פיעלע לענדער פון מערב אייראָפּא איז איצט די רעוואָלוציאָנערע שטימונג אַ „נאָווינע", אָדער אַ „זעלטענהייט", אויף וועלכער מען האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, און צוליעב דעם אפשר וואַרפען זיך פילע אַזוי לייכט אונטער דער דאָזיגער שטימונג. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אָהן אַ רעוואָלוציאָנערער שטימונג פון די מאַסען, אָהן די באַדינגונגען, וועלכע העלפען באַשאַפען אַזאַ רעוואָלוציאָנערע שטימונג, קען די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק ניט פאַרוואַנדעלט ווערען אין טאַטען; מיר, אין רוסלאַנד, האָבען זיך אָבער איבערצייגט דורך לאַנגע, שווערע און בלוטיגע ערפאַהרונגען, אַז די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק קען ניט געבויט ווערען אויסשליסליך אויף רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. די טאַקטיק מוז זיך שטיצען אויף דער ניכטערער, שטרענג אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פון א ל ע קלאַסענקרעפטען פון דעם באַטרעפענדען שטאַאַט (און אין אַ וועלט־מאַסשטאַב) און אין די שטאַאַטען וואָס רינגלען איהם אַרום. מען דאַרף זיך אויך רעכענען מיט דער ערפאַהרונג פון זייערע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אַרויסשטעלען אַ „רעוואָלוציאָנערען גייסט" נאָר דורך דעם, וואָס מען זידעלט דעם פּאַרלאַמענטאַרישען אָפּאָרטוניזם, נאָר דורך אָפּזאָגען זיך פון באַטייליגען זיך אין פּאַרלאַמענט, איז זעהר לייכט, אָבער גראַדע ווייל **דאָס איז אַזוי**

ליכט איז דאָס נישט קיין לייזונג פון דער שווערער, זעהר שווערער אויפגאבע. צו שאפען אן אמת רעוואָלוציאָנערע פּאַרלאַמענט־פּראַקציע אין די אייראָפּעאישע פּאַרלאַמענטען — איז פיעל שווערער ווי אין רוסלאַנד. געוויס, דאָס איז אָבער נאָר דער ספּעציעלער אויסדרוק פון יענעם גוט־באַוואוסטען אמת, אז אין דער צייט פון דער קאָנקרעטער, היסטאָרישער, אויסערגעוועהנליך אָריגינעלער סיטואַציע פון 1917 איז לייכט געווען אָנצופאנגען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד; עס וועט אָבער זיין פאר רוסלאנד באדייטענד שווערער, ווי פאר די אייראפּעאישע לענדער אָנצוגעהן מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און זי פיהרען צו אן ענדע. שוין אין אָנפאנג פונ'ם יאָהר 1918 האָב איך געמוזט אָנווייזען אויף אָט דער לאַגע, און די ווייטערדיגע צוויי יאָהר האָבען באשטעטיגט די ריכטיגקייט פון דעם דאָזיגען אנאַליז. אזעלכע ספּעציפישע באדינגונגען, ווי: 1) צו פאראייניגען די מעגליכקייט ארונטערצואווארפען די סאָוועטען מיט דעם פארענדיגען (טאַקע צוליעב דעם דאָזיגען ארונטערוואַרפען) פון דעם אימפּעריאליסטישען קריעג, וועלכער האָט אומגעהויער אויסגעמאַטערט די פויערים און ארבייטער; 2) די מעגליכקייט אויסצונוצען פאר א באַשטימטע צייט דעם טויטליכען קאַמף, וואָס ביידע מאַכטפולע גרופּען פון די אימפּעריאליסטישע וועלט־רויבער האָבען אָנגעפיהרט צווישען זיך און נישט געקענט זיך פאראייניגען צו באַקעמפען דעם סאָוועט־שונא; 3) די מעגליכקייט אויסצוהאלטען דעם פארהעלטניסמעסיג לאַנגען בירגערקריעג, וועלכער איז טיילווייז געווען צו פארדאנקען דער אונגעהייערער גרויסקייט פונ'ם לאנד גופא און די שלעכטע פארקעהר־מיטלען; 4) דער פאקט, וואָס עס מערקט זיך ביי די פויערים אזא טיעפע, בורזשואז־דעמאָקראטישע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג, אז די פּאַרטיי פונ'ם פּראָלעטאַריאַט האָט געקענט איבערנעמען די רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען פון דער פּאַרטיי פון די פויערים (פון דער פּאַרטיי סאָציאַ־

ליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען מעהרסטענס גע־
וועז פיינדליך געשטימט צום באָלשעוויזם) און האָבען א
דאנק דער עראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאכט דורך דעם
פּראָלעטאריאט מיט איין מאָל פארווירקליכט ; — אזעלכע
ספּעציפישע באדינגונגען זיינען איצט אין אייראפּא ניטאָ, און
שאפען דאָרט אזעלכע אָדער עהנליכע באדינגונגען איז אויך
ניט לייכט. צוליעב דעם אליין, שוין ניט קוקענדיג אויף א
רייהע אנדערע אורזאכען איז אין מערב אייראָפּא שווערער
ווי ביי אונז אָנצופאנגען די סאָציאליסטישע רעוואָלוציע.
זיך „ארויסדרעהען" פון דער דאָזיגער שוועריגקייט דורך
דעם, וואָס מען וועט „אריבערשפּרינגען" די שווערע אויפגאַ־
בע אויסצונוצען דעם רעאקציאָנערען פּארלאמענט פאר רע־
וואָלוציאָנערע צוועקען, איז די גרעסטע קינדעריי. איהר
ווילט באשאפען א נייע געזעלשאפט, און איהר האָט מורא
פאר די שוועריגקייטען צו שאפען אין א רעאקציאָנערען פּאר־
לאמענט א פּארלאמענטאַרישע פראקציע פון איבערצייגטע,
איבערגעבענע, העלדענמוטיגע קאָמוניסטען ? איז דאָס ניט
א קינדעריי ? ווען קארל ליעבקנעכט אין דייטשלאנד און
ס. העגלונד אין שוועדען האָבען פארשטאנען, אפילו אָהן
דער שטיצע פון די מאסען פון אויסען, צו געבען א מוסטער
פון אן אמת רעוואָלוציאָנערער אויסנוצונג פון רעאקציאָנערע
פּארלאמענטען, וואָלט דען ניט געווען בכח א שנעל וואקסענ־
דע רעוואלוציאנערע מאסענפּארטיי, באנוצענדיג זיך מיט
דער ענטוישונג און פארביטערונג פון די מאסען נאָך דעם
קריעג, צו שאפען א קאָמוניסטישע פראקציע אין ערגערע
פּארלאמענטען ? טאַקע צוליעב דעם, וואָס די אפּגעשטאנענע
מאסען פון די ארבייטער און קליינע פויערים־באזיצער זיי־
נען אין מערב אייראָפּא באדייטענד שטאַרקער ווי אין רוס־
לאנד דורכגעדרונגען מיט בורזשואז־דעמאָקראטישע און פּאר־
לאמענטאַרישע פּאראורטיילען, — טאַקע דערפאר קענען און
מוזען די קאָמוניסטען נאָר אין אזעלכע אינסטיטוציעס גופא
ווי די בורזשואזע פּארלאמענטען אָנפיהרען א לאנגען, געדול־

דיגען קאמף, וואס שרעקט זיך ניט אפ פאר קיינע שוועריגקייטן אראפצורייסען די מאסקע, אויפצודעקען די איבלען, און איבערצוקומען די דאזיגע פאראורטיילען.

די דייטשע „ראדיקאלען" באקלאגען זיך אויף די שלעכטע „פיהרער" פון זייער פארטיי, פאלען אריין אין פארצווייפלונג און נעהען איבער צו אזא לעכערליכקייט, אז זיי מאכען איינגאנצען אוועק די „פיהרער" מיט'ן האנד. אבער אונטער אזעלכע באדינגונגען, ווען מען מוז אפט באהאלטען די „פיהרער", איז עס באזונדערס שווער ארויסצוברייננגען גוטע, אויסגעפרובירטע, פאראנטוואָרטליכע „פיהרער"; אום אבער די דאזיגע שוועריגקייט ערפאלגרייך איבערצוקומען, טאר מען זיך ניט אפזאגען צו פאראייניגען אונלעגאלע טעטיגקייט מיט לעגאלער, וואו די פיהרער קענען אויסגעפרובירט ווערען אויף דער טריבונע פונ'ם פארלאמענט. קריטיק — און דוקא די שארפסטע, אומבארחמנות'דיגע קריטיק — מוז אנגעווענדעט ווערען ניט צום פארלאמענטאריזם אדער פארלאמענטארישער טעטיגקייט, נאר בלויז צו פיזא'ער גוגא, וואס פארשטעהען ניט — אדער נאך מעהר, — וואס ווילען ניט אויסנוצען די פארלאמענטען־וואהלען און פארלאמענטטריבונע פאר רעוואלוציאנערע קאמוניסטישע צוועקען. גאר אזא קריטיק, וואס איז פארבונדען מיט'ן פארטרייבען ניט פאסיגע פיהרער און מיט'ן ארויפזעצען אזעלכע, וואס טויגען יא, וועט זיין א נוצליכע און פרוכטבארע רעוואלוציאנערע ארבייט, וואס וועט גלייכצייטיג ערציהען די „פיהרער", אז זיי זאלען זיין ווערט דעם ארבייטער קלאס און די האראפאסניקעס, אום פון דער אנדערער זייט די מאסען גופא זאלען קענען לערנען צו פארשטעהן ווי צו אריענטערען זיך אין א פאליטישער לאגע, און די קאמפליצירטע אויפגאבען, וואס די דאזיגע לאגע ברייננגט מיט זיך.*)

---

*) איך האב געהאט זעהר ווייניג געלעגענהייט צו באקאנען זיך מיט די „ראדיקאלע" קאמוניסטען אין איטאליען. עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז גענאסע באָרדיגא און זיין פראקציע

.8

„קיינע קאָמפּראָמיסען".

מיר האָבען געזעהן אין דער ציטאַטע פון דער פראַנק־פורטער בראָשורע, ווי ענטשיידען די „ראַדיקאַלען" שטעלען ארויס דעם דאָזיגען לאָזונג. עס איז טרויעריג, וואָס מענשען וועלכע האַלטען זיך, אָהן צווייפעל, פאַר מאַרקסיסטען און ווילען מען זאָל זיי באַטראַכטען פאַר מאַרקסיסטען, פאַרגעסען די גרונד־פּרינציפּען פון׳ם מאַרקסיזם. לאָמיר זיך אָקאָרשט דערמאָנען וואָס ענגעלס, וועלכער, אַזוי ווי מאַרקס, געהערט צו יענע זעלטענע פון די זעלטענסטע שרייבער, וועמעס יעדער איינציגער זאַץ איז געבויט אויף גרויסע אַרבייט פון א זעלטען טיעפען אינהאַלט, האָט געשריבען אין 1874 געגען דעם מאַניפעסט פון די 33 בלאַנקיסטישע קאָמונאַרען.

. . . „מיר זיינען קאָמוניסטען", האָבען געשריבען די בלאַנקיסטישע קאָמוניסטען אין זייער מאַניפעסט, „ווייל

פון „קאָמוניסטישע באָיקאָטיסטען" זיינען ניט גערעכט, ווען זיי פאַרטיידיגען דעם געדאַנק ניט צו באַטייליגען זיך אין פּאַרלאַמענט. אָבער מיר דוכט זיך, אַז גענאָסע באָרדיגאַ איז אין איין פונקט גערעכט, — אויף ווי ווייט איך קען אורטיילען נאָך די צוויי נומערען פון זיין ציייטונג „איל סאָוועט" (נומ. 3, 4, 1920), נאָך די ערשטע פיער נומערן פון גענאָסע סעראַטי׳ס אויסגעצייכענטען זשורנאַל „קאָמוניזמאַ" און נאָך די איינצעלנע נומערען פון די בורזשואזע צייטונגען מיט וועלכע איך האָב זיך באַקענט. דער פונקט, אין וועלכען גענאָסע באָרדיגאַ און זיין פראַקציע זיינען גערעכט, באַשטעהט אין זייערע אַנגריפען אויף טוראַטי און זיינע געזינונגס גענאָסען, וואָס פאַרבלייבען אין דער פּאַרטיי,

מיר ווילען דערגרייכען אונזער ציעל, ניט אפשטעלענדיג זיך אויף צווישען־סטאַנציעס, וועלכע פארוקען דעם טאָג פון זיעג ווייט אין דער צוקונפט און פארלענגערען אויף אזא אופן דעם פעריאָד פון שקלאפעריי...״

„די דייטשע קאָמוניסטען זיינען קאָמוניסטען, ווייל זיי זעהען דייטליך דעם ענדציעל און פארפאָלגען איהם, ווייל זיי קוקען אריבער איבער אלע צווישען־סטאַנציעס און קאָמפּראָמיסען, וועלכע זיינען געשאפען געווארען ניט פון זיי, נאר דורך דעם גאנג פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג; די אָפּשאפונג פון קלאַסען, און די שאַפונג פון אזא געזעלשאפטליכער אָרדנונג, אין וועלכער עס וועט ניט זיין קיין פּלאַץ ניט פאַר פּריוואט־אייגענטום פון לאַנד און ניט פון פּראָדוקציאָנס מיטלען. די 33 בלאַנקיסטען זיינען קאָמוניסטען, ווייל זיי נעהמען אָן, אז ווען זיי ווילען אריבערשפּרינגען צווישען־סטאַנציעס און קאָמפּראָמיסען, האָבען זיי שוין די קאַץ אין זאַק, און אז ווען דאָס וועט זיך אָט די טעג „אָנפאנגען״ (אין וואָס זיי ווינען פעסט איבערצייגט), און אז די מאַכט

וועלכע אַנערקענט די סאָוועטען־מאַכט און די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס בלייבען מיטגליעדער פון פּאַרלאַמענט און געהען אָן מיט זייער שעדליכער, אַלטער אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק. דערמיט וואָס זיי דולדען דאָס, מאַכט גענאָסע סעראַטי און די גאַנצע איטאַליענישע פּאַרטיי אַ גרויסען פעהלער, וועלכער קען ברייגנען דעם זעלבען שאדען און די זעלבע געפאהר ווי אין אונגארן, וואו די אונגאַרישע הערען טוראַטיס האָבען סאבאָטאַזשירט פון אינעווייניג די פּארטיי און די סאָוועטען־מאַכט. אַזאַ פּאַלשע ניט אויסגעהאלטענע באַראַקטערלאָזע האַלטונג פון די אָפּאָרטוניסטישע דעפּוטאַטען, ערציהט פון איין זייט דעם „ראַדיקאַלען״ קאָמוניזם, און פון דער אַנדערער זייט באַרעכטיגט זי, צו אַ געווויסען גראַד, זיין עקזיסטענץ. עס איז קלאָר, אַז גענאָסע סעראַטי איז אונגערעכט, ווען ער באַשולדיגט (נומ. 3 „קאָמוניזמא״) דעם דעפּוטאַט טוראַני אין „ניט אויסגעהאלטענקייט״, אין דער צייט, ווען די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דולדעט אַזעלכע אָפּאָרטוניסטישע דעפּוטאַטען ווי טוראַטי און קאָמפּ. און האַנדעלט צוליב דעם ניט אויסגעהאַלטען.

וועט זיך געפינען אין זייערע הענד, וועט איבערמאַגען איינגעפיהרט ווערען דער קאָמוניזם.״ — אויף אזא אופן, אויב דאָס לאָזט זיך ניט אזוי גיך מאכען, זיינען זיי אויס קאָמוניסטען.

„וואָס איז דאָס פאר א קינדישע נאאיוויטעט — אָנצוגעבען די אייגענע אונגעדולד פאר א טעאָרעטישען ארגומענט!״ (פר. ענגעלס: „דאָס פראגראם פון די בלאנקיסטישע קאָמונארען״.) ענגעלס דריקט אין דעם דאָזיגען ארטיקעל אויס זיין טיפע אכטונג פאר וואַיאנט און רעזיט וועגען זיין „אונבאשטרייטבארען פארדיענסט״ (וועלכער איז ווי געזאגט געווען אן אָנגעזעהענער פיהרער פון אינטערנאציאָנאלען קאָמוניזם, ביז זיי האָבען ביידע אין אויגוסט 1914 פארראטען דעם סאָציאליזם). דעם אָפענעם פעהלער לאָזט אָבער ניט ענגעלס אָהן אן אנאליז. נאטירליך, שיינט עס פאר יונגע, זונערפאהרענע רעוואָלוציאָנערען, און פאר בורזשואזע זעהר ערפאהרענע רעוואָלוציאָנערען אויסערגעוועהנליך „געפעהרליך״, אונפארשטענדליך און פאלש צו געהן אויף „קאָמפּראָמיסען״. און פיעלע סאָפיסטען (וואָס זיינען שוין צו־פיעל ערפאהרענע פּאָליטישענס) אורטיילען אזוי, ווי די ענגלישע אָפּאָרטוניסטישע פיהרער, וועגען וועלכע געגאָסע לאנדסבורי דערצעהלט: „אויב די באָלשעוויקעס קענען זיך ערלויבען דעם דאָזיגען קאָמפּראָמיס, פאר וואָס־זשע קענען מיר זיך ניט ערלויבען פארשיעדענע קאָמפּראָמיסען?״ די פּראָלעטאריער אבער, וואס זיינען דורך מעהרערע סטרייקס ערצויגען (ווען מיר זאָלען נעהמען נאָר דאָס אלס אן אויסדרוק פון קלאסען־קאמף), זיינען אויסערגעוועהנליך דורכגעדרונגען מיט דעם טיעפען (פילאָזאָפישען, היסטאָרישען, פּאָליטישען, פסיכאָלאָגישען) אמת, וועלכען ענגעלס ברייננגט דאָ ארויס. יעדער ארבייטער האָט דורכגעמאכט א סטרייק, האָט דורכגעלעבט „קאָמפּראָמיסען״ מיט פארהאסטע אונטערדריקער און עקספּלואטאטאָרס, — וואו די ארבייטער האָבען געמוזט אויפנעהמען די ארבייט, ענטוועדער גאר ניט

האָבענדיג געוואונען, אדער נאָר טיילווייז באפרידיגענדיג זייערע פאָדערונגען. יעדער פּראָלעטאַריער האָט באמערקט, אַ דאנק דער סיטואציע פונ׳ם מאסען־קאמף און דעם שטאַר־קען פארשארפען פון די קלאסענגעגענזעצע, אין וועלכע ער לעבט, דעם אונטערשיעד צווישען אַ קאָמפּראָמיס, וועלכען ער איז געצוואונגען צו מאַכען דורך אביעקטיווע באדינגונגען (ווען די קאסע פון די סטרייקענדע ווערט ליידיג, קיין אונ־טערשטיצונג פון דרויסען קומט ניט אריין, זיי האָבען שרעק־ליך געהונגערט און זיינען אויסגעמאַטערט) — אַ קאָמפּראָ־מיס, וועלכער האָט גאר ניט צו טאָן מיט דער רעוואָלוציאָ־נערער אפּפערוויליגקייט און בערייטקייט ווייטער אנצופיה־רען דעם קאמף — און פון דער אַנדערער זייט אַ קאָמפּראָ־מיס פון „פאררעטער”, וועלכע, פון פּחד פאר דער אייגענער פעל (אפילו סטרייק־ברעכער געהען אויף „קאָמפּראָמיסען”) ווארפען ארויף די שולד אויף אָביעקטיווע אורזאכען צוליעב זייער פייגהייט, זייער וואונש צו געפינען חן אין די אויגען פון די קאפּיטאַליסטען, מאנכעסמאָל צוליעב נאָכגעביגקייט, צוליעב נדבות פון די קאפּיטאַליסטען (באזונדערס פיעל פון דעם סאָרט קאָמפּראָמיסען קען מען באמערקען פון פאר־רעטער אין דער ענגלישער טרייד־יוניאָן געשיכטע, אָבער אין דער אָדער יענער פאָרם האָבען כמעט **אלע ארבייטער אין** אלע לענדער באָבאַכטעט אַן עהנליכע **ערשיינונג**).

עס זיינען, געוועהנליך, דאָ איינציגע, אויסערגעוועהנ־ליך שווערע און פאַרוויקעלטע פעלע, וואו עס געלינגט נאָר מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג צו באשטימען דעם אמת׳ן כאַראַקטער פון דעם אדער יענעם קאמפּראמיס, ווי עס זיי־נען דאָ פעלע פון מאָרד, וואו עס איז ניט לייכט צו ענטשיי־דען, צי דאס איז געווען אַ פארצייהליכער אדער זאָגאר אַ נויטווענדיגער מאָרד, צי דאָס איז אַן אונפארצייליכע נאכלע־סיגקייט, אָדער אַ גוט דורכגעטראַכטער פּלאַן. עס פאר־שטעהט זיך, אז אין פּאָליטיק, וואו עס האנדעלט זיך אָפט וועגען העכסט קאָמפּליצירטע — נאַציאָנאלע און אינטערנאַ־

ציאָנאַלע — באַציהונגען צווישען קלאסען און פּאַרטייען זיינען דאָ אפּטמאָל פּיעל שווערערע פעלע, ווי די פראַגע וועגען א געזעצליכען קאָמפּראָמיס ביי א סטרייק אדער וועגען א פאררעטערישען קאמפּראמיס פון סטרייקברעכער, פּאַררעטערישע פיהרער און אז. וו. צו פּאַרפּאַסען אזא סאָרט רעצעפּט אדער אַלגעמיינע רעגעל (?) („קיינערליי קאָמפּראָמיסען״), וואס זאל פּאַסען פאר אלע פעלע, איז אן אבסורד. מען מוז האָבען א קאָפּ אויף די פּלייצעס צו פארשטעהן יעדעס מאָל ווי צו האנדלען. אין דעם באַשטעהט אויך די וויכטיגקייט פון פּאַרטיי־דיסציפּלין און פּאַרטיי פיהרער (וועלכע פאַרדיענען דעם דאָזיגען טיטעל), וואס דאַרפען אויסאַרבייטען דורך גדולדיגער, שווערער, פאַרשיעדענאַרטיגער, אלזייטיגער ארבייט פון אלע דענקענדע פאַרטרעטער פון׳ם געגעבען קלאַס*), די נויטווענדיגע קענטניסע, די נויטווענדיגע ערפאַהרונג, דעם נויטווענדיגען — וואָס האָט מיט בילדונג און קענטניסע ניט צו טאָן — פּאָליטישען אינסטיקט, אום צו קענען לייזען ריכטיג און שנעל קאמפּליצירטע פּאָליטישע פראַגען.

נאאיווע און גאר אונפּראַקטישע מענשען דיינקען, אז עס איז גענוג צוצולאָזען קאָמפּראָמיסען א י ב ע ר ה ו י פ ט, אום אפּצואוּווישען יעדען גרעניץ צווישען אפּאָרטוניזם, געגען וועלכען מיר פיהרען אָן און מוזען אָנפיהרען אן אונ־

*) אין יעדען קלאַס, אפילו אין די ציוויליזירטסטע לענדער, אפילו אין דעם העכסט פאַרטגעשריטענעם קלאַס, וואָס איז דורך די אומשטענדען פון׳ם מאָמענט געבראַכט געוואָרען צו זעהר א הויכער שטופע פון גייסטיגער ענטוויקלונג, זיינען דאָ און וועלען אונפאַרמיידליך זיין — אזוי לאנג ווי עס עקזיסטירט קלאַסען, אזוי לאנג ווי עס האָט זיך ניט באַפעסטיגט פאַלקאָמען א געזעלשאַפט אהן קלאַסען, און זי האָט זיך ניט ענטוויקעלט אויף איהר אייגענעם באָדען — פאַרטרעטער, וואָס דענקען נ י ט און זיינען ניט פעהיג צו דענקען. דער קאַפּיטאַליזם וואָלט ניט געקענט זיין דער אונטערדריקער פון די מאַסען, ווען דאָס וואָלט ניט געווען אזוי.

ברחמנות'דיגען קאמף, און דעם רעוואָלוציאָנערען מאַרקסיזם אדער קאָמוניזם. אָבער אזעלכע מענשען, וואָס ווייסען נאָך נים, אז גרעניצען זיינען באוועגליך, סאי אין דער נאַטור, סאי אין דער געזעלשאַפט, אז זיי זיינען ביז צו א געוויסען גראד אפילו נויטוועגדיג, קענען אנדערש נים געהאלפען ווערען, ווי אָנגעהן מיט זייער ווייטערדיגער אויסבילדונג, ערציהינג, פאָליטישער ערפאהרונג און לעבענס-ערפאהרונג. עס איז נויטווענדיג אין פראקטישע פראגען פונ'ם יחיד אָדער אין ספעציפישע היסטאָרישע מאָמענטען אויסצוגעפינען די יעניגע פראגען, וועלכע דריקען אויס א שענדליכען, פאורעטערישען אָפּאָרטוניזם, וואָס דריקט זיך אויס אין דער פאָרם פון א קאָמפּראָמיס, וועלכער איז שעדליך פאַר דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַס. אין דער צייט פון אימפעריאליסטישען קריעג, אין 1914—1918, איז דער שאָוויניזם, ד. ה. די אונטערשטיצונג פון דער פאָטערלאנד'ס פארטיידיגונג געווען אזא וויכטיגער מין פונ'ם אָפּאָרטוניזם אין דיביידע גרופּען לענדער, וואָס האָבען זיך געיאָגט נאָך רויב. די דאָזיגע אונטערשטיצונג האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס מען האָט פארטיידיגט די רויבערישע אינטערעסען פון דער „אייגענער" בורזשואזיע; נאָכ'ן קריעג האָט מען פארטיידיגט די „ליעג פון נאציאָנען", מען האָט פארטיידיגט דירעקט אָדער אונדירעקט דעם בונד מיט דער בורזשואזיע פונ'ם אייגענעם לאַנד געגען דעם רעוואָלוציאָנערען פראָלעטאַריאַט אין דער „סאָוועטען־באוועגונג", מען האָט פארטיידיגט די בורזשואזע דעמאָקראטיע און דעם בורזשואזען פארלאַמענטאַריזם געגען דער סאָוועטען מאכט — דאָס אלץ זיינען געווע די וויכטיגסטע אויסדריקע פון יענע אונפארצייהליכע און פאררעטערישע קאָמפּראמיסען, וועלכע האָבען אין סך הכל זיך ארויסגעוויזען אלס א פאַרדערבליכער אָפּאָרטוניזם פאַר דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט.

„מיט דער גרעסטער ענטשלאָסענהייט מוז מען צוריק-

ווייזען יעדען קאָמפּראָמיס מיט אַנדערע פּאַרטייען — יעדע פּאָליטיק פון לאַווירען און שליסען אָן אָפּמאַך", שרייבען די דייטשע „ראַדיקאַלען" אין דער פראַנקפורטער בראָשורע.

עס איז צו באַוואונדערען, וואָס די דאָזיגע „ראַדיקאַלען", האָבענדיג אַזעלכע אַנשויאונגען, פאַראורטיילען ניט דעם באָלשעוויזים אינגאַנצען; עס איז דאָך אונמעגליך, אַז די דייטשע „ראַדיקאַלען" זאָלען ניט וויסען, אַז די גאַנצע געשיכטע פון באָלשעוויזם, אַנהויבענדיג פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, איז פול מיט פעלע פון לאַווירען, שליסען אָפּמאַכען, קאָמפּראָמיסען מיט אַנדערע פּאַרטייען, בורזשואַזע פּאַרטייען ניט אויסגעשלאָסען !...

צו פיהרען קריעג אום אַראָפּצואוואַרפען די אינטערנאַציאָנאַלע בורזשואַזיע, אַ קריעג, וואָס איז הונדערטמאָל שווערער, לאַנגווייליגער, קאָמפּליצירטער, ווי דער פאַרעקשנ'טסטער געוועהנליכער קריעג צווישען שטאַאַטען, און ניט לאַווירען דערביי אויסצונוצען די געגנערישע (אויב אפילו נאָר צייטווייליגע) אינטערעסען צווישען די שונאים, אָפּזאָגען זיך פון קאָמפּראָמיסען מיט מעגליכע (אויב אַפילו נאָר צייטווייליגע) שותפים, — קען נאָך זיין עטוואָס מעהר לעכערליך? איז דען דאָס ניט דאָסזעלבע ווי ביי אַ שווערען אַרויפקלעטערען אויף אַ באַרג, וואָס איז נאָך ניט אויסגעפאָרשט, אָפּזאָגען זיך פון פאַראויס צו געהן צייטענווייז אויף אַ זיגזאַג (געדרעהטען וועג), צייטענווייז אומקעהרען זיך צוריק, אָפּצוזאָגען זיך פון אַ פאַראויס אויסגעקליבענער ריכטונג און פּרובירען פאַרשידענע וועגען?

און מענשען, וואָס זיינען אַזוי ווייניג באַוואוסט און אַזוי אונערפאַהרען (עס איז נאָך גוט, וואָס מען קען דאָס ערקלערען מיט זייער יוגענד; דער יוגענד מוז מען ערלויבען אין אַ געוויסער צייט צו ריידען אַזעלכע נאַרישקייטען), קענען — עס איז ניט וויכטיג, צי זיי טוען דאָס דירעקט אָדער אונדירעקט, אָפען אָדער פאַרשלייערט, אין גאַנ־

צען אָדער נאָר טיילווייז — געשטיצט ווערען פון די האָ־לענדישע טריבוניסטען!

נאָך דער ערשטער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, נאָכ דעם ווי די בורזשואזיע ווערט אין א געוויסען לאַנד ארונטערגעוואָרפען, בלייבט דער פּראָלעטאַ־ריאַט פון דעם דאָזיגען לאַנד פאַר א לאַנגע צייט שוואַכער ווי די בורזשואזיע, זיין קראַפט איז קלענער פון דער קראַפט, וואָס די אינטער־נאַציאָנאַלע באַציהונגען פון דער בורזשואזיע באַזיצען, און פון דער קראַפט, וואָס די ארונטערגעזעצטע בורזשואזיע ווייזט ארויס אין איהר שטענדיגער ווידערגע־בורט דורך די קליינע סחורות־ערציהער. אום צו באַזיעגען א מעכטיגען שונא מוז מען אָנשטרענגען אַלע כחות און אונ־באַדינגט, פאַרזיכטיג און געשיקט אויסנוצען יעדען איינעם, — אפילו דעם קלענסטען — „ריס" צווישען די שונאים, יעדען שטרייט צווישען דער בורזשואזיע אין יעדען לאַנד באַזונדער ווי אויך יעדע מעגליכקייט — אפילו די קלענסטע — צו קריגען אַ שותף, מעג ער זיין אַפילו נאָר א צייטווייַ־ליגער, וואַקלענדער, אזא אויף וועלכען מען קען זיך ניט פאַר־לאָזען. ווער עס האָט דאָס ניט באַגריפען, דער האָט אי־בערהויפּט ניט באַגריפען קיין איין גראַם פונ׳ם מאַרקסיזם און פונ׳ם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, וואָס איז איצט ציוויליזירט געוואָרען. ווער עס האָט זיך ניט ארויסגעוויזען גענוג פּראַקטיש אין א לענגערער צייט און אין פאַרשיעדענע פּאָליטישע לאַגען, ער זאָל פאַרשטעהן ווי אנצואווענדען דעם דאָזיגען אמת אין דער פּראַקטיק, דער האָט נאָך ניט געלע־רענט ווי אזוי צו העלפען דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַס אין זיין קאַמף צו באַפרייען די גאַנצע ארבייטענדע מענשהייט פון די עקספּלואַטאַטאָרס. דאָס איז ריכטיג סיי אין דעם פּעריאָד פאַר דער עראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, סיי נאָכדעם.

„אונזער טעאָריע איז ניט קיין דאָגמא (הלכה למשה מסיני), נאָר א ריכטונגס־אָנווייזונג פאַר האַנדלונגען", האָ־

בען געזאָגט מאַרקס און ענגעלס, און דער גרעסטער פעהלער, דער גרעסטער פאַרברעכען פון אזעלכע „פאַטענטירטע" מאַרקסיסטען ווי קאַוטסקי, אָטטאָ באַוער א. אז. וו. איז דאָס, וואָס זיי האָבען ניט באַגריפען, וואָס זיי האָבען ניט פאַר־שטאַנען אָנצואווענדען דאָס אין די וויכטיגסטע מאָמענטען פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. די פּאָליטישע טע־טיגקייט איז דער טראָטואר (סיידוואָק) פונ׳ם נעווסקי פּראָספּעקט (דער ריינער, ברייטער, גלאַטער טראָטואר פון דער פּאָלשטענדיג גלייכער הויפּט־גאַס אין פּעטראָגראַד), האָט שוין געזאָגט דער גרויסער רוסישער סאָציאַליסט פון מאַרקס׳עס צייט, נ. ג. טשערנישעווסקי. דערפאַר וואָס די רוסישע רעוואָלוציאָנערען האָבען זינט טשערנישעווסקי׳ס צייט איגנאָרירט און פאַרגעסען דעם דאָזיגען אמת, האָבען זיי באַצאָהלט מיט א מאַסע קרבנות. מען מוז זעהן אום יעדען פּרייז, אז די לינקע קאָמוניסטען און די רעוואָלוציאָנערען פונ׳ם ארבייטער קלאַס אין מערב־אייראָפּא און אין אמע־ריקא זאָלען ניט אזוי טייער באַצאָהלען ווי די אפּגעשטאַנע־נע רוסען פאַר דאָס איינזאַפּען אין זיך דעם דאָזיגען אמת.

ביז דעם ארונטערוואַרפען פונ׳ם צאַריזם האָבען די רו־סישע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטען פיעלע מאָל זיך באַנוצט מיט די דיענסטע פון די בורזשואזע ליבעראַלען, ד. ה. זיי זיינען איינגעגאַנגען מיט די ליבעראַלען אויף פיעלע פּראַקטישע קאָמפּראָמיסען, און אין 1901 און 1902, נאָך פאַר דער ענטשטעהונג פונ׳ם באָלשעוויזם האָט די רעדאַק־ציע פון דער „איסקראַ" (צו וועלכער עס האָבען געהערט פּלעכאַנאָוו, אקסעלראָד, זאַסוליטש, מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו און איך) געשלאָסען א פאָרמאַלען פּאָליטישען בונד (עס פאַרשטעהט זיך, ניט אויף לאַנג) מיט דעם פּאָליטישען פיה־רער פונ׳ם ליבעראַליזם, סטרואַווע, צו דערזעלבער צייט האָט זי אָבער פאַרשטאַנען אנצופיהרען אן אונאויפהערליכען, אונ׳ברחמנות׳דיגען אידעאַלען און פּאָליטישען קאַמף געגען דעם בורזשואזען ליבעראַליזם און געגען דעם קלענסטען

אויסדרוק פון זיין איינפלוס אין דער ארבייטער באוועגונג. די באלשעוויקעס האבען שטענדיג פארטגעזעצט די דאזיגע פאליטיק. זינט 1905 האבען זיי זיך סימפאטיש פארבונדען מיט'ן פויערטום געגען דער ליבעראלער בורזשואזיע און דעם צאריזם און האבען זיך אין דערזעלבער צייט ניט אפגעזאגט פון דער אונטערשטיצונג, וואס זיי האבען געקאנט קריגען פון דער בורזשואזיע געגען דעם צאריזם (צ. ב. אין דער צווייטער שטופע פון וואהלען אדער נאך די וואהלען); זיי האבען פארטגעזעצט דעם אידעאלען און פאליטישען קאמף געגען דער בורזשואז-רעוואלוציאנערער-פארטיי פון די פויערים, די „סאציאליסטען רעוואלוציאנערען", וועלכע האבען זיך ארויסגעשטעלט אין דעםווירקליכען ליכט פון קליינבירגערליכע דעמאקראטען, וואס האבען זיך פאלש צוגערעכענט צו די סאציאליסטען. מיט די מענשעוויקעס זייענען מיר עטליכע יאהר, אין דעם משך פון 1903 ביז 1912, געווען אין דער איינהייטליכער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי, ניט אפשטעלענדיג דעם אידעאלען און פאליטישען קאמף געגען זיי אלס געגען אפארטוניסטען און טרעגער פון בורזשואזען איינפלוס אויף דעם פראלעטאריאט. אין דער צייט פון קריעג זיינען מיר איינגעגאנגען אויף א געוויסען קאמפראמיס מיט די „קאוטסקיאנער", מיט די לינקע מענשעוויקעס, און טיילווייז מיט די "סאצ. רעוואלוציאנערען" טשערנאוו, נאטהאנסאן; מיר זיינען געזעסען צוזאמען מיט זיי אין צימערוואלד און אין קיענטהאל און האבען ארויסגעלאזען געמיינשאפטליכע מאניפעסטען, מיר האבען אבער קיין מאל ניט אויפגעהערט אנצופיהרען אן אידעאל-פאליטישען קאמף געגען די „קאוטסקיאנער", געגען מארטאוו'ען און טשערנאוו'ען. (נאטהאנסאן איז געשטארבען אין 1919 אלס איינער, וואס איז געשטאנען נאהענט צו אונז, וואס איז געווען כמעט סאלידאר מיט אונז, אלס א „רעוואלוציאנערער קאמוניסט" — פאלקס-סאציאליסט). אין דעם מאמענט פון דער אקטאבער-רעוואלוציע האבען מיר געשלאסען מיט דעם

קליינבירגערליכען פויערטום א פארמעלען אָבער זעהר וויכ־טיגען (און זעהר ערפאָלגרייכען) פארבאנד דערמיט, וואָס מיר האָבען אנגענומען דאָס גאנצע סאָציאל־רעוואָלוציאָנערע אגראר־פראגראם, ד. ה., מיר זיינען איינגעגאנגען אויף אן אונצווייפעלהאפטען קאָמפּראָמיס, כדי צו באווייזען די פויע־רים, אז מיר מאַיאָריזירען זיי ניט, נאָר ווילען זיך פארשטענ־דיגען מיט זיי. אין דערזעלבער צייט האָבען מיר פארגע־שלאָגען (און האָבען באלד נאָכדעם פארווירקליכט) א פאר־מאלען פּאָליטישען פארבאנד מיט די „לינקע סאָציאל־רעוואָ־לוציאָנערען", וועלכע האָבען באלד נאָך דעם, ווי דער ברעסט־ליטאָווסק'ער פריעדען איז געשלאָסען געווארען, מבטל גע־מאכט דעם דאָזיגען פארבאנד, זיינען ארויסגעטראָטען אין א באוואפענטען צושטאנד געגען אונז אין יולי 1918 און זיינען שפּעטער איבערגעגאנגען צו א באוואפענטען קאמף געגען אונז.

דאריבער איז פארשטענדליך פארוואָס מיר נעהמען ניט ערנסט דעם אנגריף פון די דייטשע „ראדיקאלען" אויף דעם צענטראל קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון דייטשלאנד, פארוואָס דער דאָזיגער לאָזט צו דעם געדאנק וועגען א פארבאנד מיט די „אומאָפּהענגיגע„ (די אומאָפּ־הענגיגע סאָציאל־דעמאָקראטישע פּארטיי פון דייטשלאנד) און די „קאוטסקיאנער"; און דער דאָזיגער אָנגריף באַ־ווייזט אונז בולט, אז די „ראדיקאלען" זיינען אומ־גערעכט. מיר האָבען אין רוסלאנד אויך געהאט רעכטע מענשעוויקעס, וועלכע האָבען געהערט צו קערענסקי'ס רעגי־רונג און וועלכע ענטשפּרעכען די דייטשע שיידעמאנס, און לינקע מענשעוויקעס (מארטאָוו), וועלכע זיינען געשטאנען אין אָפּאָזיציע צו די רעכטע מענשעוויקעס און ענטשפּרעכען די דייטשע קאוטסקיאנער. אין 1917 האָבען מיר דייטליך בעאָבאכטעט ווי דער ארבייטער־מאסען געהען כסדר איבער פון די מענשעוויקעס צו די באָלשעוויקעס; אויף דעם ער־שטען רוסלענדישען סאָוועטען־קאָנגרעס האָבען מיר געהאט

בלויז 13 פראָצענט פון די שטימען. די סאָציאַל רעוואָלו־
ציאָנערען און די מענשעוויקעס זיינען געווען אין דער מאַ־
יאָריטעט. אויף דעם צווייטען סאָוועטען־קאָנגרעס (דעם
25טען אָקטאָבער, 1917, לויט דעם אַלטען סטיל) האָבען מיר
געהאט 51 פראָצענט שטימען. פארוואס האָט אין דייטש־
לאַנד דיזעלבע באַוועגונג פון די אַרביימער פון רעכטס נאָך
לינקס ניט געפיהרט דירעקט צו דער פארשטאַרקונג
פון די קאָמוניסטען, נאָר האָט צוערשט פארשטאַרקט די
צווישען־פּארטיי, די „אומאָפּהענגיגע”, אַגב די פארטיי האָט
קיין מאָל ניט נאָכגעפאָלגט קיין זעלבסטשטענדיגע פּאָלי־
טישע אידעען, נאָר האָט שטענדיג זיך געוואַקעלט צווישען
די שיידעמאַניסטען און די קאָמוניסטען?

עס פארשטעהט זיך, אז איינע פון די אורזאַכען איז
געווען די פאַלשע טאַקטיק פון די דייטשע קאָמוניסטען, וועל־
כע מוזען זיך באַקענען מיט דעם דאָזיגען פעהלער אָהן מורא
און קאָרעגירען איהם. דער פעהלער איז באַשטאַנען אין
דעם, וואָס זיי האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליגען אין דעם
רעאַקציאָנערען בורזשואַזען פּאַרלאַמענט און אין די רעאַק־
ציאָנערע געווערקשאַפטען; דער פעהלער איז באַשטאַנען
אין דעם פיעלפאַכען אויסדרוק פון יענער „ראַדיקאַלער”
קינדער־קראַנקהייט, וועלכע האָט איצט אויסגעבראָכען, און
וואָס שנעלער זי ווייזט זיך ארוים אַלץ א גרעסערען נוצען
וועט דאָס ברענגען דעם אָרגאַניזם און ער וועט גיכער געזונט
ווערען.

עס איז קלאָר, אז די דייטשע אומאָפּהענגיגע סאָציאַל־
דעמאָקראַטישע פּארטיי איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַר־
שיידענע עלעמענטען; לעבען די אַלטע אָפּאָרטוניסטישע
פיהרער (קאַוטסקי, הילפערדינג, קריספּיען, לעדעבור און
אַנדערע), וועלכע האָבען ארויסגעוויזען זייער אונפעהיג־
קייט צו באַגרייפען די באַדייטונג פון דער סאָוועטען־מאַכט
און די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט און אָנצופיהרען
דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף, האָט זיך אין דער דאָזיגער

פּאַרטיי געבילדעט אַ לינקער פּראָלעטאַרישער פליגעל, וועל־
כער פאַרגרעסערט זיך אויסערגעוועהנליך שנעל. הונדער־
טער טויזענדער מיטגלידער פון דער דאָזיגער פאַרטיי (וועל־
כע צעהלט, גלויב איך, ארום דריי פערטעל מיליאָן מיט־
גליעדער) זיינען פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבען זיך אפּגע־
ריסען פון שיידעמאַנ׳ען און שטעהען צו צום קאָמוניזם.
דער דאָזיגער פּראָלעטאַרישער פליגעל האָט שוין אויף דעם
לייפּציגער קאָנגרעס פון די אומאָפּהענגיגע (אין 1919) פאַר־
געשלאָגען אנצושליסען זיך גלייך אָהן וועלכע עס איז באַ־
דינגונגען אן דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל. שרעקען זיך
פאַר אַ „קאָמפּראָמיס” מיט דעם דאָזיגען פליגעל פון דער
פּאַרטיי איז פשוט לעכערליך. פאַרקערט, די קאָמוניסטען
מוזען אומבאַדינגט זוכען און געפינען אַ פּאַסענדע פאָרם
פון אַ קאָמפּראָמיס מיט איהם; פון אזא קאָמפּראָמיס, וואָס
זאָל פון איין זייט ערלייכטערען און פארשנעלערען די פאָל־
שטענדיגע צוזאַמענשמעלצונג מיט דעם דאָזיגען פליגעל, און
זאָל פון דער אנדערער זייט ניט שטערען די קאָמוניסטען אין
זייער אידעאַל־פּאָליטישען קאַמף געגען דעם רעכטען פלי־
געל פון די אוּנאָפּהענגיגע. עס וועט מסתמא ניט לייכט
זיין צו געפינען אַן איינפאַכע פאָרם פאַר אזא קאָמפּראַ־
מיס, אָבער נאָר אַ שאַרלאַטאַן קען פאַרשפּרעכען די דייטשע
אַרבייטער און די רוסישע קאָמוניסטען אַ „לייכטען” וועג
צום זיעג.

דער קאַפּיטאַליזם וואָלט ניט געווען קיין קאַפּיטאַליזם,
ווען דער ריינער פּראָלעטאַריאַט וואָלט ניט זיין פאַרבונדען מיט
אַ מאַסע זעהר בולט׳ע איבערגאַנגס־טיפּען פון פּראָלעטאַ־
ריער צו האַלב־פּראָלעטאַריער (צו די, וועלכע מאַכען אַ
לעבען נאָר טיילוויז דורכדעם, וואָס זיי פאַרקויפען זייער
אַרבייטס־קראַפט), פון האַלב־פּראָלעטאַריער צו אָרעמע
פויערים און אָרעמע בעלי־מלאכות, פון אָרעמע פויערים צו
מיטעל־פויערים און אזוי ווייטער, און ווען אין דעם פּראַ־
לעטאַריאַט גופא וואָלטען ניט געווען קיין טיילונגען אין

מעהר אָדער ווייניגער ענטוויקעלטע שיכטען, פויערישע, גע־ווערקשאפטליכע, רעליגיעזע און אנדערע. דערפון טאָקע פאָלגט די אבסאָלוטע נויטווענדיגקייט, די אומבאדינגטע נויטווענדיגקייט פאר דעם אוואנגארד פונ'ם פראָלעטאריאט, פאר זיינע באוואוסטע טיילען, פאר דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, צו לאַווירען, שליסען אָפּמאכען און איינגעהן אויף קאָמפּראָמיסען מיט די פארשיידענע פראָלעטארישע גרופּען, מיט די פארשיידענע פּארטייען פון די ארבייטער און די קליינע באַזיצער. עס האנדעלט זיך דאָ נאָר וועגען דעם, אז מ'מוז פארשטעהן ווי אנצואווענדען די דאָזיגע טאַקטיק פאר דעם צוועק אויפצוהויבען און ניט ארונטערצוזינקען דעם אַלגעמיינעם צושטאנד פון דעם פּראָלעטארישען קלאַסענבאוואוסטזיין, פון דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט, פון זיין פעהיגקייט צום קאַמף און צום זיעג. מ'מוז אגב אורחא באמערקען, אז דער זיעג פון די באָלשעוויקעס איבער די מענשעוויקעס האָט געפאָדערט אנצואווענדען די טאַקטיק פון לאַווירען און איינגעהן אויף קאָמפּראָמיסען, ניט נאָר פאר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין 1917, נאָר אויך נאָכדעם; עס פארשטעהט זיך, אז די דאָזיגע קאָאָמפּראָמיסען זיינען געווען אזעלכע, וועלכע האָבען פארלייכטערט, פאר־שנעלערט, באפעסטיגט און שטארקער געמאכט דעם זיעג פון די באָלשעוויקעס אויף דעם חשבון פון די מענשעוויקעס. די קליינבירגערליכע דעמאָקראטען (צווישען זיי אויך די מענשעוויקעס) האָבען אומבאדינגט געמוזט וואקלען זיך צווישען דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאריאט, צווישען דער בורזשואזער דעמאָקראטיע און דעם סאָוועטען־רעזשים, צווישען רעפאָרמיזם און רעוואָלוציאָנערער שטימונג, צווי־שען דער ליעבע צו די ארבייטער און דער מורא פאר דער פּראָלעטארישער דיקטאטור. די ריכטיגע טאַקטיק פון די קאָמוניסט'ן מוז באשטעהן אין דעם, וואָס זיי דארפען אויסנוצען די דאָזיגע וואקלונגען און פאר קיין פאל ניט איגנאָרירען זיי. צוליעב דעם מוז מען פארשטעהן ווען

און ווי ווייט מ׳דאַרף אויסנוצען די דאָזיגע עלעמענטען פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט. דער רעזולטאַט פון אָנווענדען די ריכטיגע טאַקטיק איז געווען, וואָס דער מענשעוויזם איז ביי אונז וואָס ווייטער אַלץ מעהר פאַנאַנדערגעפאַלען און פאַלט פאַנאַנדער און איזאָלירט (זונדערט אָפּ) אויף אַזאַ אופן די פאַר׳עקשנ׳טע אָפּאָרטוניסטישע פיהרער און ברייננט אריבער אין אונזער לאַגער די בעסטע עלעמענטען פון דער קליינבירגערליכער דעמאָקראַטיע. דאָס איז אַ פּראָצעס, וואָס געדויערט אַ לאַנגע צייט, און דורך דעם פאַראויס אָנגע־נומענעם „באַשלוס": „קיינע קאָמפּראָמיסען און ניט לאַ־ווירען" קען מען נאָר שעדיגען דעם איינפלוס פון דעם רע־וואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט און דער פאַרמעהרונג פון זיינע כוחות.

ענדליך איז איינער פון די אונצווייפעלהאַפטע טעות׳ען פון די „ראַדיקאַלען" אין דייטשלאַנד זייער פאַר׳עקשנ׳טע באַציהונג צו דעם ווערסאַלער פריעדען. וואָס מעהר „סאָ־ליד" און „וויכטיגער", וואָס מעהר „ענטשלאָסען" און „אומ־געדולדיג" די דאָזיגע באַציהונג ווערט פאָרמולירט, ווי צ. ב. ש. פון ק. האָרנער, אַלץ וועניגער קלוג ווירקען זיי. עס איז ניט גענוג אָפּצוזאָגען זיך פון די הימעל־שרייענדע נאַרישקייטען, פון דעם „נאַציאָנאַלען באָלשעוויזם" (פון לויפענבערג׳ען און אַנדערע, וועלכע געהען אויך איין אויף אַ פאַרבאַנד מיט דער דייטשער בורזשואַזיע צו קעמפען געגען די אַליאירטע), אונטער די איצטיגע אומשטענדען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. מען מוז פאַרשטעהן, אַז אַזאַ טאַקטיק איז פאַלש פון אָנפאַנג אָן, וועלכע פאַרפליכטעט סאָוועט־דייטשלאַנד (ווי באַלד עס וועט נאָר ענטשטעהן אַ דייטשע סאָוועטען רעפּובליק) צו אַנערקענען און אָנצוהאַלטען פאַר אַ געוויסער צייט דעם ווערסאַלער פריעדען. דאָס מיינט ניט, אַז די אומאָפּהענגיגע זיינען געווען גערעכט, ווען זיי האָבען געפאָדערט אונטער־צושרייבען דעם ווערסאַלער פריעדען, ווען אין דער רעגירונג

זיינען געזעסען די שיידעמאַנס, ווען די סאָוועטען־מאַכט אין אונגאַרן איז נאָך ניט געווען געבראָכען, ווען עס איז נאָך געווען א מעגליכקייט, אַז א סאָוועט־רעוואָלוציע אין וויען זאָל שטיצען סאָוועט־אונגאַרן. אין יענער צייט האָבען די אומאָפּהענגיגע זעהר שלעכט לאַווירט, ווייל זיי האָבען מעהר אָדער ווייניגער איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די שיידעמאַנישע פאַררעטער, זיינען איבערגעגאַנגען מעהר אָדער ווייניגער פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אומ׳ברחמנות׳דיגען (און קאַלטבלוטיגסטען) קלאַסענקאַמף געגען די שיידעמאַנס צו דעם „קלאַסענלאָזען" שטאַנדפּונקט אָדער צו דער פּאָזיציע פון שטעהן „איבער די קלאַסען".

איצט אָבער איז די לאַגע אזא, אַז די קאָמוניסטען פון דייטשלאַנד מוזען זיך ניט בינדען און מוזען ניט פאַרשפּרעכען, אַז זיי וועלען אומבאַדינגט צוריקווייזען דעם ווערסאַלער פריעדען אין פאַל דער קאָמוניזם וועט זיעגען. דאָס וואָלט געווען נאַריש. זיי מוזען זאָגען: „די שיידעמאַנס און די קאַוטסקים זיינען באַגאַנגען א רייהע פאַרראַטען, וועלכע האָבען שווער געמאַכט (און טיילווייז דירעקט געשטערט) א פאַרבאַנד מיט סאָוועט־רוסלאַנד און סאָוועט־אונגאַרן. מיר, קאָמוניסטען, וועלען אַט דעם פאַרבאַנד מיט אַלע מיטלען פאַרלייכטערען און צוגרייטען, ניט זייענדיג פאַרפליכטעט זיך אומבאַדינגט אָפּצוזאָגען פונ׳ם ווערסאַלער פריעדען. די מעגליכקייט זיך אָפּצוזאָגען פון איהם מיט ערפאָלג, הענגט ניט אָפּ נאָר פון דעם דייטשען פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פון דעם ערפאָלג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָוועטען־באַוועגונג. די דאָזיגע באַוועגונג האָבען די שיידעמאַנס און די קאַוטסקים געשטערט, מיר וועלען איהר העלפען. אין דעם באַשטעהט דער תמצית פון דער זאַך, אין דעם ליגט דער ראַדיקאַלער אונטערשיעד. און ווען אונזערע קלאַסען פיינד, די עקספּלואַטאַטאָרס און זייערע דיענער, די שיידעמאַנס און קאַוטסקים האָבען זיך ניט גערעכענט מיט א גאַנצער רייהע מעגליכקייטען, וואָס וואָל־

טען פארשטארקט די דייטשע און אינטערנאַציאָנאַלע סאָ־וועטען־באַוועגונג, דאַן פאַלט די שולד נאָר אויף זיי. די סאָוועטען רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד וועט שטאַרקען די אינטערנאַציאָנאַלע סאָוועטען־באַוועגונג, וועלכע איז אַ גרוי־סע שטערונג, — און די איינציגע וויכטיגע, אומבאַזיגבאַרע פעסטונג געגען וועלטסאַלער פרידען און איבערהויפּט געגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען אימפּעריאַליזם, צו שטעלען די באַפריי־אונג פון'ם וועלטסאַלער פרידען אומבאַדינגט און גלייך אויפ'ן ערשטען פּלאַץ, נאָך פאַר דער פראַגע פון באַפרייאונג פון די אַנדערע אימפּעריאַליסטישע לענדער פון'ם אימפּעריאַליס־טישען יאָך, איז אַ קליינבירגערליכער נאַציאָנאַליזם (וואָס פּאַסט פאַר אַ קאַוטסקי, הילפערדינג, אָטאָ באַוער און קאָ.) אָבער ניט פאַר דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. דאָס אָראָפּוואַרפען פון דער בורזשואַזיע אין אַ וועלכען ניט איז גרויס אייראָפּעאישען לאַנד, דאַרונטער אויך אין דייטש־לאַנד, איז אַזאַ געווינס פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער רע־וואָלוציע, אַז מען דאַרף פון זיינטוועגען איינגעהן, מען מוז זאָגאַר פאַר אַ צייט איינגעהן אויף אַ לענגערען וועלטסאַלער פּריעדען, ווען דאָס זאָל נאָר זיין נויטיג. ווען רוסלאַנד אליין איז געווען אימשטאַנד מעהרערע מאָנאַטען צו דער־טראָגען דעם ברעסט ליטאָווסקער פריעדען, דאַן איז פּונקט אַזוי ניט אונמעגליך, אַז סאָוועטען־דייטשלאַנד זאָל קענען אויסהאַלטען פאַר אַ לענגערע צייט דעם וועלטסאַלער פּריע־דען, ווען דאָס קען נאָר נוצען דער רעוואָלוציע.

די אימפעריאַליסטען פון פראַנקרייך, ענגלאַנד א. אז. וו. פּראָוואָצירען די דייטשע קאָמוניסטען, שטעלען זיי אַ נעץ: „זאָגט נאָר, אַז איהר ווילט ניט אונטערשרייבען דעם וועל־טסאַלער פּריעדען”, און די לינקע קאָמוניסטען געהען ווי קינדער אין דעם אויסגעשפּרייטען נעץ, אָנשטאָט געשיקט צו לאַווירען געגען דעם שלויען און אין איצטיגען מאָמענט שטאַרקערען פיינד, אָנשטאָט איהם צו זאָגען: „איצט ווע־לען מיר אונטערשרייבען דעם וועלטסאַלער פּריעדען”. זיך

שוין פארבינדען אין פאַראויס, און אָפּעון זאָגען דעם פיינד, וועלכער איז אין איצטיגען מאָמענט בעסער באוואפּענט, ווען און ווי מיר וועלען מיט איהם קעמפּען, איז א דומהייט און ניט קיין רעוואָלוציאָנערער גייסט. אָנעהמען דעם קאמף, ווען מיר ווייסען, אז ער איז גינסטיג פאר'ן שונא, איז א פארברעכען, און אזעלכע פּאָליטיקער פונ'ם רעוואָלוציאָנערען קלאס, וואָס פארשטעהען ניט צו „לאווירען, שליסען אָפּמאכען און איינגעהן אויף קאָמפּראָמיסען", אום אויסצומיידען א ניט גינסטיגע פאר זיי שלאכט, טויגען אויף כפּרות.

.9

דער „ראדיקאלער" קאָמוניזם אין ענגלאנד.

אין ענגלאנד איז נאָך קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי נים פאַראַן, עס ענטוויקעלט זיך אָבער א פרישע, ברייטע, מאַכט־פולע, שנעל־וואקסענדע קאָמוניסטישע באוועגונג, אויף וועלכער מיר לייגען די בעסטע האָפנונגען. עס זיינען דאָ איינ:גע פּאָליטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאציעס (די ברי־טישע סאָציאליסטישע פּאַרטיי, די סאָציאליסטישע אַרביי־טער פּאַרטיי, דער דרום־וועילז'ער סאָציאליסטישער פּאַראַיין, די סאָציאליסטישע אַרבייטער פעדעראַציע), וועלכע ווילען שאפען איין קאָמוניסטישע פּאַרטיי און פּאַרהאנדלען שוין אפילו וועגען דעם. אין דער צייטונג „דהי וואָרקערס דרעד־נאָוט" (באַנד 4, נומער 48, פון 21טען פעברואר, 1920), דעם וועכענטליכען אָרגאַן פון די אויבענדערמאָנטע אַרגאַני־זאַציעס וואָס ווערט רעדאַגירט פון געגאָסין סילוויא פּאנק־הוירסט, געפינט זיך אַ אַרטיקעל אין באַצוג „צו דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי". אין דעם אַרטיקעל ווערט עס דער־צעהלט וועגען דעם גאַנג פון די פּאַרהאנדלונגען צווישען די פיער אויבען אָנגערופענע אַרגאַניזאַציעס וועגען בילדען איין קאָמוניסטישע פּאַרטיי אויף דער גרונדלאַגע פון אָנשלי־סען זיך אָן דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַצ־אָנאַל, דאָס אַנערקענען פון דעם סאָוויעטען־סיסטעם אָנשטאָט דעם פּאַר־לאַמענטאַריזם, און פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז איינע פון די וויכטיגסטע הינדערניסע צו באַשאַפען אַן איינהייטליכע קאָמוניסטישע פּאַרטיי זיינען די מיינונגס־פאַרשיידענהייטען אין דער פּראַ־

גע וועגען באטייליגען זיך אין פארלאמענט, און וועגען דער פאראייניגונג פון דער נייער קאָמוניסטישער פארטיי מיט די אַלטע געווערקשאפטליכע טרייד־יוניאָנס, וועלכע איז אַן אַפּאָרטוניסטישע און סאָציאַל־שאָוויניסמישע „ארבייטער פארטיי". די סאָציאַליסטישע ארבייטער פעדעראציע, ווי אויך די סאָציאַליסטישע ארבייטער פארטיי זיינען געגען דעם באטייליגען זיך אין די פארלאמענטארישע וואהלען און אין פארלאמענט, און זיינען געגען דער פאראייניגונג מיט דער ארבייטער־פארטיי. אין דער באציהונג געהען זיי זיך פאַנאַנדער מיט אלע, אָדער מיט דער מערהייט מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי, וועלכע בילדען, לויט זייער מיינונג, דעם „רעכטען פליגעל פון די קאָמוניסטישע פאר־טייען" אין ענגלאנד (זעה נומער 5 פון דעם אויבענדער־מאָנטען ארטיקעל פון סילוויא פאנקהורסט).

די גרונד־אורזאכען פארוואָס מען קאָן זיך ניט אייניגען זיינען די זעלביגע ווי אין דייטשלאנד — ניט קוקענדיג אויף די אונגעהייערע מיינונגס־פארשיידענהייטען — אין דייטש־לאנד זיינען די דאָזיגע מיינונגס פארשיידענהייטען פיל נע־הענטער צו די „רוסישע" מיינונגען ווי אין ענגלאנד. לאָמיר באטראכטען די גרונד־באווייזע פון די „ראדיקאלען".

אין דער פראגע וועגען באטייליגען זיך אין פארלאמענט צייגט גענאָסין סילוויא פאנקהורסט אין אויף אַן ארטיקעל פון גענאָסע וו. גאלאכאר, וואָס איז געווען געדרוקט אין דעמ־זעלביגען נומער, וועלכער שרייבט אין נאָמען פון שאָטלענ־דישע ארבייטער־סאָוויעטען אין גלאזגאו:

„דער דאָזיגער סאָוועט איז אויסגעשפראָכען אנטי־פארלאמענטאריש, און הינטער איהם שטעהט דער לינקער פליגעל פון פארשיידענע פאָליטישע ארגאניזאציעס. מיר פארטרעטען די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אין סקאָטלאנד, וועלכע שטרעבט צו שאפען א רעוואָלוציאָנערע ארגאניזא־ציע אין די געווערקשאפטען גופא, און אויך א קאָמוניסטישע פארטיי, וועלכע גרינדעט זיך פון סאָציאלע קאָמיטעס אי־

בער'ן לאנד. א לאנגע צייט האָבען מיר די אָפיציעלע פארלאמענטאריער געשווינט. מיר האָבען ניט געהאלטען פאר נויטיג, זיי צו ערקלערען אַן אָפענעם קריג; זיי, ווידער, האָבען מורא אונז אנצוגרייפען. אזא סיטואציע קען אָבער לאנג ניט אָנהאלטען, ווייל מיר זיגען אויף אלע פראָנטען.

„די מאסען־מיטגלידער פון דער אומאָפהענגיגער ארבייטער פארטיי אין סקאָטלאנד קריגען וואָס ווייטער אלץ מעהר ווידערווילען צום געדאנק וועגען פארלאמענט, און כמעט אלע ארטיגע גרופען זייגען פאר די סאָוועטען אָדער ארבייטער ראטען. עס פארשטעהט זיך, אז דאָס האָט אַן ערנסטע באדייטונג פאר די יעניגע הערען, וואָס באטראכטען פּאָליטיק אלס א קאריערע (אָדער א פּראָפעסיע) און שטעלען אלצדינג אין קאָן, אום צו באוועגען זייערע מיטגלידער זיך צוריקצוקעהרען צום פארלאמענטאריזם. די רעוואָלוציאָנערע גענאָסען דארפען ניט אונטערשטיצען די דאָזיגע באנדע. דאָ וועלען מיר האָבען זעהר א שווערען קאמף. איינע פון די ערשטע זאכען וועט זיין דער פארראט פון יענע, וואָס ווערען געטריבען מעהר פון פערזענליכע אינטערעסען (אָדער פערזענליכען כבוד) ווי פון די אינטערעסען פון דער רעוואָלוציע. יעדע אונטערשטיצונג פון פארלאמענטאריזם טרייבט צו דעם, אז די מאכט זאָל ארייגפאלען אין די הענד פון אונזערע בריטישע שיידעמאנס און נאָסקעס. הענדערסאָן, קליגעס און קאָמפּ. זייגען שרעקליך רעוואָלוציאָנער. די אפיציעלע אומאָפהענגיגע ארבייטער פארטיי פאלט וואָס ווייטער אלץ מעהר ארונטער אונטער דעם איינפלוס פון די בירגערליכע ליבעראלען, וועלכע האָבען געפונען א „גייסטיגען דאך" אינ'ם לאגער פון די הערען מאקדאָנאלד, סנאָודען און קאָמפּ. די אָפיציעלע אומאָפהענגיגע פארטיי איז פיינדליך געשטימט צו דעם קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאל, די מאסע אָבער איז יע פאר'ן קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאל. אויף דעם אָדער יענעם וועג אונטערשטיצען די אָפּאָרטוניסטישע פארלאמענטאריער הייסט איינפאך דינען אלס א קרבן אין די

הענד פון די אויבענדערמאָנטע הערען. די בריטישע סאָ־ציאַליסטישע פארטיי האָט דאָ גאר קיין באדייטונג ניט...

„דאָ זיינען נויטיג א געזונטע רעוואָלוציאָנערע באטריבס־אָרגאניזאציע און א קאָמוניסטישע פארטיי, יועלכע זאָלען האנדלען לויט קלאָרע, גענויע, פעסטגעזעצטע וויסענשאפט־ליכע גרונדלאגען. ווען אונזערע גענאָסען ווילען אונז העל־פען מיט דעם שאפען פון דיביידע זאכען, דאן נעמען מיר גערן אָן זייער הילף. ווען זיי קענען דאָס אָבער ניט, זאָלען זיי, אום גאָטעס ווילען, זיך ניט אריינמישען, ווען זיי ווילען נאָר ניט פארראטען די רעוואָלוציע מיט דעם אונטערשטיצען „רעוואָלוציאָנע־ען", וועלכע באמיהען זיך אזוי שטארק צו דערגרייכען דעם „עהרעפולען"? (פראגעצייכען פון פארפא־סער) טיטעל פון פארלאמענטאריער, און וועלכע ברענגען פון ליידענשאפט, צו באווייזען, אז זיי קענען אויך אזוי רעגירען ווי די „אויפזעהער", די קלאסען־פאָליטיקער גופא."

דער דאָזיגער „בריעף אין דער רעדאקציע", דריקט נאָך מיין מיינונג אויסגעצייכענט אוים די שטימונג און דעם שטאנדפונקט פון יענע יונגע קאָמוניסטען אָדער ארבייטער פון דער מאסע, וואָס האָבען נאָר־וואָס אָנגענומען דעם קאָ־מוניזם. די דאָזיגע שטימונג איז אויפ'ן העכסטען גראד ווערטפול און ערפרעהענד; מען מוז זי וויסען ווי אָפצושא־צען און זי אונטערשטיצען, ווייל אָהן איהר איז ניט צו האָפען אויף א פראָלעטארישער רעוואָלוציע ניט נאָר אין ענג־לאנד, — נאָר אויך אין וועלכען עס איז אנדערען לאנד. **מענשען, וועלכע פארשטעהען אויסצודריקען אזא שטימונג** פון דער מאסע, וועלכע איז ביי די מאסען גופא נאָך א שלא־פעדיגע, ניט באוואוסטע, נאָך ניט געוועקטע שטימונג, אזעל־כע מענשען מוז מען זוכען און זיי אונטערשטיצען מיט יעדער מעגליכקייט. צו גלייכער צייט אָבער מוז מען זיי דירעקט און אָפען זאָגען, אז די שטימונג אליין איז נאָך ניט גענוג, אום צו פיהרען די מאסען אין א גרויסען רעוואָלו־ציאָנערען קאמוף, און אז אזעלכע און עהנליכע פעהלערען,

וואָס באַגעהען און דענקען צו באַגעהן בנוגע דער רעוואָלוציע איבערגעבענע מענשען, זיינען פעהלערען, וועלכע קאָנען שאַדען די זאַך פון דער רעוואָלוציע. דער „בריעף אין דער רעדאַקציע" פון גענאָסע גאַלאַכער באַוויזט אונצווייפעלהאַפט דעם שורש פון אַלע יענע פעהלערען, וואָס עס באַגעהען די דייטשע „ראַדיקאַלע" קאָמוניסטען און וועלכע די רוסישע „ראַדיקאַלע" קאָמוניסטען זיינען באַגאַנגען אין די יאָהרען 1918 און 1919.

דער פּאַרפאַסער פונ'ם בריעף איז דורכגעדרונגען מיט דעם איידעלסטען פּראָלעטאַרישען האַס געגען די בורזשואזע "קלאַסענפּאָליטיקער" (אַ האַס וועלכער איז פאַר קיין פאַל ניט פרעמד נאָר פאַרשטענדליך און נאָהענט ניט נאָר פאַר פּראָלעטאַריער, נאָר פאַר אַלע האָרעפּאַשניקעס, אָדער ווי די דייטשען זאָגען, פאַר אַלע „קליינע מענשעלאַך"). דער דאָזיגער האַס פון דעם פאַרטרעטער פון אַלע פאַרשקלאַפּטע און עקספּלואַטירטע מאַסען איז נאָך אַלעמען דער „אָנפאַנג פון אַלע חכמות", די גרונדלאַגע און דער ערפאָלג פון יעדער קאָמוניסטישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָבער דער פאַרפאַסער נעמט ווי עס שיינט ניט אין אַנבאַטראַכט, אַז פּאָליטיק איז אַ וויסענשאַפט און אַ קונסט, וועלכע פאַלט ניט גלאַט אַזוי פון הימעל אַראָפּ, וועלכע ווערט ניט געגעבען בחינם, און אַז דער פּראָלעטאַריאַט, ווען ער וויל באַזיגען די בורזשואזיע, מוז אַרויסברייגען זיינע אייגענע פּראָלעטאַרישע קלאַסענפּאָליטיקער, און טאַקע אַזעלכע, וואָס זאָלען ניט זיין ערגער פון די בורזשואזע פּאָליטיקער.

דער פאַרפאַסער פונ'ם בריעף האָט אויסגעצייכענט באַגריפען, אַז ניט דער פּאַרלאַמענט, נאָר בלויז די אַרבייטער סאָוועטען קענען זיין דער מיטעל צו דערגרייכען די פּראָלעטאַרישע צילען, און אַז דער יעניגער, וואָס האָט דאָס נאָך ביז איצט ניט פאַרשטאַנען איז דער ערגסטער רעאַקציאָנער, גאַנץ גלייך צי ער איז דער געלערענטער, דער פּראַקטישסטער פּאָליטיקער, דער אויפריכטיגסטער סאָציאַליסט, דער באַלע-

זענדסטער מאַרקסיסט, דער עהרהליכסטער בירגער אָדער דער עהרליכסטער פאַמיליען־מיטגליד. דער פּאַרפּאַסער פונ׳ם בריעף אָבער שטעלט זיך אַפילו ניט די פראַגע, פאַר־טראַכט זיך אפילו ניט וועגען דער נויטווענדיגקייט צו שטע־לען די פראַגע: צי קען מען די סאָוועטען בריינגען דערצו, אַז זיי זאָלען באַזיגען דעם פּאַרלאַמענט און ניט אַריינבריינגען דערביי די סאָוועטען־פּאָליטיקער אינ׳ם פּאַרלאַמענט? אַהן אויפצורייסען דעם פּאַרלאַמענט פון אינוועניג? אַהן פאַרצובריייטען דעם ערפאָלג פון די סאָוועטען אין פּאַרלאַ־מענט גופא, נאָך איידער מען האָט איהם פאַנאַנדערגעטרי־בען? אין דערזעלבער צייט דריקט דער פּאַרפּאַסער פונ׳ם בריעף אויס דעם געדאַנק, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ענגלאַנד מוז האַנדלען לויט וויסענשאַפטליכע גרונד־לאַגען. די וויסענשאַפט פאָדערט, ערשטענס, אַז די ערפאַהרונג פון אַלע לענדער זאָל גענומען ווערען אין אַנבאַטראַכט. איבער־הויפּט נאָך, ווען אַנדערע, אויך קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מאַכען דורך עהנליכע ערפאַהרונגען אָדער האָבען דאָס שוין ניט לאַנג צוריק דורכגעמאַכט; צווייטענס, אַז אַלע קרעפטען, גרופּען, פּאַרטייען, קלאַסען, מאַסען, וועלכע אַר־בייטען אין דעם געגעבענעם לאַנד מוזען גענומען ווערען אין אַנבאַטראַכט, און אַז די פּאָליטיק זאָל באַשטימט ווערען ניט נאָר אויף דעם גרונד פון וואונשען און אַנזיכטען, ניט אויפ׳ן גרונד פון דער שטופע פון ענטוויקלונג און באַרייטשאַפט צום קאַמף בלויז פון איין גרופּע אָדער פון איין פּאַרטיי.

עס איז ריכטיג, אַז די הענדערסאָנס, קלינס, מאַקדאָ־נאַלדס און סנאָודענס זיינען האָפנונגסלאָז רעאַקציאָנער. עס איז אויך אמת, אַז זיי ווילען אַריינקריגען די מאַכט אין זייערע הענד (וואו עס דאַרף דערביי באַמערקט ווערען, אַז זיי איז ליבער אַ פאַראייניגונג מיט דער בורזשואַזיע), אַז זיי ווילען „רעגירען" לויט דעם פאַראַלטערטען בורזשואַזען מנהג, און אַז קוים האָבען זיי שוין די מאַכט אין זייערע הענד, וואָלטען זיי זיך געוויס פאַרהאַלטען ווי די שיידע־

מאנס און די נאַסקעס. דאָס אַלץ איז אַזוי. אָבער פון דעם איז נאָך ניט געדרונגען, אַז אונטערשטיצען זיי הייסט פאַר־ראַטען די רעוואָלוציע, נאָר אַז דער ארבייטער קלאַס מוז אין די אינטערעסען פון דער רעוואָלוציע אָט די הערען געבען אַ געוויסע אונטערשטיצונג. אום צו ערקלערען דעם דאָזיגען געדאַנק, וועל איך נעמען צוויי ענגלישע פּאָליטישע דאָקומענטען פון דער איצטיגער צייט: 1) די רעדע פון פּרעמיער ללאָיד דזשאָרדזש פון 18טען מערץ, 1920, און, 2) די קריטיק פון דער „ראַדיקאַלער" קאָמוניסטקע, גענאָסינע סילוויא פאַנקהייַרסט, אין איהר פריהער־דערמאָנטען אַרטיקעל.

ללאָיד דזשאָרדזש האָט אין זיין רעדע פּאָלעמיזירט מיט אסקוויט'ען (וועלכער איז ספּעציעל געווען איינגעלאַדען צו דער פאַרזאַמלונג, איז אָבער ניט געקומען) און די ליבעראַלען, וואָס האָבען ניט געוואָלט געהן צוזאַמען מיט די קאָנסערוואַטאָרען, נאָר האָבען בלויז געוואָלט געהן מיט דער ארבייטער פּאַרטיי. (אין זיין בריעף שטרייכט אויך גענאָסע גאַלאַכער אונטער דעם פאַקט, אַז די ליבעראַלען געהען איבער צו דער אומאָפּהענגיגער ארבייטער פּאַרטיי.) ללאָיד דזשאָרדזש האָט געזוכט צו באַווייזען, אַז עס איז נויטווענדיג די ליבעראַלען זאָלען געהן צוזאַמען מיט די קאָנסערוואַטאָרען און טאַקע גאַנץ ענג זיין פאַרבונדען מיט זיי, אַניט קען די ארבייטער פּאַרטיי האָבען אַ זיג, וועלכען ללאָיד דזשאָרדזש וואָלט אָנגערופען אַ „סאָציאַליסטישען" און וואָס שטרעבט צו אַן „אַלגעמיינעם־באַזיץ" פון די פּראָדוקציאָנס־מיטעל. „אין פראַנקרייך האָט מען דאָס גערופען קאָמוניזם", ערקלערט אין אַ פּאָפּולערער פאָרם דער פיהרער פון דער ענגלישער בורזשואזיע זיינע צוהערער, די מיטגלידער פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער פראַקציע פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, וועלכע האָבען דאָס, ווי עס שיינט, ביז איצט נאָך ניט געוואוסט: — „אין דייטשלאַנד האָט מען דאָס גערופען סאָציאַליזם, און אין רוסלאַנד רופט מען דאָס „באָלשע־

וויזם". פאַר די ליבעראַלען איז דאָס פון גרונד אויס אומ־מעגליך, — ערקלערט ללאָיד דזשאָרדזש, — ווייל די ליבע־ראַלען זיינען אין גרונד גענומען פאַר פּריוואַט אייגענטום. „די ציוויליזאַציע איז אין געפאַהר", ערקלערט דער רעדנער, „און דארום מוזען זיך די ליבעראַלען פאראייניגען מיט די קאָנסערוואַטאָרען".

„ווען איהר וועט געהן אין די לאַנד־ווירטשאַפטליכע דיסטריקטען — האָט ללאָיד דזשאָרדזש געזאָגט — גיב איך צו, אז איהר וועט דאָרטען געפינען די אַלטע פּאַרטיי איינ־טיילונגען, ווי פריהער; דאָרט איז עס ווייט פון געפאַהר. דאָרט איז כמעט קיין געפאַהר ניטאָ. ווען אָבער די באַוועגונג וועט דערגרייכען די לאַנד־ווירטשאַפטליכע דיסטריקטען, וועט דאָרטען די געפאַהר זיין אויך אזוי גרויס ווי עס איז איצט אין די אינדוסטריעלע דיסטריקטען. פיער פינפטעל פון אונזער באַפעלקערונג באַשעפטיגט זיך אין דער אינדוסטריע און אין האַנדעל און קוים איין פינפטעל — אין ערד־אַרבייט. דאָס איז איינע פון די וויכטיגע פאַקטען, וועלכע איך האָב אַלעמאָל אין זינען, ווען איך גיב אַ טראַכט וועגען די גע־פאַהרען וואָס די צוקונפט וועט אונז ברייננגען. אין פראַנק־רייך באַשעפטיגט זיך די באַפעלקערונג מיט ערד־אַרבייט, דעריבער האָבען מיר דאָרטען אַ פעסטען פונדאַמענט, וואָס לאָזט זיך ניט אזוי גיך אויפטרייסלען און קען ניט אזוי לייכט מיטגעשלעפט ווערען פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַווע־גונג. אין אונזער לאַנד איז אָבער די זאַך גאַנץ אַנדערש. אין אונזער לאַנד איז לייכטער צו מאַכען אַן איבערקעהרע־ניש, ווי אין אַ וועלכען עס איז אַנדער לאַנד אין דער וועלט, און ווען עס הייבט זיך נאָר אָן צו שאָקלען, אזוי וועט שוין דער קראַך צוליעב די אויבענדערמאָנטע באַדינגונגען, זיין פיל שטאַרקער ווי אין אַנדערע לענדער."

דער לעזער זעהט דערפון, אז הער ללאָיד דזשאָרדזש איז ניט נאָר אַ זעהר קלוגער מאַן, נאָר אויך אַזעלכער, וואָס האָט פון די מאַרקסיסטען זעהר פיל געלערענט. עס

וועט גאַר ניט שאַדען, אַז אויך מיר זאָלען לערנען פון ללאָיד דזשאָרדזש. אינטערעסאַנט איז נאָך פאָלגענדער עפּיזאָד, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער דיסקוסיע נאָך ללאָיד דזשאָרדזש׳עס רעדע:

ג. וואָליים: — „איך וואָלט וועלען פרעגען, ווי דער פּרעמיער מיניסטער באַטראַכט די רעזולטאַטען פון זיין פּאָליטיק אין די אינדוסטריעלע דיסטריקטען אויף די אינ־דוסטריעלע אַרבייטער, פון וועלכע זעהר פיל זיינען איצט ליבעראַל געשטימט און אונטערשטיצען אונז זעהר שטאַרק. איז דען ניט מעגליך, אַז דער רעזולטאַט אָט דערפון זאָל זיין דער, וואָס די אַרבייטער, וועלכע שטיצען אונז איצט זאָלען אונגעהייער פאַרמעהרען די קרעפטען פון דער אַר־בייטער פּאַרטיי?"

דער פּרעמיער מיניסטער: — „איך בין מיט אַ גאַנץ אַנדערער מיינונג. דער פאַקט, וואָס די ליבעראַלען קעמפען איינער מיט׳ן אַנדערען, שטויסט אָהן צווייפעל זעהר אַ גרויסע צאָהל ליבעראַלען פון פאַרצווייפלינג אין דער אַרבייטער פּאַרטיי, וואו איהר קענט שוין געפינען אַ באַ־דייטענדע צאָהל ליבעראַלען, זעהר פעהיגע מענשען, וואָס באַשעפטיגען זיך איצט מיט דער דיסקרעדיטירונג פון דער רעגירונג. עס קען גאַר קיין צווייפעל ניט זיין אַז דער רעזולטאַט איז דער, וואָס די עפענטליכע מיינונג איז באַ־דייטענד געשטיגען צו גונסטען דער אַרבייטער פּאַרטיי. די עפענטליכע מיינונג איז ניט געשטימט גינסטיג צו די ליבע־ראַלען, וואָס שטעהען אויסער דער אַרבייטער פּאַרטיי, נאָר צו דער אַרבייטער פּאַרטיי; דאָס באַווייזען טיילווז די נייע וואַהלען."

אגב אורחא מוז געזאָגט ווערען, אַז די דאָזיגע אָפּ־שאַצונג באַווייזט ווי די קליגסטע חברה פון דער בורזשוּ־אַזיע ווערען צוטומעלט און קענען זיך ניט אויסדרעהען ניט צו באַגעהן די גרעסטע דומהייטען. צוליב דעם וועט די בורזשואַזיע אויך געהן צו גרונד. אונזערע מענשען קע־

נען אפילו אויך באגעהן דומהייטען (עם פארשטעהט זיך, ניט קיין זעהר גרויסע, און אויך זיי מוזען אין דער ריכטיגער צייט אויסגעבעסערט ווערען) און וועלען דאך סוף כל סוף בלייבען די זיגער.

די פאלגענדע אנאליזען פון דער „ראדיקאלער" קאמוניסטקע, גענאסין סילוויא פאנקהורסט, קאנען דינען אונז אלס א צווייטער דאקומענט.

„. . . גענאסע אינקפין (דער סעקרעטאר פון דער בריטישער סאציאליסטישער פארטיי) רופט אן די ארבייטער פארטיי „די וויכטיגסטע ארגאניזאציע פון ־ער באוועגונג פונ'ם ארבייטער קלאס". אן אנדער גענאסע פון דער בריטישער סאציאליסטישער פארטיי האט אויף א קאנפערענץ פונ'ם צווייטען אינטערנאציאנאל נאך דייטליכער אויסגעדריקט די אנשויאונג פון דער בריטישער סאציאליסטישער פארטיי. ער האט געזאגט: „מיר באטראכטען די ארבייטער פארטיי אלס דעם ארגאניזירטסטען ארבייטער קלאס".

„מיר זיינען מיט די דאזיגע אנזיכטען וועגען דער ארבייטער פארטיי ניט איינשטימיג. די ארבייטער פארטיי איז לויט דער צאהל מיטגלידער זעהר גרויס, ניט קוקענדיג דאראויף, וואס איהרע מיטגלידער זיינען ניט טעטיג און אפאטיש; דאס זיינען מייסטענס ארבייטער און ארבייטעריגען, וועלכע האבען זיך אנגעשלאסען אן די טרייד־יוניאנס, ווייל זייערע גענאסען פון דעם זעלבען ווערקשטאט זיינען טרייד־יוניאניסטען, און ווייל זיי ווילען קריגען שטיצע אין א צייט פון נויט.

„מיר אנערקענען אבער, אז די גרויסע צאהל מיטגלידער האט די ארבייטער פארטיי געוואונען דערמיט, וואס זי ענטשפרעכט דעם געדאנקענגאנג פון די מעהרסטע בריטישע ארבייטער, וועלכע האבען זיך ניט אויפגעהויבען העכער פון דער פארטיי, אבוואהל אין די קעפ פונ'ם פאלק קומען פאר גרויסע ענדערונגען, וואס וועלען באלד די לאגע ענדערען..."

„... ווי די סאָציאַל פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע לענדער וועט אויך די בריטישע אַרבייטער פּאַרטיי אינ׳ם לויף פון דער נאַטירליכער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אונפאַרמיידליך דערגרייכען די מאַכט. עס איז די אויפגאַבע פון די קאָמוניסטען צו שאַפען די קרעפטען, וואָס וועלען דאַרפען אַרונטערוואַרפען די סאָציאַל פּאַטריאָטען, און מיר דאַרפען אין אונזער לאַנד די דאָזיגע טעטיגקייט ניט אָפּהאַלטען און זיך נעהמען ענטשלאָסען צו דער אַרבייט.

„מיר דאַרפען אונזערע האַנדלונגען ניט צושפּליטערען; די אַרבייטער מוזען אומפאַרמיידליך קריגען די מאַכט. מיר מוזען קאָנצענטרירען אונזערע קרעפטען אום צו שאַפען אַ קאָמוניסטישע באַוועגונג, וואָס זאָל באַזיגען די אַנדערע. די אַרבייטער פּאַרטיי וועט באַלד ווערען די רעגירונג; די רעוואָלוציאָנערע אָפּאָזיציע מוז זיין גרייט אויך די דאָזיגע אַנצוגרייפען..."

אַלזאָ, די ליבעראַלע בורזשואַזיע זאָגט זיך אָפּ פון דעם סיסטעם, וואָס איז אין אַ משך פון יאָהרהונדערטער היסטאָריש געהייליגט געוואָרען דורך ערפאַהרונג, פונ׳ם סיסטעם פון „צוויי פּאַרטייען" (פון די עקספּלואַטאַטאָרס), וואָס איז אַזוי באַקוועם פאַר די עקספּלואַטאַטאָרס, און באַטראַכט פאַר נויטווענדיג צו פאַראייניגען איהרע כוחות פאַר דעם קאַמף אין דער אַרבייטער פּאַרטיי. איין טייל פון די ליבעראַלען לויפט אַריבער, ווי די מייז פון אַ זינקענדען שיף, צו דער אַרבייטער פּאַרטיי. די לינקע קאָמוניסטען דענקען, אַז די מאַכט מוז איבערגעהן צו דער אַרבייטער פּאַרטיי, און אַנערקענען אַז די דאָזיגע פּאַרטיי האָט הינטער זיך די מעהרהייט פון דער אַרבייטערשאַפט. פון דעם ציהען זיי דעם מאָדנעם שלוס, וועלכע גענאָסינע סילוויאַ פּאַנקהורסט פאָרמולירט ווי פאָלגט: „די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דאַרף ניט איינגעהן אויף קיינע קאָמפּראָמיסען... זי מוז אויפהאַלטען איהר לעהרע ריין און איהר אומאָפּהענגיגקייט אונבאַפלעקט פון רעפאָרמיזם: איהר מיסיע איז צו געהן פאָרווערטס, מיט׳ן

גראדען וועג צו דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, און ניט בלייבען שטעהן, ניט אָפּקירעווען זיך אָן א זייט".

אין געגענטייל, שוין דערפון אליין, וואָס די מעהרהייט פון די ענגלישע ארבייטער פאָלגען נאָך די ענגלישע קערענסקים און די שיידעמאנער, וואָס איז נאָך דערצו ניט געוועזן נויטיג די ערפאהרונג פון רוסלאנד אָדער דייטשלאנד, אז די ארבייטער זאָלען איבערגעהן מאסענוויין צום קאָמוניזם, קומט אָהן צווייפעל אויס, אז די ענגלישע קאָמוניסטען מוזען זיך באַטייליגען אין פארלאַמענט, אום צו זעהן אין דער פראקטיק די רעזולטאַטען פון הענדערסאָנ'ס און סנאָודענ'ס רעגירונג, אז זיי מוזען העלפען די הענדערסאָנס און סנאָודענס צו באזיגען די פאראייניגטע — ללאָיד דזשאָרדזש'ען מיט טשוירטשיל'ן. אנדערש האנדלען, הייסט לעגען שטיינער אויפ'ן וועג פון דער רעוואָלוציע, ווייל אָהן דער ענדערונג אין די אנשויאונגען פון דער מעהרהייט פונ'ם ארבייטער קלאס איז די רעוואָלוציע ניט מעגליך. די דאָזיגע ענדערונג קען ערדייכט ווערען נאָר דורך פּאָליטישער ערפאהרונג, אָבער קיינמאָל ניט דורך פראָפּאגאנדא אליין. „אָהן קאָמפּראָמיסען, פארוועדטס, זיך נאָר ניט אָפּקירעווען פונ'ם וועג", ווען דאָס זאָגט א מינאָריטעט פונ'ם ארבייטער קלאס, וואָס ווייסט אויגענבליקליך איהר שוואכקייט, וועלכע ווייסט וואויל (אָדער יע־ענפאנלס מוז וויסען), אז די מהערהייט וועט אין א קורצער צייט ארום זיך ענטווישען אין איהרע פיהרער, אין פאל די הענדערסאָנס און סאָנודענס וועלען זיגען איבער ללאָיד דישאָרדזש און טשוירטשיל, און וועלען איבערגעהן צו דער אונטערשטיצונג פונ'ם קאָמוניזם, אָדער וועניגסטענס וועלען פארבלייבען נייטראל, אין א סימפּאַטישער נייטראַליטעט אין באצוג צו די קאָמוניסטען, איז דאן קלאָר פאר יעדען, אז דער דאָזיגער לאָזונג איז פאלש. דאָס איז די זעלבע זאך, ווי ווען 10 טויזענד סאָלדאטען זאָלען זיך ארייננווארפען אין קאמף נעגען 50 טויזענד מאן אָנשטאָט „צו בלייבען שטעהן", „אראפּקי־

רעווען זיך פון וועג", זאָגאַר איינגעהן אויף קאָמפּראָמיסען, אום נאָר אָפּצואוואַרטען ביז עס וועלען אָנקומען 100 טויזענד, וואָס זאָלען זייער פּאָזיציע פאַרשטאַרקען, וועלכע קענען אָבער אין דעם אויגענבליק גראָדע נאָך ניט ארויסמאַרשירען זיי צו העלפען. דאָס איז „אינטעליגענטע" קינדעריי, אָבער ניט די ערנסטע פּאָליטיק פון דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַס.

דער גרונד־געזעץ פון דער רעוואָלוציע, וועלכער איז באַשטעטיגט פון אַלע רעוואָלוציעס און איבערהויפּט פון די דריי רוסישע רעוואָלוציעס פונ'ם 20טען יאָהרהונדערט, באַשטעהט אין פּאָלגענדעס: עס איז ניט גענוג פאַר א רעוואָלוציע, אז די עקספּלואַטירטע און פאַרשקלאַפטע מאַסען זאָלען איינזעהן די אונמעגליכקייט ווייטער אזוי צו לעבען ווי פריהער און זאָלען פאָדערען ענדערונגען; פאַר א רעוואָלוציע פאָדערט זיך נאָך אז די עקספּלואַטאַטאָרס זאָלען ניט קאָנען לעבען און רעגירען אויפ'ן אַלטען שטייגער. נאָר ווען די „אונטערשטע שיכטען" פון דער באַפעלקערונג ווילען ניט לעבען אויפ'ן אַלטען שטייגער און די „אויבערשטע שיכטען" קאָנען ניט לעבען אזוי, דאַן קאָן די רעוואָלוציע זיגען. דער דאָזיגער אמת ווערט נאָך אויסגעדריקט אויף א אַנדער אופן: די רעוואָלוציע איז ניט מעגליך אָהן אַן אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלען קריזיס (וואָס באַריהרט אי די עקספּלואַטאַטאָרס אי די עקספּלואַטירטע). פאָלגליך איז נויטווענדיג פאַר דער רעוואָלוציע, ערשטענס, אַז די מעהרהייט פון די אַרבייטער (אָדער לכל הפּחות — די מעהרהייט פון די באַוואוסטזיניגע, דענקענדע, פּאָליטיש אקטיווע אַרבייטער) זאָלען פאָלקאָמען באַגרייפען די נויטווענדיגקייט פון אַן איבערקעהרעניש און זאָלען זיין באַרייט צוליב דעם צו געהן צום טויט; צווייטענס, אז די רעגירענדע קלאַסען זאָלען דורכמאַכען א רעגירונגס קריזיס, וועלכער ציהט אריין די אָפּגעשטאַנענע מאַסען אין פּאָליטיק (דער סימן פון יעדער ווירקליכער רעוואָלוציע איז די פאַרצעהנפאַכונג, זאָגאַר די פאַרהונדערטפאַכונג פון די אַרבייטענדע און עקספּלואַטירטע מאַסען פעהיג אָנטייל צו נעהמען

אין פּאָליטישען קאמף, וועלכע זיינען אָבער ביז איצט געווען אַפּאַטיש, שוואַכט אָפּ די רעגירונג און מאַכט פאַר די רעוואָלוציאָנערען מעגליך די רעגירונג אראָפּצואווארפען.

אין ענגלאנד, ווי דאָס איז צו זעהן פון ללאָיד דזשאָרדזש'עס רעדע ווערען ביסלעכווייז ביידע באדינגונגען רייף פאר אַן ערפאָלגרייכער פּראלעטאַרישער רעוואָלוציע, און די פעהלערען מצד די לינקע קאָמוניסטען זיינען איצט דאָפּעלט געפעהרליך, שוין דערפאר אליין, וואָס ביי אייניגע רעוואָלוציאָנערען איז צו באַמערקען א האלטונג אין באצוג צו יעדע פון אָט די באדינגונגען, וועלכע איז ניט גענוג טיף, ניט גענוג אויפמערקזאם, ניט גענוג באוואוסטזיניג און ניט גענוג בארעכענט. ווען מיר זיינען ניט א רעוואָלוציאָנערע גרופּע, נאָר א פּארטיי פונ'ם רעוואָלוציאָנערען קלאַס, ווען מיר ווילען ציהען די מאסען צו אונז (אָהן דעם ריזיקירען מיר איינפאַך צו בלייבען בטלנים) מוזען מיר, ערשטענס, העלפען הענדערסאָנ'ען און סנאָודענ'ען צו צוקלאפּען לאָיד דזשאָרדזש און טשווירטשיל (אָדער ריכטיגער, צו צווינגען די הענדערסאָנס צו צושלאָגען די ללאָיד דזשאָרדזשעס, ווייל די ערשטע האָבען מורא פאר זייער זיג!); צווייטענס, מוזען מיר העלפען די מאַיאָריטעט פונ'ם ארבייטער קלאַס זיך איבערצייגען אין דעם דורך אייגענער ערפאהרונג, אז מיר האָבען רעכט; ד. ה., מיר מוזען זיי העלפען זיך איבערצייגען אז די הענדערסאָנס און סנאָודענס טויגען ניט, ווייל זיי זיינען באַהערשט פון א קליינבירגערליכער פּאררעטערישער נאַטור, וועלכע פיהרט זיי אומפארמיידליך צו א באַנקראָט; דריטענס, מוזען מיר דערנעהענטערען דעם אויגענבליק, ווען די מעהרהייט פון די ארבייטער, זיך שטיצענדיג אויף דער ענטוישונג מיט די הענדערסאָנס, וועלען האָבען די ערנסטע אויסזיכטען אויף אַן ערפאָלג מיט איין קלאַפּ אראָפּצוזעצען הענדערסאָנ'ס רעגירונג, וועלכע וועט זיך געוויס נאָך מעהר צוטומעלט וואַרפען אהין און אהער, ווי דער פאַל איז אפילו מיט דעם קלוגען און סאָלידען, ווייט ניט קליינבירגערליכען,

נאָר גרויסבירגערליכען ללאָיד דזשאָרדזש'ען, וועלכער האָט פאָלקאָמען פארלאָרען זיין גלייכגעוויכט (און אויך די גאנצע בורזשואזיע), ווערט וואָס אמאָל אַלץ שוואכער, נעכטען דורך זיינע „רייבונגען" מיט טשוירטשיל, היינט, ווידער, דורך די „רייבונגען" מיט אקסוויט.

איך וועל ריידען מעהר קאָנקרעט. די ענגלישע קאָמוניסטען מוזען, נאָך מיין מיינונג, אַלע פיער פארטייען (וועלכע זיינען אַלע שוואך, און אייניגע פון זיי יעהר, זעהר שוואך), זיך פאראייניגען אין איין קאָמוניסטישער פארטיי, וועלכע דארף זיין געבויט אויף די גרונד־פרינציפען פונ'ם דריטען אינטערנאציאָנאַל און מוז שטעהן פאר דעם אומבאדינגטען באטייליגען זיך אין פארלאמענט. די קאָמוניסטישע פארטיי שלאָגט פאר די הענדערסאָנס און סנאָודענס א קאָמפראָמיס, א וואהל־אפמאך: מיר געהען צוזאמען געגען דעם בונד פון ללאָיד דזשאָרדזש מיט טשוירטשיל, מיר טיילען איין די פּלעצער אין פארלאמענט לויט דער צאָהל שטימען, וועלכע ווערט אָפּגעגעבען פון די ארבייטער פאר דער ארבייטער פארטיי אָדער פאר די קאָמוניסטען (ניט ביי די וואהלען, נאָר לויט א באזונדערער אפשטימונג), מיר באהאלטען פאר זיך די פולע פרייהייט פון אגיטאַציע, פראָפּאגאנדא, און פּאָליטישע טעטיגקייט. אָהן די לעצטע באדינגונגען דארף מען, נאטירליך, ניט איינגעהן אויף דעם פארבאנד, ווייל דאָס וואָלט געמיינט פארראט; די פולע פרייהייט פון אראָפּרייסען די מאסקע פון הענדערסאָנ'ען און סנאָודענ'ען דארף אומבאדינגט געהן מיט פולער קראפט און דערגרייכט ווערען, ווי די רוסישע באָלשעוויקעס האָבען דאָס (פופצעהן יאָהר, פון 1903—1917) אָנגעפיהרט און דערגרייכט אין באצוג צו די רוסישע הענדערסאָנס און סנאָודענס, ד. ה., אויף די מענשעוויקעס. נעהמען די הענדערסאָנס און סנאָודענס אָן דעם פארבאנד אויף די באדינגונגען, האָבען מיר אויף אזא אופן געוואונען, ווייל פאר אונז איז די צאָהל פּלעצער אין פארלאמענט דורכאויס ניט

וויכטיג, צו דעם שטרעבען מיר ניט, אין דעם דאָזיגען פּונקט וועלען מיר זיין נאָכגיביג (די הענדערסאָנס אָבער און הויפּט־זעכליך זייערע נייע פריינד — אָדער זייערע נייע הארען? — די ליבעראלען, וועלכע זיינען איבערגעגאנגען צו דער אומאָפּהענגיגער ארבייטער פּארטיי, טראכטען נאָר וועגען אזעלכע זאכען). מיר האָבען געוואונען, ווייל מיר וועלען האָבען אריינטראָגען אונזער אגיטאציע צווישען די מאסען אין א מאָמענט, ווען זיי זיינען „אויפגערייצט" פון ללאָיד דזשאָרדזש גופא, און זיי וועלען ניט נאָר העלפען דער אר־בייטער פּארטיי וואָס גיכער גרינדען זייער רעגירונג, נאָר זיי וועלען אויך וואָס שנעלער לערנען די מאסען צו פארשטעהן אונזער גאנצע קאָמוניסטישע פּראָפּאגאנדא, וועלכע מיר וועלען אָנפיהרען אין איהר גאנצער פולקייט געגען הענדער־סאָנ'ען.

ווען די הענדערסאָנס און סנאָודערס זאָגען זיך אָבער אָפּ צו געהן מיט אונז אין דעם פּארבאנד אויף די דאָזיגע באדינגונגען, האָבען מיר דאמאָלסט די מאסען מיט אונז (מען מוז דאָ דערמאָנען, אז אין דער מענשעוויסטישער, גאנץ אָפּאָר־טוניסטישער אומאָפּהענגיגער ארבייטער פּארטיי איז די מא־סע פאר די סאָוועטען); ווייל דאס וועט גלייך באווייזען, אז די הענדערסאָנס ווילען בעסער זיך פאראייניגען מיט די קאפּי־טאליסטען, איידער מיט די ארבייטער מאסען. מיר האָבען דאן מיט אמאָל געוואונען; ווייל מיר האָבען דעמאָנסטרירט פאר די מאסען, אז די הענדערסאָנס און סנאָודענס האָבען מורא צו באזיגען ללאָיד דזשאָרדזש'ען, אז זיי האָבען מורא אליין צו נעהמען די מאכט אין זייערע הענט, אז זיי שטרעבען נאָך דעם צו דערגרייכען אין געהיים ללאָיד דזשאָרדזש'עס אונ־טערשטיצונג, וועלכע שטרעקט אָפען אויס די הענט צו טשווירטשיל'ן געגען דעם ארבייטער־בונד. עס מוז באַ־מערקט ווערען, אז ביי אונז אין רוסלאנד, ווען מיר זיינען גראדע געווען אין אזא לאגע, האָט געוואונען די פּראָפּא־גאנדא פון די באָלשעוויקעס געגען די מענשעוויקעס און די

סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען (ד. ה. געגען די רוסישע הענדער־
סאָנס און סנאָודענס) נאָך דער רעוואָלוציע פון 21טען פעב־
רואר, 1917 (א. ס.). מיר האָבען געזאָגט צו די מענשעוויקעס
און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען: נעמט איבער די גאַנצע
מאַכט אָהן דער בורזשואַזיע, ווייל איהר האָט די מאַיאָרי־
טעט אין די סאָוועטען. (אויף דעם ערשטען אל־רוסישען
סאָוועטען־קאָנגרעס, אין יוני, 1917, האָבען די באָלשעווי־
קעס סך הכל געהאַט 13 פּראָצענט שטימען). אָבער די רו־
סישע הענדערסאָנס און סנאָודענס האָבען מורא געהאַט
איבערצונעהמען די מאַכט אָהן דער בורזשואַזיע, און ווען
די בורזשואַזיע האָט אָפּגעלעגט די וואַהלען אין דער גרינ־
דונגס פאַרזאַמלונג, ווייל זי האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז
די וואַהלען וועלען געבען א מאַיאָריטעט די סאָציאַל־רעוואָ־
לוציאָנערען און די מענשעוויקעס*) (די צוויי פּאַרטייען האָ־
דעמאָקראַטיע), זיינען די סאָציאַל רעוואָלוציאָנערען און די
מענשעוויקעס ניט געווען אימשטאַנד ענערגיש צו קעמפּען
מיט אונז ביז׳ן סוף געגען דער דאָזיגער אָפּלייגונג.
ווען די הענדערסאָנס און די סנאָודענס זאָגען זיך אָפּ
פון א פאַרבאַנד מיט די קאָמוניסטען, וועלען די קאָמוניס־
טען באַלד געווינען דורך דעם, וואָס זיי וועלען קריגען די סימ־
פּאַטיע געבילדעט אין ענגען פּאָליטישען פאַרבאַנד, וועלכער האָט
אין דער ווירקליכקייט פאַרגעשטעלט די קליינבירגערליכע
פּאַטיע פון די מאַסען און וועלען דיסקרעדיטירען די הענ־
דערסאָנס און סנאָודענס, און ווען מיר וועלען אפילו צוליב

*) די וואַהלען אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין נאָוועמ־
בער, 1917, האָבען לויט די ציפערן וואָס נעהמען אריין אין זיך
איבער 36 מיליאָן וועהלער, געגעבען די פאָלגענדע רעזולטאַטען:
25 פּראָצענט פון די שטימען פאַר די באָלשעוויקעס, 13 פּראָצענט
פאַר די פאַרשידענע פּאַרטייען פון די גוטס־באַזיצער (פּאָמעשט־
שיקעס) און דער בורזשואַזיע, 62 פּראָצענט פאַר דער קליינביר־
גערליכער דעמאָקראַטיע, ד. ה. פאַר די סאָציאַל־דעוואָלוציאָנערען
און מענשעוויקעס, צוזאַמען מיט קליינע גרופּען וואָס זיינען נאָ־
הענט צו זיי.

דעם פארלירען אייניגע פלעצער אין פארלאמענט, איז דאָס פאר אונז לחלוטין ניט וויכטיג. מיר וועלען ערוועהלען נאָר א גאנץ קליינע צאָהל פון אונזערע קאנדידאטען אין דיסטריקטען, וואו מיר זיינען אבסאָלוט זיכער, דאָס הייסט, ווען דאָס ערוועהלען פון אונזערע וועט ניט העלפען די ליבעראלען צו באזיגען א מיטגליד פון דער לייבאָר־פארטיי. מיר וועלען אָנפיהרען די וואהל אגיטאציע, וועלען פארטיילען בלעטער (ליפלעטס) צו גונסטען דעם קאָמוניזם, און אין די דיסטריקטען, וואו מיר האָבען ניט קיין קאנדידאט, וועלען מיר פארשלאָגען צו שטימען פאר די קאנדידאטען פון דער לייבאָר פארטיי געגען דער בורזשואזיע. די גענאָסין סילוויא פאנקהוירסט און גאלאכער האָבען א טעות ווען זיי זעהען אין דעם א פארראט געגען דעם קאָמוניזם, אָדער באטראכטען דאָס אלס אָפזאָגען זיך צו קעמפען מיט די סאָציאל פאררעטער. פארקעהרט, עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אז דערפון וועט די זאך פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע נאָר געווינען.

פאר די ענגלישע קאָמוניסטען איז איצט אָפט זעהר שווער צוצוטרעטען צו דער מאסע, צוציהען די מאסע צו זיך. ווען איך טרעט ארויס אלס קאָמוניסט און פאָדער אויף מען זאָל שטימען פאר הענדערסאָן געגען לאָיד דזשאָרדזש׳ען, וועט מען מיך געוויס אויסהערען. און איך וועל קענען ניט נאָר פאָפולער ערקלעהרען, מיט וואָס די סאָוועטען זיינען בעסער פון דעם פארלאמענט, און דיקטאטור פון דעם פראָלעטאריאט איז בעסער פון טשוירטשיל׳ס דיקטאטור (וועלכע איז פארדעקט מיט דעם שילד פון בורזשואזער „דעמאָקראטיע”), נאָר איך וועל אויך קענען ערקלעהרען, אז איך אונטערשטיץ מיט מיין שטימע הענדערסאָנ׳ען ווי דער שטריק אונטערשטיצט דעם געהאנגענעם; אז דער איבערגאנג פון דער רעגירונג צו הענדערסאָן וועט אויך באווייזען, אז איך בין גערעכט, און וועט אריבערציהען די מאסען אויף מיין זייט ווי דאָס איז געשעהן אין רוסלאנד און אין דייטשלאנד.

און ווען מען וועט מיר אויף דעם ענטפערען, אז דאס איז צו א „שלויע" אדער א צו קאמפליצירטע טאקטיס, אז די מאסען וועלען זי ניט פארשטעהן, אז זי וועט צושפּליטערען און צוברעקלען אונזערע קרעפטען, און וועט אונז שטערען צו קאנצענטרירען די דאזיגע קרעפטען פאר דער סאוועט־רעוואלוציע און אז. וו., — דאן ענטפער איך די דאזיגע „ראדיקאלע" אפאנענטען: פּלפּול'ט זיך ניט אויפ'ן חשבון פון די מאסען! דער קולטורעלער צושטאנד פון די מאסען אין רוסלאנד איז געווים געווען נידריגער ווי אין ענגלאנד. און פונדעסטוועגען האבען די מאסען באגריפען די באלשעוויקעס, און דער פאקט, וואס די באלשעוויקעס האבען ערב דער סאוועט רעוואלוציע אין סעפטעמבער, 1917, צוזאמענגעשטעלט די ליסטע פון זייערע קאנדידאטען אינ'ם בורזשואזען פארלאמענט (די גרינדונגס־פארזאמלונג) און גלייך נאך דער סאוועטען־רעוואלוציע, אין נאוועמבער, 1917, האבען זיי די דאזיגע קאנדידאטען ערוועהלט אין די זעלבע גרינדונגס־פארזאמלונג, וועלכע איז דעם 5טען יאנואר, 1918, פאנאנדערגעטריבען געווארען — דער דאזיגער פאקט האט ניט געשטערט די באלשעוויקעס, נאר האט זיי געהאלפען.

איך קען זיך דא לענגער ניט אפּשטעלען אויף דער צווייטער מיינונגס־פארשיידענהייט צווישען די ענגלישע קאמוניסטען, וועלכע באשטעהט אין דעם, צי זאלען זיי זיך פאראייניגען מיט דער ארבייטער פארטיי צי ניט. איך האב צו ווייניג מאטעריאל וועגען דער פראגע, וועלכע איז ספּעציעל קאמפּליצירט צוליב דער אויסערגעוועהנליכער אריגינאליטעט פון דער בריטיש לייבאר־פארטיי, וועלכע איז אזוי ווייניג עהנליך צו די געוועהנליכע פאליטישע פארטייען פון די איירא־פּעאישע לענדער. עס איז אבער קיין ספק ניט, ערשטענס, אז אויך אין דער דאזיגער פראגע באגעהט יעדער איינער א פעהלער וועמען עס פאלט איין צו באגרינדען די טאקטיק פון'ם רעוואלוציאנערען פּראלעטאריי־

אַט אזוי: „די קאָמוניסטישע פּארטיי מוז אָנהאַלטען ריין איהר לעהרע און אומבאפלעקט איהר אומאָפּהענגיגקייט פון רעפאָרמיזם; זי מוז געהן פאָרווערטס, ניט אָפּשטעלען זיך, ניט פּארקירעווען זיך פון וועג, זי מוז געהן גלייך צו דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע". ווייל אַזעלכע גרונד־געדאנקען ווידערהוילען נאָר דעם טעות פון די פראנצויזישע בלאַנקיסטען־קאָמונאַרען, וועלכע האָבען, אין 1874, ער־קלעהרט, אז זיי זאָגען זיך אָפּ פון יעדען קאָמפּראָמיס און פון יעדער צווישען־סטאַנציע. צווייטענס, באַשטעהט אָהן צווייפעל אויך דאָ, ווי שטענדיג, די אויפגאבע אין דעם, אַז מען דארף פארשטעהן ווי אָנצואווענדען די אלגעמיינע און פונדאמענטאלע פּרינציפּען פון קאָמוניזם אויף די ספּע־ציעלע באַציהונגען צווישען די קלאַסען און פּארטייען, אויף דער ספּעציעלער אָביעקטיווער ענטוויקלונג צום קאָמוניזם, וועלכע עקזיסטירען אין יעדען לאנד באַזונדער, און וועל־כע מען דארף שטודירען, אויסגעפינען און באגרייפען.

וועגען דעם דארף מען רעדען אין צוזאַמענהאַנג ניט נאָר מיט דעם ענגלישען קאָמוניזם, נאָר מיט די אַלגעמיינע רע־זולטאטען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם קאָמוניזם אין אַלע לענדער. צו דער דאָזיגער טעמא געהען מיר איצט איבער.

.10

איינִיגע שליסע.

די רוסישע בורזשואזע רעוואָלוציע פון 1895 האָט בולט געמאַכט אַן אויסערגעוועגליך אָריגינעלע ווענדונג פון דער וועלטגעשיכטע; אין איינעם פון די אָפּגעשאַנעסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט די סטרייק באַוועגונג צום ערשטען מאָל אין דער וועלט־געשיכטע דערגרייכט די קראַפט פון אַ נאָך ניט פאַסירטער ברייטקייט. אין׳ם ערשטען מאָנאַט פון׳ם יאָהר 1905 איז די צאָהל סטרייקערס געווען צעהן מאָל אַזוי גרויס ווי די צאָהל סטרייקערס פון די פאַרגאַנגענע צעהן יאָהר (1895—1904), און פון יאַנואַר ביז אָקטאָבער זיינען סטרייקס אָנגעגאַנגען אָהן אַן אויפהער און האָבען דער־גרייכט ביז אַ געוואַלדיגער גרויסקייט. אונטער דעם איינ־פלוס פון אַ רייהע גאַנץ באַזונדערע היסטאָרישע באַדינגונ־גען האָט דאָס אָפּגעשטאַנענע רוסלאַנד דאָס ערשטע מאָל געוויזען דער וועלט ניט נאָר ווי די פאַרפיהרטע מאַסען זיי־נען אויסגעוואַקסען און געוואָרען זעלבסטשטענדיג אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע (אַזוי איז געווען דער פאַל אין אַלע גרעסערע רעוואָלוציעס), נאָר אויך די באַדייטונג פון׳ם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער שטעהט פיל, פיל העכער ווי די שטעלונג, וואָס ער פאַרנעמט צווישען דער באַפעלקערונג, און אויך די קאָמבינאַציע פון עקאָנאָמישען און פּאָליטישען סטרייק און מיט דעם איבערגאַנג פון פּאָליטישען סטרייק צו אַ באַוואַפענטען אויפשטאַנד און די געבורט פון אַ נייער פאָרם פון מאַסען־קאַמף און מאַסען־אָרגאַניזאַציע פון די פאַר־שלאָפענע מאַסען געגען דעם קאַפּיטאַליזם: די סאָוועטען.

די פעברואר און אָקטאָבער רעוואָלוציע פון'ם יאָהר 1917 האָט געבראכט די סאָוועטען צו אן אלזייטיגער ענטוויקלונג אין א נאַציאָנאלען מאשטאב, וועלכער האָט מעגליך געמאכט דעם זיעג ביי דער פּראָלעטארישער איבערקערעניש. און אין ווענינער ווי צוויי יאָהר איז קלאָר געוואָרען דער אינטערנאציאָנאלער כאראקטער פון די סאָוועטען, די ענטוויקלונג פון דער דאָזיגער קאמפס־פאָרם און די ווירקונג פון דער אָרגאניזאציע אויף דער ארבייטער־באוועגונג פון דער גאנצער וועלט, די היסטאָרישע מיסיע פון די סאָוועטען צו זיין די באגרעבער און אויך די יורשים, די נאָכפאָלגער פון דעם בורזשואזען פארלאמענטאריזם, פון דער בורזשואזער דעמאָקראטיע.

דאָס אָבער איז נאָך ניט גענוג. די געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג ווייזט איצט, אז עס שטעהט איהר אין אלע לענדער פאָר (און די דאָזיגע ערשיינונג האָט זיך שוין אָנגעפאנגען), דורכצומאכען א שטארקערען, גרעסערען קאמף, וועלכער וועט פיהרען צום זיעג פאָר קאָמוניזם געגען אלעמען און הויפטזעכליך אין זיין באציהונג (אין יעדען לאנד) צום „מענשעוויזם”, ד. ה., געגען דעם אָפּאָרטוניזם און סאָציאל־סאָוועטיזם; און צווייטענס — און דאָס איז אזוי צו זאָגען א צוגאָב — געגען דעם „ראדיקאלען” קאָמוניזם. דער ערשטער קאמף איז אין אלע לענדער אָהן אויסנאמע זעהר בולט געוואָרען, דאָס איז דער קאמף צווישען דעם צווייטען (היינט שוין פאקטיש געשטאָרבענעם) און דעם דריטען אינטערנאציאָנאל. דער צווייטער קאמף איז אין דייטשלאנד, אין ענגלאנד, אין איטאליען און אמעריקא (וועניגסטענס מאכט א געוויסע טייל פון די א. וו. וו. און די אנארכאָ־סינדיקאליסטען דעם פעהלער פון לינקען קאָמוניזם, אנערקענענדיג כמעט אלגעמיין און איינשטימיג דעם סאָוועט־סיסטעם) און אין פראנקרייך (וואו איין טייל פון די פריהערדיגע סינדיקאליסטען פארהאלט זיך פיינדליך צו א פּאָליטישער פארטיי און דעם פארלאמענטאריזם, אנערקענענ־

דיג אָבער דאָס סאָוועט סיסטעם), ד. ה. אָהן צווייפעל צו באטראַכטען דעם קאַמפּ געגען דעם „לינקען" קאָמוניזם ניט נאָר פון נאַציאָנאַלען, נאָר פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען מאַס־שטאַב.

אָבער אין דער צייט ווען דער פּראָלעטאַריאַט מאַכט דורך אומעטום אַ גרינדליכע און אַלגעמיינע פּאַרבאַרייטונג צום זיעג איבער דער בורזשואַזיע, פיהרט די אַרבייטער באַוועגונג די דאָזיגע ענטוויקלונג דורך אויף איהר אייגענעם שטייגער. דערצו געהען די גרויסע פאָרטגעשריטענע לענדער פיל שנעלער אויף דעם דאָזיגען וועג פאָרווערטס, ווי דער באָלשעוויזם איז געגאַנגען אין רוסלאַנד, וואו עס האָט גענומען גאַנצע פופצעהן יאָהר צייט זיך צוצוגרייטען אַלס אַן אָרגאַניזירטע פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס האָט ענדליך געפיהרט צום זיעג. דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אין אַזאַ קורצער צייט, אינגאַנצען איין יאָהר, שוין ענטשידען געזיעגט איבער דעם צווייטען געלען סאָציאַל־שאָוויניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז נאָך מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק געווען ניט דער ערך שטאַרקער פון דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל, און וועלכער האָט געשיינט צו זיין דויערהאַפט און מאַכטפול, ווייל ער האָט געקראָגען די אַלזייטיגע — דירעקטע און אינדירעקטע מאַטעריעלע (מיניסטער־פּאָסטען, פּעסער, די פּרעסע) און מאָראַלע אונטערשטיצונג פון דער וועלט־בורזשואַזיע.

איצט האַנדעלט זיך וועגען דעם, אַז די קאָמוניסטען פון יעדען לאַנד דאַרפען גאַנץ גוט נעמען אין באַטראַכט די פּרינציפּיעלע אויפגאַבען פון'ם קאַמפּ געגען דעם אָפּאָרטוניזם און „ראַדיקאַלע" דאָקטרינען, ווי אייך די קאָנקרעטע אייגענטימליכקייטען, וואָס דער דאָזיגער קאַמפּ נעמט אָן און איז געצוואונגען אָנצונעמען אין יעדעם לאַנד באַזונדער לויט דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון זיין ווירטשאַפט, פּאָליטיק, קולטור, זיין נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעלונג (אירלאַנד א. א. וו.), זיינע קאָלאָניען און אַז. וו. און אַז. וו. אומעטום פיהלט

מען אַז עס וואַקסט און פאַרשפרייט זיך די אומצופרידענ־
הייט מיט דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל, מיט זיין אָפּאָר־
טוניזם, זיין שוואַכקייט און אומפעדיגקייט צו שאַפען אַן
אמת צענטראַליזירטען ווירקליך פיהרענדען צענטער, וועל־
כער זאָל זיין פעהיג צו געבען אַ ריכטונג דער אינטערנאַציאָ־
נאַלער טאַקטיק פון דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט
אין זיין קאַמף פאַר דער אַלוועלטליכער סאָוועטען רעפּובליק.

מען מוז קלאָר פאַרשטעהן, אַז מען קאָן פאַר קיין פאַל
ניט אויפבויען אַזאַ לייטענדען צענטער דערמיט, וואָס מען
וועט נאָכמאַכען, קאָפּירען, מעכאַניש אויסגלייכען די טאַק־
טישע כללים פון קאַמף. אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירען שטאַט־
ליכע אונטערשיידע צווישען פעלקער און לענדער — און די
דאָזיגע אונטערשיידע וועלען נאָך לאַנג, זעהר לאַנג בלייבען
אין אַ וועלט־מאַסשטאַב זאָגאַר נאָך דער פאַרווירקליכונג פון
דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט—פאָדערט די איינהייט פון
דער אינטערנאַציאָנאַלער טאַקטיק פון דער קאָמוניסטישער
אַרבייטער באַוועגונג פון אַלע לענדער ניט צו באַזייטיגען
די פאַרשיידענאַרטיגקייטען, ניט אָפּשאַפען די נאַציאָנאַלע
אונטערשיידע (דאָס איז אין איצטיגען מאָמענט אַ זינלאָזער
חלום), נאָר אַזאַ מין אָנווענדונג פון גרונדלעגענדע פּרינצי־
פּען פון קאָמוניזם (סאָוועט־מאַכט און דיקטאַטור פון פּראָ־
לעטאַריאַט), וואָס זאָל די דאָזיגע פּרינציפּען אין איינצעל־
הייטען ריכטיג ענדערען און זיי ריכטיג אָנווענדען, וועלכע
זאָלען זיך צופּאַסען צו די נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־
שטאַאַטליכע פאַרשיידענהייטען. עס איז די אויפגאַבע פון
דעם איצטיגען היסטאָרישען מאָמענט, וועלכען אַלע פאָרט־
געשריטענע לענדער (און אויך ניט נאָר די פאָרטגעשריטע־
נע) מאַכען דורך, אַז דאָס נאַציאָנאַל־איינגענטימליכע, נאַ־
ציאָנאַל־ספּעציפישע אין דער קאָנקרעטער טאַקטיק פון יע־
דען לאַנד זאָל געצילט ווערען צו לייזען די איינהייטליכע
אינטערנאַציאָנאַלע אויפגאַבע און צו שטודירען, אויספאָר־
שען, טרעפען און אויפפאַסען ווי צו באַזיגען דעם אָפּאָרטו־

גיזם און די לינקע דאָקטרינערסטוואָ אין דער ארבייטער באַ־וועגונג גופא, ווי אויך ארונטערצוזעצן די בורזשואזיע און איינצופיהרען אַ סאָוועט רעפּובליק דורך דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

דאָס וויכטיגסטע — נאַטירליך נאָך ווייט ווייט ניט אַלץ — איז שוין געטאָן געוואָרען דערמיט, וואָס מען האָט ארייַנגעצויגען דעם אוואַנגארד פון דעם ארבייטער קלאַס, וואָס ער איז אריבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון דער סאָ־וועט־מאַכט געגען דעם פּארלאַמענטאַריזם, אויף דער זייט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור געגען דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. איצט מוזען קאָנצענטרירט ווערען אַלע כחות, די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם נעקסטען שריט, וועלכער שיינט צו זיין ניט אַזוי וויכטיג — און איז פון אַ געוויסען פּונקט וועניגער וויכטיג — וועלכער שטעהט אָבער פּראַקטיש נעהנטער צו דער פּראַקטישער לייזונג פון דעם אויפגאַבע, און דאָס איז: מען מוז געפינען די מיט־לען ווי אַזוי ארייַנצוציהען די מאַסען, אָדער אריבערציהען זיי צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

די הויפּטזאַך איז, וואָס דער פּראָלעטאַרישער אוואַנ־גארד שטעהט פאַר דער זאַך מיט לייב און לעבען. אָבער פון דעם ביז צום זיעג איז נאָך זעהר ווייט. מיט דעם אוואַנ־גארד אליין קאָן מען ניט זיגען. אריינוואַרפען דעם אוואַנ־גארד אליין אין דעם ענטשיידענעם קאַמף, נאָך פאַר דעם גאַנצען קלאַס, נאָך איידער די ברייטע מאַסע האָט זיך אוועק־געשטעלט אין אַ פּאָזיציע דירעקט צו אונטערשטיצען דעם אוואַנגארד אָדער וועניגסטענס אָנהאַלטען אַ סימפּאַטישע נייטראַליטעט אין באַצוג צו דעם דאָזיגען אוואַנגארד מיט דעם, וואָס זיי זאָגען זיך אָפּ צו אונטערשטיצען די געגנער — וואָלט ניט נאָר געווען אַ נאַרישקייט, נאָר אויך אַ פאַר־ברעכען. אום אָבער צו דערגרייכען דעם גאַנצען קלאַס, די ווירקליך ברייטע ארבייטער מאַסען, וועלכע זיינען פאַר־שקלאַפט פונ'ם קאַפּיטאַל, איז נויטיג מעהר ווי פּראָפּאַגאַנדע,

מעהר ווי אגיטאציע. דערצו איז נויטיג אז די ארבייטער מאסען זאָלען אליין קריגען די דאָזיגע פּאָליטישע ערפאהרונג. דאָס איז דער גרונד געזעץ פון אלע רעוואָלוציעס, וועלכער ווערט איצט מיט מערקווירדיגער בולט'קייט באשטעטיגט ניט נאָר פון רוסלאנד, נאָר אויך פון דייטשלאנד. ניט נאָר די אָפּגעשטאנענע רוסישע מאסען, וואָס קאָנען אפילו ניט לעזען און שרייבען, נאָר זאָגאר די הויך־קולטיווירטע ארבייטער מאסען פון דייטשלאנד, וועלכע קאָנען לעזען און שרייבען, האָבען געמוזט פיהלען אויף זייער אייגענער הויט די גאנצע שוואכקייט, די גאנצע כאראקטערלאָזיגקייט, די גאנצע הילפסלאָזיגקייט, די גאנצע פארשקלאפטע פסיכאָלאָגיע, די גאנצע געמיינהייט פון דער איצטיגער דייטשער רעגירונג, וועלכע באשטעהט פון די "העלדען" פון'ם צווייטען אינטערנאציאָנאל. זיי האָבען געמוזט דורכמאכען די גאנצע אומפארמיידליכקייט פון דער דיקטאטור פון די שטארקסטע רעאקציאָנערען (קאָרנילאָוו אין רוסלאנד, קאפּ און קאָמפּאני אין דייטשלאנד), וועלכע איז גראד באשאפען געוואָרען אלס געגענגיפט אין באצוג צו דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט, אום זיך ענדליך אָנצושליסען אָן קאָמוניזם. די נעקסטע אויפגאבע פון באוואוסטזיניגען אוואנגארד אין דער אינטערנאציאָנאלער ארבייטער באוועגונג, ד. ה. פון די קאָמוניסטישע פּארטייען, גרופּען, שטרעמונגען, באשטעהט אין דעם, ווי צו פארשטעהן די ברייטע (איצט נאָך מעהרסטענטיילס שלאָפענדע, אפּאטישע, פוילע, נאָך ניט אויפגעוועקטע) מאסען אוועקצושטעלען אויף זייערע נייע פּאָזיציעס, אָדער ריכטיגער, צו פארשטעהן ווי צו פיהרען ניט נאָר זייער פּארטיי, נאָר אויך די מאסען אין דער צייט פון זייער איבערגאנג צו זייערע נייע פּאָזיציעס, ווען די ערשטע היסטאָרישע אויפגאבע (דאָס אריבערציהען דעם באוואוסטזיניגען אוואנגארד פון'ם פּראָלעטאריאט אויף דער זייט פון סאָוועט־מאכט און פון דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט) האָט ניט געקאָנט געלייזט ווערען אלס א פולער, אידעאלער

פּאָליטישער זיעג איבער דעם אָפּאָרטוניזם און סאָציאַל־שאָווי־ניזם. דאַן קאָן די צווייטע אויפגאַבע, וועלכע איז איצט גע־וואָרען די נעקסטע, און באַשטעהט אין דעם, אַוועקצושטעלען די מאַסען אין זייערע נייע פּאָזיציעס, אויף וועמען עס פאַלט די אויפגאַבע צו זיכערן דעם זיג פון דעם אַוואַנגאַרד אין דער רעוואָלוציע, דאַן קאָן די דאָזיגע נעקסטע אויפגאַבע ניט דורכגעפיהרט ווערען אָהן אַ ליקווידאַציע פון דער לינקער דאָקטרינערסטוואָ, אָהן אַ פאָלשטענדיגען נצחון איבער זייערע פעהלערען, און זוכען זיך צו באַפרייען פון די דאָזיגע פעהלערען.

אַזוי לאַנג ווי עס האַנדעלט זיך וועגען דעם (און אַזוי לאַנג ווי מען קאָן נאָך וועגען דעם רעדען), אַריבערצוציהען דעם אַוואַנגאַרד פון פּראָלעטאַריאַט אויף דער זייט פון קאָ־מוניזם, אַזוי לאַנג מוז פּראָפּאָגאַנדאַ פאַרנעמען דעם ערשטען פּלאַץ; אפילו פּאָליטישע קרייזיסען מיט זייערע אַלע שווע־ריגקייטען זיינען אין אַזאַ פאַל ניצליך, ווייל זיי ברענגען פּרוכטבאַרע רעזולטאַטען. ווען עס האַנדעלט זיך אָבער וועגען פּראַקטישער אַקציאָן פון די מאַסען, וועגען צוזאַמענשטע־לען — ווען מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען — פון אַ מיליאָ־נען אַרמיי, וועגען צוזאַמענשטעלען אַלע קלאַסען־קרעפטע פון אַ געוויסער געזעלשאַפט צום לעצטען ענטשיידענעם קאַמף, דאַן קאָן מען מיט פּראָפּאָגאַנדיסטישע געוואוינהיי־טען אַליין, מיט דעם איבער׳חזר׳ן די אמת׳ען פון „ריינעם” קאָמוניזם, גאָרניט דערגרייכען. דאָ קאָן מען שוין ניט צעה־לען אין טויזענדער, ווי דער „פּראָפּאָגאַנדיסט” פלעגט צעה־לען די מיטגלידער פון אַ גרופּע, וועלכער האָט נאָך די מאַ־סען ניט געפיהרט: דאָ מוז מען זיך רעכענען מיט צעהנד־ליגע מיליאָנען. דאָ מוז מען זיך ניט נאָר פרעגען אויב מיר האָבען איבערצייגט דעם אַוואַנגאַרד פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסען, נאָר אויך — אויב די היסטאָריש־ווירקזאַמע קרעפ־טען פון אַלע קלאַסען פון אַ געוויסער געזעלשאַפט אָהן אַן אויסנאַהם, זיינען אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אַז די ענטשיי־

דענע שלאכט איז ווירקליך רייף געוואָרען — אזוי אז 1) אלע פיינדליכע צו אונז קרעפטען זיינען שוין גענוג צוטומעלט, האָבען זיך שוין גענוג צוריסען איינער מיט'ן אנדערען, זיך גענוג אָפּגעשוואכט דורך דעם קאמף, וועלכער איז איבער זייערע קרעפטען; 2) אז אלע שוואנקענדע, אומזיכערע, וואקלענדיגע צווישען־עלעמענטען, ד. ה., די קליינבורזשואזיע, קליינבורזשואזע דעמאָקראטיע, וועלכע אונטערשיידעט זיך פון דער גרויס־בורזשואזיע, זיינען פאר'ן פאָלק בולט גענוג ארויסגעשטעלט געוואָרען צוליעב זייער פראקטישען באנקראָט; 3) אז אין די פּראָלעטארישע רייהען גופא מערקט זיך א מאסען שטימונג, וועלכע ווערט וואָס א טאָג אלץ שטארקער צו אונטערשטיצען ענטשלאָסענע, אומבאגרענצטע, שארפע רעוואָלוציאָנערע האנדלונגען געגען דער בורזשואזיע. ווען אט די אלע אויבענדערמאָנטע קורץ כאראקטעריזירטע באדינגונגען זיינען גענומען געוואָרען אין אנבאטראכט און דער פּאסענדער מאָמענט איז ריכטיג אויסגעקליבען, דאן איז די רעוואָלוציע רייף געוואָרען און אונזער זיג איז א זיכערער.

די דייסעררייען צווישען די טשווירטשילס און די לאָיד דזשאָרדזשעס (די דאָזיגע טיפּען געפינען זיך מיט קליינע נאַציאָנאלע אונטערשיידען אין אלע לענדער) פון איין זייט, און צווישען הענדערסאָן און לאָיד דזשאָרדזש פון דער אנדער זייט, זיינען אומבאדייטענד און גאָר ניט וויכטיג פון דעם שטאנדפּנקט פון ריינעם, ד. ה. פון אבסטראקטען קאָמוניזם — דעם קאָמוניזם, וועלכער איז נאָך ניט רייף פאר פּאָליטישער, פּראקטישער מאסען־אקציאָן. אָבער פון'ם שטאנדפּונקט פון דער דאָזיגער פּראקטישער מאסען־אקציאָן זיינען די דאָזיגע רייסערייען גראדע וויכטיג אפּצושאצען און באשטימען דעם מאָמענט, ווען אזעלכע קאָנפליקטען צווישען די דאזיגע „פריינדע" האָבען דערגרייכט אזא שטופע, אז זיי שוואכען אָפּ און מאכען מאכטלאָז די „פריינדע" — אין דעם באשטעהט די גאנצע אויפגאבע פון א קאָמוניסט,

וואס וויל זיין ניט בלויז אן איבערצייגטער, באוואוסטזיני־
גער און אונלעגאלער קאָמוניסט, נאָר אויך א פּראַקטישער
פיהרער פון די מאסען אין דער צייט פון א רעוואלוציע.

חוץ דער איבערגעבענהייט צו דעם קאָמוניסטישען אינ־
טערנאציאנאל מוז מען אויך באזיצען די פעהיגקייט איינצו־
געהן אויף פּראַקטישע קאָמפּראָמיסען, צו לאווירען, מאכען
פשרות, אפּטרעטען אמאָל אן א זייט, אדער מאכען א שריט
צוריק, און אזוי ווי, כדי לייכטער צו מאכען די הענדער־
סאָנס (די העלדען פון׳ם צווייטען אינטערנאציאנאל, כדי
ניט צו דערמאָנען די נעמען פון איינצעלנע פּערזאָנען, וואס
רופען זיך אָן סאָציאַליסטען און פארטרעטען די קליינביר־
גערליכע דעמאָקראַטיע), וואס קלערט גראדע אויף די מאסען
אין אונזער גייסט, אין דער ריכטונג צום קאָמוניזם: כדי
גיכער ארויסצורופען די אונפארמיידליכע רייבונגען, שטריי־
טיגקייטען, קאָנפליקטען, דעם פאלשטענדיגען צוזאמענברוך
פון דעם בונד צווישען הענדערסאָן־לאָיד דזשאָרדזש־טשוויר־
טשיל (צווישען די מענשעוויקעס, סאציאל רעוואלוציאנערען,
קאדעטען, מאָנארכיסטען, דער שיידעמאַן־בורזשואזיע, דער
קאפּ־קליקע א. אַ. וו.), און כדי ריכטיג צו באַשטימען דעם
מאָמענט, ווען פון׳ם גרעסטען קאָנפליקט צווישען די דאָזיגע
„שטרייטיגקייטען איבער דעם הייליגען פּריוואט אייגענטום”
און דורך אן ענטשלאָסענעם אָנגריף פון׳ם פּראלעטאריאט
מיט׳ן צוועק זיי אלעמען צו צוקלאפּען און פארכאפּען די פּאָ־
ליטישע מאכט.

די געשיכטע בכלל און די געשיכטע פון רעוואלוציעס
בפרט איז שטענדיג אינהאלטסרייכער, פיעלזייטיגער, לע־
בענס־רייכער און „שלויער”, ווי די בעסטע פארטייען, די באַ־
וואוסטזיניגסטע אוואנגארדען פון די פארטגעשריטענע קלאַ־
סען, נעמען דאָס אָן. דאָס איז אויך פארשטענדליך. ווייל
די בעסטע אוואנגאַרדען דריקען אויס דעם באוואוסטזיין,
דעם ווילען, די ליידענשאפטען, די פאנטאזיע פון צעהנדלי־
גער טויזענדער מענשען. די רעוואָלוציע אָבער פארווירקליכט

דאָס באוואוסטזיין, דעם ווילען, די ליידענשאַפט, די פאַנ־
טאַזיע פון צעהנדליגער מיליאָנען מענשען, וועלכע ווערען
אויפגערודערט פונ'ם שאַרפסטען קלאַסען־קאַמף. דערפון
קאָן מען ציהען צוויי שלוסען: ערשטענס, אז דער רע־
וואָלוציאָנערער קלאַס, אום צו פאַרווירקליכען זיינען אויפ־
גאבען, מוז פאַרשטעהן, ווי אזוי צו באהערשען אַלע פאָרמען
אדער זייטען פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, וועלכע זיי
מוזען אפּט מיט גרויס ריזיקע און אונגעהויערער געפאַהר
דורכפיהרען, נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין די פּאָליטישע
מאכט אין זייערע הענד, פאַרענדיגענדיגענדיג אזעלכע זאַ־
כען, וואָס ווינען ניט דורכגעפיהרט געוואָרען פאַר דער דאַ־
זינער איבערקערעניש; צווייטענס, אז דער רעוואָלוציאָנער־
ער קלאַס מוז זיין באַרייט שנעל און אונערוואַרטעט צו ביי־
טען איין פאָרם אויף א צווייטער.

יעדער איינער וועט צוגעבען, אז די האנדלונג פון דער
ארמיי איז אומפאַרשטענדליך און זאגאר פאַרברעכעריש,
ווען זי איז ניט צוגעגרייט אָנצואווענדען אַלע מינים פון
וואפען, אַלע קאמפּס־מיטלען און קאַמפּס מעטאָדען, וועלכע
דער פיינד האָט ניט און קאָן ניט האָבען. אבער אויפ'ן
פּאָליטישען געביט באציהט זיך דאָס נאָך מעהר ווי אויפ'ן
מיליטערישען. אין פּאָליטיק קאָן מען נאָך וועניגער וויסען
אין פאראויס, וואס פאר א קאַמפּס־מיטעל וועט זיין בע־
סער אָנצואווענדען אונטער די אדער יענע אומשטענדען.
ווען מיר באהערשען ניט אַלע קאַמפּס־מיטלען, דאַן קאָנען
מיר ליידען אן אונגעהויערע אין אָפּט זאגאר א פאַטאַלע
נידערלאַגע, ווען די אַנדערע קלאסען, אונאָפּהענגיג פון אונ־
זער ווילען, טראָגען אריין ענדערונגען אין דער פאָרם פון
זייער קאַמף געגען אונז, אין וועלכער מיר זיינען גראָדע
שוואַך. קוים באהערשען מיר אבער אַלע קאַמפּסמיטלען,
און פאַרטרעטען נאָר די אינטערעסען פון דעם ווירקליך פאָר־
געשריטענעם, ווירקליך רעוואָלוציאָנערען קלאַס, דאַן זיגען
מיר באשטימט, ווען אפילו די אומשטענדען ערלויבען אונז

ניט אָנצואווענדען די וואפען, וואס זיינען פאר'ן שונא אם געפעהרליכסטען, די וואפע, וועלכע דערלאנגט איהם דעם טויט־קלאפּ. אונערפאהרענע רעוואלוציאנערען דיינקען אפט, אז די לעגאלע קאמפּס־מיטלען זיינען אפּארטוניסטיש; ווייל די בורזשואזיע האָט די ארבייטער אויף דעם דאזיגען געביט גאנץ אפט (באזונדערס אין די ניט־רעוואלוציאנערע, אין די „פרידענסצייטען") אפּגענארט און באשווינדעלט, — און דרינגען דערפון, אז די ניט לעגאלע קאמפּס מיטלען זיינען רעוואָלוציאנער. דאָס איז אבער ניט ריכטיג. ריכטיג איז, אז די אפּארטוניסטען און פאררעטער פונ'ם ארבייטער קלאס זיינען די פיהרער אין די פארטייען, וועלכע פאר'שטעהען ניט און ווילען ניט פארשטעהן (זאָג ניט: איך קאָן ניט, זאָג: איך וויל ניט!) אָנצואווענדען אונלעגאלע קאמפּסמיטלען אונטער אזעלכע באדינגונגען, ווי צ. ב. אין דער צייט פונ'ם אימפּעריאליסטישען קריג פון 1914־1918, ווען די בורזשואזיע פון די פרייעסטע דעמאָקראטישע לענדער האָט אפּגענארט די ארבייטער אויף אן אונערהערטען, פרעכען און גראָבען אופן, האָט זיי פארבאָטען צו זאָגען דעם אמת וועגען דעם רויבערישען כאראקטער פונ'ם קריג. רעוואָלוציאנערען אבער, וואס פארשטעהען ניט ווי צו פארבינדען די לעגאַלע קאמפּס־מיטלען מיט די אונלעגאלע, זיינען זעהר שלעכטע רעוואלוציאנערען. עס איז ניט שווער צו זיין א רעוואָלוציאנער, ווען די רעוואלוציע האָט שוין אויסגעבראכען און האָט זיך גענומען פאנאנדערוויקלען, ווען אָן דער רעוואָלוציע שליסט זיך יעדער איינער אן, ווייל זיי לאָזען זיך איינפאך מיטשלעפּען צוליב דער מאָדע, אדער זאגאר צוליב אינטערעסען פון א פּערזענליכער קאריערע. דער פּראָלעטאריאט האָט נאָכדעם, שוין נאָכ'ן זיג, גרויסע צרות, ביז ער „באַפרייט" זיך פון אזעלכע צרה'דיגע רעוואלוציאָנערען. פיל שווערער — און פיל וויכטיגער איז צו זיין א רעוואָלוציאָנער, ווען עס זיינען נאָך ניט רייף די באדינגונגען פאר א דירעקטען, אפענעם, אמת־רעוואלוציאנערען, ווירקליכען

מאסען־קאמף און צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון דער רעוואלוציע (דורך פראפאגאנדא, אגיטאציע, אר.אניזאציע) אין א ניט־רעוואָלוציאָנערער אומגעבונג, פרעדיגען זי צווי־שען דער מאסע, וועלכע איז נאָך אומפעהיג גלייך איינצו־זעהן די נויטווענדיגקייט פון רעוואלוציאנערע קאמפּס־מעטאָ־דען. צו געפינען, צו פיהלען און פארווירקליכען דעם קאָנ־קרעטען פּלאן פון די נאָך ניט גאנץ רעוואליציאנע־ע מיט־לען און מעטאָדען, וועלכע דארפען פיהרען די מאסע צום ווירקליכען, ענטשיידענדעם, לעצטען, גרויסען קאמף — באַ־שטעהט די הויפּט אויפגאבע פונ'ם קאמוניזם אינ'ם איצ־טיגען מאָמענט אין מערב־איירָאפּא און אמעריקא.

נעהמט אלס ביישפּיעל ענגלאנד: מיר קאָנען ניט ווי־סען — און קיינער איז ניט אימשטאנד צו באשטימען אין פאָראוים—ווי גיך דאָרט וועט זיך פאנאנדערפלאקערען די אמת'ע רעוואלוציאנערע פּראלעטארישע רעוואלוציע, און וועל־כע אורזאכע וועט אויפוועקען, אָנצינדען און באוועגען צום קאמף די ברייטע, נאָך איצט שלאָפענדע מאסען. מיר זיי־נען דעריבער פארפליכטעט אונזערע פארבארייטונגס־ארבייט אזוי איינצואָרדענען (ווי פּלעכאנאָוו האט אמאָל ליב געהאט צו זאגען, ווען ער איז נאָך געווען א מאקרסיסט און רעוואָלוציאָנער) מיר זאָלען זיין געשמידט אויף אלע פיר פיס. עס איז מעגליך, אז א קריזיס אין פּארלאמענט וועט דאר־טען מיט אמאָל דורכברעכען דאס „אייז"; עס איז אויך מעגליך, אז דאָס וועט טאָן דער קריזיס, וועלכע־ וועט זיך נעהמען פון די האָפנונגסלאָז־פארוויקעלטע, צוו־עהטאָגטע, און אלץ מעהר פארשארפסטע קאָלאָניאלע און אימפעריא־ליסטישע נעגענזעצע; עס איז מעגליך א דר־טע, א פיער־טע זאך א. אז. וו. מיר ריידען ניט דערפון, וואס פאר א קאמף דער שיקזאל וועט באשטימען דער פּראלעטארישער רע־וואָלוציע פון ענגלאנד; די דאָזיגע פראגע קאָן ביי קאָמוניסטען ניט ארויסרופען קיין צווייפעל; (די דאזיגע פראגע איז פאר אונז אלעמען באשלאָסען אדער כמעט בא־

שלאָסען), מיר ריידען וועגען דער אורזאכע, וועלכע וועט ברייננען די נאָך איצט שלאָפענדע מאסען אין באוועגונג און דערנעהענטערען צו דער רעוואָלוציע. מיר דארפען ניט פארגעסען, אז צ. ב. די בורזשואזע פראנצויזישע רעפובליק איז געווען אונטער געוויסע אומשטענדען, לויט א הר אינטער־נאַציאָנאלער און אינערליכער פּאָליטישער לאגע, הונדערטמאָל וועניגער רעוואלוציאָנער ווי איצט, און דאָך איז אזא „אומ־ערווארטעטער" און „אומבאדייטענדער" צופאל, ווי איינער פון די טויזענטע ניט עהרליכע האנדלונגען פון דעם רעאקציאָנערען מיליטער (דער פאל מיט דרייפוס), שיער ניט געווען גענוג ארייגצושלעפען דאָס פאָלק אין א בלוטי־גען בירגער־קריג.

די קאָמוניסטען אין ענגלאנד מוזען אויסנוצען די וואהלען אינ'ם פּארלאמענט ווי אויך די אירלענדישע, קאָ־לאָניאלע, אימפּעריאליסטישע פּאָליטיק פון דער בריטישער רעגירונג און אלע איבריגע געביטען, ריכטונגען און זייטען פון סאציאלען לעבען — אויף די אלע דאזיגע געביטען מו־זען זיי ארבייטען אונאונטערבראכען, ענטשלאסען, ניט אין דעם גייסט פונ'ם צווייטען אינטערנאציאָנאל, נאָר אויף א גאנץ נייעם שטייגער, אויף א קאָמוניסטישען שטייגער, אין דעם גייסט פונ'ם דריטען אינטערנאציאָנאל. איך האָב ניט קיין צייט און קיין פּלאץ צו באשרייבען די „רוסישע, באָלשעוויסטישע" באטייליגונג אין דעם פּארלאמענטארי־שען קאמפּיין און אין דעם פּארלאמענטארישען קאמף; איך קען אבער פארזיכערען די אויסלענדישע גענאָסען, אז זיי זיינען פאר קיין פאל ניט געווען עהנליך צו די געוועהנ־ליכע מערב־אייראפּעאישע וואהל־קאמפּיינס; דעריבער ווערט אָפט דערפון געצויגען דער שלוס: „נו יאָ, דאָס איז אזוי ביי אייך אין רוסלאנד; מיר האָבען אן אנדער פּארלאמענטאַ־ריזם." דאס איז א פאלשער שלוס. דעריבער זיינען טאקע דאָ קאָמוניסטען אויף דער וועלט, אָנהענגער פונ'ם דריטען אינטערנאציאָנאל אין אלע לענדער, וואס זוכען איבערצואָנ־

דערשען אויף דער גאנצער ליניע, אויף אלע געביטען פון לעבען, די אלטע סאציאליסטישע, טרייד־יוניאניסטישע, סינ־דיקאליסטישע, פארלאמענטארישע ארבייט אין א נייע, קאָ־מוניסטישע. אויך ביי אונזערע וואהלען זיינען געווען גענוג און איבערגענוג אָפּאָרטוניסטישע, ריין־בורזשואזע, גנב'ש־קאפּיטאליסטישע האנדלונגען. די קאָמוניסטען פון מערב אייראפּא און אמעריקא מוזען זיך לערנען צו שאפען א נייעם, ניט געוועהנליכען, ניט אפּארטוניסטישען פּארלאמענטאריזם. דערמיט וואס די קאָמוניסטישע פּארטיי שטעלט ארויס איהרע לאָזונגען, דערמיט וואס די אמת'ע פּראלעטאריער מיט דער הילף פון ניט אָרגאניזירטע, איינגעשראָקענע, ארע־מע מענשען טראָגען ארום פלוג בלעטער און פּאָטיילען זיי; באזוכען די וואהנונגען פון די ארבייטער, און געהען אין די שטיבעלעך פון די ארעמע פּויערים אין די פארוואָרפענסטע ווינקעלאך (אין אייראפּא איז צום גליק פאראן ווענינער פארווארפענע ווינקעלאך ווי ביי אונז, אין ענגלאנד נאָך ווע־ניגער), אויפזוכענדיג די לעבעדיגע פּויערים אין די שענקען, וואו עס געפינט זיך דאָס איינפאכע פּאָלק, ארייגדרינגענדיג אין די פארבאנדען, פאראיינען און צופעליגע פארזאמלונ־גען פונ'ם איינפאכען פאָלק, ניט ריידען מיט די איינפאכע פאָלקסמאסען אין א הויך געבילדעטער שפּראַך (און אויך ניט צו „פּארלאמענטאריש"); ניט יאָגען זיך נאָך פּלע־צער אין פּארלאמענט; נאָר אומעטום וועקען די געדאנקען, ארייגציהען די מאסע, זיך באנוצען מיט די ווערטער פון דער בורזשואזיע און מיט דעם אַפּאַראט, וואָס די בורזשואזיע האָט באשאפען, דורך איהרע וואהלען, אויסנוצען די אויפ־רופען, מיט וועלכע די בורזשואזיע ווענדעט זיך צום פאָלק, און אויף אזא אופן אזוי באקאנט מאכען דאָס פאָלק מיט דעם באָלשעוויזם, ווי דאס האָט נאָך קיינמאָל פריהער ניט פּאסירט (אונטער דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע) אין דער צייט פון וואהלען (ווען מען רעכענט נאטירליך ניט דעם מאָמענט פון א גרויסען סטרייק, וואו אזא אגיטאציאנס אפּא־

ראט פלעגט ארבייטען ביי אונז נאָך אינטענסיווער). אָט דאָס דורכצופיהרען אין מערב־אייראפּא און אמעריקא איז שווער, זעהר שווער, אבער דאס קאָן און מוז געמאָן ווערען; ווייל אָהן מיה קאָנען די אויפגאבען פון׳ם קאָמוניזם איבערהויפּט ניט געלייזט ווערען, א סך מיה מוז אפּגעגעבען ווערען ביי דער לייזונג פון פּראקטישע אויפגאבען, וועלכע ווערען וואס ווייטער אלץ פארוויקעלטער, ווערען וואָס ווייטער אלץ מעהר פארבונדען מיט׳ן עפענטליכען לעבען, און רייסען וואס ווייטער אלץ מעהר ארויס דאָ א צווייג, דאָ א גאנצען געביט פון דער בורזשואזיע.

אין דעמזעלביגען ענגלאנד מוז די ארבייט פון פּראפּאגאנדא, אגיטאציע און ארגאניזאציע דורכגעפיהרט ווערען צווישען דער ארמיי און אונטער די אונטערדריקטע ניט פולבארעכטיגטע נאציאנאליטעטען פון׳ם „אייגענעם" שטאאט (אירלאנד, די קאָלאָניעס) אויך אויף א נייעם אופן (ניט סאָציאליסטישען, נאָר קאָמוניסטישען, ניט רעפאָרמיסטישען, נאָר רעוואָלוציאָנערען). ווייל די דאָזיגע אלע געביטען פון עפענטליכען לעבען פילען זיך אָן מיט ברען־מאטעריאל אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאליזם, און איבערהויפּט נאָכ׳ן קריג, וועלכער האָט די פעלקער אויסגעמאטערט און געעפענט זייערע אויגען פאר׳ן אמת (נעמליך, אז פילע מיליאָנען מענשען זיינען דער׳הרג׳ט און פארוואונדעט געווארען, נאָר אום צו ענטשיידען די פראגע, אויב די ענגלישע אדער דייטשע רויבער דארפען רויבען נאָך מעהר לענדער) — די דאזיגע אלע געביטען פילען זיך אָן מיט ברען־מאטעריאל און שאפען באזונדערס פיעל אורזאכען, וועלכע פיהרען צו קאָנפליקטען, קריזיסען און צו דער פארשארפונג פון׳ם קלאסען קאמף.

מיר ווייסען ניט און קענען ניט ווייסען, וואס פאר א פונק פון די אונצעהליגע פונקען וועט, אריבער־פליהענדיג, זיין אימשטאנד אנצוצינדען דעם בראנד אין אלע לענדער, וועלכע געפינען זיך איצט אונטער דעם איינפלוס פון עקאָנאָמישען און פּאָליטישען וועלט־קריזיס, און וועלכער וועט

אויפוועקען די מאסען. מיר זיינען דארום פארפליכטעט אנ־צוגעהן מיט אונזערע גייע קאמוניסטישע פרינציפען און „באַ־ארבייטען" אלע און יעדען געביט באזונדער, זאגאר די עלט־סטע, שמוציגסטע און האפנונגסלאזסטע, ווייל וואלטען מיר ניט שטעהן אויף דער הויך פון די אויפגאבען, וואלטען מיר ניט זיין אלזייטיג, וואלטען מיר ניט באהערשען אלע זארטען וואפען,—וואלטען מיר ניט זיין גרייט צו באזיגען די בור־זשואזיע (וועלכע האט אלע זייטען פון עפענטליכען לעבען אויף א בורזשואזען שטייגער איינגעארדענט און — איצט האט זי דאס צובראכען), און אויך וואלטען מיר ניט זיין גרייט איבערצובויען דאס גאנצע צוקינפטיגע לעבען, נאכ'ן זיג, אויף קאמוניסטישע יסודות.

נאך דער פראלעטארישער רעוואלוציע און די אונער־ווארטעטע (פאר דער בורזשואזיע און פיליסטערען) נצחונות פון דער דאזיגער רעוואלוציע אין אן אינטערנאציאנאלען מאסשטאב, האט זיך די גאנצע וועלט איבערגעאנדערשט. אויך די בורזשואזיע איז אומעטום געווארען אן אנדערע. זי איז איינגעשראקען געווארען דורך דעם „באלשעוויזם" און איז אויף איהם פארביטערט כמעט ביז משוגעת. דאריבער פארשנעלערט זי פון איין זייט די ענטוויקלונג פון די גע־שעהעניסען און קאנצענטרירט פון דער אנדערער זייט איהר גאנצע ענערגיע אויף צו באקאמפען דעם באלשעוויזם, אפשוואכענדיג דורך דעם איהר פאזיציע אויף א גאנצע רייהע אנדערע געביטען. די דאזיגע ביידע אומשטענדען מוזען די קאמוניסטען פון אלע פארטגעשריטענע לענדער נע־מען אין אנבאטראכט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען זייער טאקטיק.

ווען די רוסישע קאדעטען און קערענסקי האבען אנ־געהויבען ווילד צו העצען געגען די באלשעוויקעס — אי־בערהויפט זינט אפריל 1917, און נאך מעהר אין יוני און יולי 1917, זיינען זיי שוין „פארגאנגען צו ווייט", ווייל

מיליאנען עקזעמפלארען פון בורזשואזע צייטונגען האבען אויף פארשידענע אופנים גערעדט וועגען די באָלשעוויקעס, אויסהעלפענדיג דער מאסע אויף אזא שטייגער אפצושאצען דעם באָלשעוויזם, און חוץ די צייטונגען איז דאָס גאנצע עפענטליכע לעבען, גראדע א דאנק דער טעטיגקייט פון דער בורזשואזיע, געווען דורכגעדרונגען מיט דיסקוסיעס וועגען באָלשעוויזם. איצט באנעהמען זיך די מיליאָנערען פון אלע לענדער אין אן אינטערנאציאָנאלען מאסשטאב אזוי, אז מיר זיינען זיי דאנקבאר פון גאנצען הארצען. זיי פארפאלגען דעם באָלשעוויזם מיט דער זעלבער שטארקייט, מיט וועלכער קערענסקי און קאָמפאני האָבען איהם פארפאָלגט; זיי איבערטרייבען אויך די זאך און העלפען אונז, ווי אונז האָט געהאלפען קערענסקי. ווען די פראנצויזישע בורזשואזיע מאכט פון דעם באָלשעוויזם אן אישו ביי איהר וואהל־קאמפיין און באשולדיגט אין באָלשעוויזם, פארהעלטניסמעסיג רעכטע און וואקלענדע סאציאַליסטען; ווען די אַמעריקאנישע בורזשואזיע האָט פאָלשטענדיג פארלאָרען אהר קאָפּ און פארדעכטיגט צעהנדליגער טויזענטער מענשען אין באָלשעוויזם און פארשאפט אן אטמאָספערע פון פאניק דורכדעם, וואס זי פארשפרייט אומעטום נאכריכטען איבער באלשעוויסטישע פארשווערונגען; ווען די ענגלישע בורזשואזיע, די „חשוב׳דיגסטע״ פון דער וועלט, ניט קוקענדיג אויף איהר גאנצער קלוגקייט און ערפאהרונג, מאכט אזעלכע אונגלויבליכע דומהייטען, גרינדעט רייכע פאראיינען צו באקעמפען דעם באָלשעוויזם, באשאפט א ספּעציעלע ליטעראטור איבער באָלשעוויזם, דינגט א גרויסע צאָהל געלעהרטע, אגיטאטאָרען, גלחים פאר׳ן קאמף געגען באָלשעוויזם, — דארפען מיר זיך פארנייגען און באדאנקען די הערען קאפּיטאליסטען. זיי ארבייטען פאר אונז, זיי העלפען אונז פאראינטערעסירען די מאסען אין די פראגען, אין דעם זינען און אין דער באדייטונג פון באָלשעוויזם. און זיי קענען אנדערש ניט האנדלען,

ווייל דעם באָלשעוויזם „פארשווייגען“, איהם דערשטיקען, קען זיי זיך שוין ניט איינגעבען.

צו דער זעלבער צייט זעהט די בורזשואזיע אינ׳ם באָלשעוויזם כמעט גאָר איינע פון זיינע זייטען: אויפשטאנד, געוואלט און טעראר. די בורזשואזיע איז דאריבער שטארק פארנומען זיך פארצובארייטען פאר א ווידערשטאנד און א פארטיידיגונג אויף דעם דאָזיגען געביט. עס איז מעגליך, אז עס וועט איהר אין איינינע פעלע פאר א קורצער צייט אין מאנכע לענדער געלונגען. מיט דער דאזיגער מעגליכקייט מוז מען זיך רעכענען, און קיין געפאהר פאר אונז קען אין דעם ניט זיין. דער קאמוניזם וואקסט ארויס פון אלע צווייגען פונ׳ם עפענטליכען לעבען. זיינע ווארצלען זיינען אבסאלוט פאראן אומעטום, די „אָנשטעקונג“ (אום אנצורווענדען דעם ליעבלינגס־אויסדרוק פון דער בורזשואזיע און דער בורזשואזער פאליציי און דעם פארגלייך, וועלכער איז זיי אזוי „אנגענעהם“) איז אין זעהר א שטארקען גראד אריינגעדרונגען אינ׳ם אָרגאַניזם און האָט דורכגעזאפט דעם גאנצען אָרגאַניזם. קוים ווערט מיט גרויס מיה איין ארויסגאנג „פארשטאָפּט“, אזוי געפינט באלד די „אנשטעקונג“ אן אנדער ארויסגאנג, אפט אן אונערווארטעטען. דאס לעבען זעצט זיך דורך א וועג. מעג זיך די בורזשואזיע ווארפען הין און צוריק, מעג זי ארומלויפען צודולטערהייד מיט פיענע אויפ׳ן מויל, איבערטרייבען נאָך אין פאראויס, מאכען נארישקייטען, נעמען ראכע פון די באלשעוויקעס, טויטענדיג הונדערטער, טויזענדער, הונדערט טויזענדער צוקינפטיגע און נעכטיגע באָלשעוויקעס (אין אינריען, אונגארען, דייטשלאנד א. א. וו.), האנדעלט די בורזשואזיע אזוי, ווי עס האָבען געהאנדעלט די קלאסען, וועלכע זיינען פון דער געשיכטע געווען פאראורטיילט צום אונטערגאנג. די קאמוניסטען מוזען וויסען, אז די צוקונפט געהערט יעדענפאלס צו זיי, און דאריבער קענען זיי

פאראייניגען די גרויסע רעוואלוציאָנערע קעמפע מיט דער קאלטבלוטיגסטער און ניכטערער איבערלעגענהייט, באַטראכטענדיג די צורייצטע בורזשואזיע, וועלכע ווארפט זיך ווי א פאר׳סם׳טע הין און הער. די רוסישע רעוואלוציע איז אין 1905 גרויזאם געשלאָגען געווארען. די רוסישע באָלשעוויקעס זיינען אין יוני 1917 געשלאָגען געווארען, דייטשע קאָמוניסטען זיינען איבער 15,000 דער׳הרג׳ט געווארען דורך א געשיקטער פראוואקאציע און א קונציגען מאַנעווער פון שיידעמאן־נאָסקע צוזאמען מיט דער בורזשואזיע און די מאָנארכיסטישע גענעראלען. אין פינלאנד און אונגארן בושעוועט נאָך דער ווייסער טעראָר. אבער אין אלע פעלע גנב׳עט זיך דער קאמוניזם אריין און וואקסט אין אלע לענדער. ער האָט געלאָזען אזעלכע טיפע ווארצלען, אז די פארפאָלגונגען קענען איהם ניט אפשוואכען, נאר פארקערט, קרעפטיגען איהם גאָר.

כדי מיר זאלען געהן פעסטער און זיכערער צום זיעג פעהלט אונז נאָר איין זאך: אז אלע קאָמוניסטען אין אלע לענדער זאלען דורכגעדרונגען ווערען מיט דעם גוט דורכגעטראכטען באוואוסטזיין אין דער נויטווענדיגקייט פון א גרעסערער בויגזאמקייט אין זייער טאַקטיק. אָט דער באַוואוסטזיין און די קונסט אנצואווענדען דעם דאזיגען באַוואוסטזיין אין דער פראקטיק פעהלט איצט דעם וואוּנדערבאר שטארק וואקסענדען קאמוניזם, הויפטזעכליך אין די פאָרטגעשריטענע לענדער.

דאס, וואס עס האָט געשעהן מיט אזעלכע הויכגעלערנטע מארקסיסטען און אזעלכע איבערגעבענע פיהרער פונ׳ם ערשטען אינטערנאציאָנאל, ווי קארל קאוטסקי, אָטאָ באוּר און אנדערע, וואָלט געדארפט און געמוזט דינען אלס א ניצליכע לעהרע פאר פיעלע. זיי האָבען דורכאויס איינגעזעהען די נויטווענדיגקייט אין א בויגזאמער טאַקטיק, זיי אליין האָבען געלערענט מארקס׳עס דיאלעקטיק און האָבען

נאכדעם אנדערע געלערענט (און פיעלעם פון דעם, וואס זיי האָבען אין דער הינזיכט געטאן, וועט אויך אימער פארבלייבען אַ ווערטפולער אויפטו אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראטור). זיי האָבען אבער אין דער אנווענדונג פון דער דיאלעקטיק געמאכט פעהלערען, זיי האָבען זיך ארויסגעצייגט אין דער פראקטיק פאר אזעלכע ניט דיאלעקטיקער, האָבען זיך ארויסגעוויזען פאר מענשען, וועלכע האָבען צום וועניגסטען ניט פארשטאנען, אז עס האנדעלט זיך יעצט וועגען אַ שנעלען בייטען פון פאָרמען און וועגען, אַנפילען די אַלטע פוסטע פאָרמען מיט אַ נייעם אינהאַלט. דארום דאַרף מען זייער שיקזאַל וועניגער וואָס מקנה צו זיין ווי דעם שיקזאַל פון פּלעכאנאָוו, הענדערסאן און געד. די גרונד־אורזאכע פון זייער באנקראט איז באשטאַנען אין דעם, וואס זיי האָבען זיך „פארליבט" אין אַ באשטימטע ענטוויקלונגס־פארמע פון דער ארבייטער באוועגונג און דעם סאָציאליזם, אז זיי האָבען פארגעסען זייער איינזייטיגקייט, האָבען מורה געקראָגען צו זעהן די איבערקערעניש, וועלכע איז געווארען די אונפארמיידליכע קראפט פון אביעקטיווע באדינגונגען, און האָבען ניט אויפגעהערט איבערצו'חזר'ן אַן איינפאכע, אויך אויסווענדיג אויסגעלערענטע זאך, וועלכע דוכט זיך אויפ'ן ערשטען בליק אַן אונבאַשרייטבאַר'ע ערשיינונג, אַז דריי איז מעהר ווי צוויי. אבער פּאָליטיק איז מ'הר ענליך צו אַלגעבראַ, ווי צו איינפאכע אריפמעטיקע און איז נאָך מעהר ענליך צו העכערער מאַטעמאַטיק, ווי צו דער איינפאכער אריפמעטיק. אין דער אמת'ן האבען זיך אלע אלטע פארמען פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג כאראקטעריזירט אין דער אלגעבראאישער פארמולע, וועלכע לויטעט, אז „מינוס" דריי איז מעהר ווי „מינוס" צוויי.

מען דארף דאָ דערמאָנען, אז קאָמוניסטען מאכען ניט דעם זעלביגען פעהלער, נאָר זיינען הינטערשטעליג פון אַן אנדער זייט, אדער ריכטיגער, אז דערזעלביגער פעהלער,

וועלכע די „ראדיקאלע" קאמוניסטן מאכן קען שנעלער אויסגעבעסערט און שמערצלאזער באזייטיגט ווערן. ניט נאר די „רעכטע", נאר אויך די „לינקע דאקטרינערסטווא" איז א פעלער. נאטירליך איז דער פעלער פון דער „לינקער" דאקטרינערסטווא אין דעם איצטיגן אויגנבליק ווייניגער געפערליך און ווייניגער באדייטענד, ווי די „רעכטע" דאקטרינערסטווא (ד. ה. פונ'ם סאציאל־שאוויניזם און קאוטסקיאניזם), אבער דאס איז דאך נאר דעריבער, ווייל דער „ראדיקאלער" קאמוניזם איז א גאנץ יונגע, איצט ערשט ענטשטאנענע קראנקהייט. נאר דעריבער קען די קראנקהייט אונטער געוויסע באדינגונגען לייכט געהיילט ווערן, און די דאזיגע היילונג מוז אונבאדינגט אנגעגריפן ווערן מיט מארקסיסטישער ענערגיע.

די אלטע פארמען זיינען צוריסן, ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז איהר אינהאלט — אן אנטיפראלעטארישער און רעאקציאנערער אינהאלט — האט דערגרייכט אן אומגעלומפערטע ענטוויקלונג. מיר האבן איצט, נעהמענדיג פון שטאנדפונקט פון דער ענטוויקלונג פונ'ם אינטערנאציאנאלן קאמוניזם, אזא פעסטן, אזא שטארקן, אזא מעכטיגן אינהאלט פון דער ארבייט (פאר די סאוועטמאכט, פאר די דיקטאטור פון פראלעטאריאט), אז ער קען און מוז בולט באוויזן ווערן אין יעטווידער פארמע, ווי אין דער נייער, אזוי אויך אין דער אלטער, אז ער קען זיך באנייען, זיעגן, זיך אונטערוווארפן אלע פארמען ניט נאר די נייע, נאר אויך די אלטע, ניט אום זיך איבערצובעטן מיט די אלטע פארמען, נאר אום אלע, די נייע ווי די אלטע פארמען צו מאכן צום ווערקצייג פאר דעם פולן, ענטגילטיגען, ענטשיידענעם און אונבאדינגטן זיעג פון קאמוניזם.

די קאמוניסטן מוזען אנשטרענגען אלע זייערע קרעפטען, אום צו פיהרען די ארבייטער באוועגונג און איבערהויפט די סאציאלע ענטוויקלונג אויף דעם דירעקטסטען,

גראדסטען וועג צום וועל־זיעג פון דער סאָוועטען מאַכט און צו דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. דאס איז אַן אונבאַשטרייטבארער אמת.

מען דארף אבער נאָר געהן איין קליינעם שריט ווייטער — דוכט זיך אין דערזעלבער ריכטונג — און דער אמת פאַרוואַנדעלט זיך אין א פעהלער. מען דארף נאָר זאגען, ווי עס זאגען די דייטשע און ענגלישע „ראדיקאלע" קאָמוניסטען, אז מיר אנערקענען נאר איינעם, דעם גראדען וועג, אז מיר לאָזען ניט צו קיין לאַווירען, קיינע פּשרות, קיינע קאָמפּראָמיסען, און דאס ווערט שוין א פעהלער, וועלכער איז פעהיג צו פאַרשאַפען דעם קאָמוניזם אַן ערנסטען שאָדען, און וועלכער האָט איהם שוין פאַרשאַפט אַן ערנסטען שאָדען. די רעכטע דאָקטרינערסטוואָ איז אוועק אזוי ווייט, אז זי אנערקענט נאָר די אַלטע פאָרמען, און האָט האַריבער פאַלשטענדיג באַנקראָטירט, ווייל זי האָט ניט באַמערקט דעם נייעם אינהאַלט, וועלכער ברעכט זיך דורך א וועג דורך אַלע פאָרמען, אז עס איז אונזער פליכט אלס קאָמוניסטען צו באַהערשען אַלע פאָרמען מיט דער גרעסטער שנעלקייט גאַנץ צו מאַכען איין פאָרמע דורך דער אנדערער, צוצופּאַסען אונזער פּראַקטיק יעדעס מאָל, ווען די אומשטענדען בייטען זיך, אומשטענדען, וועלכע זיינען ניט באַשאַפען געוואָרען פון אונזער קלאַס און ניט דורך אונזערע אנשטרענגונגען.

די וועלט־רעוואָלוציע ווערט געטריבען פאָרווערטס, און האָט זיך אזוי פאַרשנעלערט דורך די שרעקען, די געמיינהייטען, די שעדליכקייטען פון׳ם אימפּעריאַליסטישען וועלט־קריעג, און דורך דער פאַרצווייפלונג פון דער באַשאַפענער לאַגע, אז די דאָזיגע רעוואָלוציע ענטוויקעלט זיך מיט אזא מערקווירדיגען אימפּעט, מיט אזא וואונדערבאַרען רייכטום פון זיך בייטענדע פאָרמען; מיט אזא באַלעהרענדער, פּראַקטישער אָפּלייקענונג אין דער ברייט און אין דער טיעף פון יעדער דאָקטרינערסטוואָ, אז עס זיינען פאַראַן אַלע מעגליכקייטען צו האָפען, אז די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג וועט זיך שנעל און פאַלשטענדיג אויסהיילען פון דער קינדער קראַנקהייט פון דעם „ראַדיקאַלען" קאָמוניזם.

נאָכוואָרט.

אין דער צייט ווען דיזע בראָשורע האָט געזאָלט ארויסגע־געבען ווערען אין רוסלאַנד,—וואָס איז אויסגערויבט געוואָרען פון די אימפּעריאליסטען פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע רע־כענען זיך ניט מיט די פארשפּרעכונגען צו זייערע ארבייטער און געהען אָן אוים האס צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע מיט זייער רויבעריי און בלאָקאַדע, — איז אָנגעקומען פון אויסלאַנד נאָך מאַטעריאַל. אזוי ווי איך פּרעטענדיר ניט אין מיין בראָשורע אויף מעהר ווי צו מאכען אַלגעמיינע באַמערקונגען פון א פּובליציסט, וויל איך נאָר באַריהרען בקיצור איינינע פּונקטען:

1. די שפּאַלטונג פון די דייטשע קאָמוניסטען.

די שפּאַלטונג פון די דייטשע קאָמוניסטען איז געוואָ־רען א פאַקט. די „ראַדיקאַלען" אָדער די „פּרינציפּיעלע אָפּאָזיציע" האָבען געגרינדעט א באַזונדערע „קאָמוניסטישע ארבייטער פּאַרטיי", אלס א קאָנקורענט פון דער „קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי". אין איטאַליען וועט עס וואַרשיינליך אויך קומען צו א שפּאַלטונג — איך זאָג וואַרשיינליך, ווייל איך האָב נאָר די נומערען, וואָס האָבען מיר אויסגעפעלט (נומער 6, 7) פון דער לינקער צייטונג „איל סאָוויעט", וואו עס ווערט אָפען גערעדט וועגען דער מעגליכקייט און נויט־ווענדיגקייט פון דער שפּאַלטונג, וואו עס רעדט זיך אויך וועגען א קאָנפערענץ פון דער פראַקציע „אָבסטענציאָניס־טען" (ד. ה. פון די געגנער פון אנטייל נעמען אין פּאַרלאַ־מענט), וועלכע פראַקציע עס געהערט נאָך איצט צו דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

עס איז א סברא, אז די אפשפּאַלטונג פון די „ראַדיקאַ־לען", פון די אַנטי־פּאַרלאַמענטאַריער (צום טייל אויך אַנטי־פּאָליטיקער, געגנער פון א פּאָליטישער פּאַרטיי און פון אַר־בייטען אין די געווערקשאַפטען) וועט ווערען אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלע ערשיינונג, ענליך צו דער שפּאַלטונג פון „צענ־טער סאָציאַליסטען", לאָנגעאיסטען, „אומאָפּהענגיגע" א. אז. וו. זאָל זיין אזוי. די שפּאַלטונג איז אלע מאָל בעסער ווי די צומישטקייט, וועלכע איז נאָר א שטערונג פאַר דעם אידעאַלען, טעאָרעטישען וואַקסען, פאַר דער רייף־קייט פון דער פּאַרטיי און איהר איינשטימיגע, אמת־אָרגאַני־זירטע מיטגלידער, וואס זיינען ווירקליך גרייט צו דער דיק־טאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

די „ראַדיקאַלען" קאָנען פּרובירען און אַרבייטען אין דער פּראַקטיק אין דעם נאַציאָנאַלען און אינטערנאַציאָנאַ־לען מאַסשטאַב, זיי קאָנען זיך באַמיהען פּאָרבאַרייטען די דיק־טאַטור פון פּראָלעטאַריאַט (און זי צו פּאַרווירקליכען) אָהן א שטרענג צענטראַליזירטער פּאַרטיי, וועלכע איז באַ־הערשט פון אן אייזערנער דיסציפּלין, אָהן די מעגליכקייט־טען צו באַהערשען אלע געביטען, אלע צווייגען, אלע פאַר־שיידענע זאַרטען פון פּאָליטישער און קולטורעלער אַרבייט. די פּראַקטישע ערפאַהרונג וועט זיי באַלד קליגער מאַכען.

עס מוזען אָנגעשטרענגט ווערען אלע קרעפטען, אז דורך דער שפּאַלטונג פון די ראַדיקאַלען זאָל ניט שווער געמאַכט ווערען די צוזאַמענשמעלצונג פון אלע אַנטיילנעמער פון דער אַרבייטער באַוועגונג אין איין איינהייטליכער פּאַרטיי, וועלכע דאַרף פּאָרקומען אין דער נאָהענטער צוקונפט פון די, וואָס זיינען אויפריכטיג און געוויסענהאַפט פאַר דער סאָוועטען מאַכט און דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אין רוסלאַנד איז פאַר די באָלשעוויקעס געווען א באַזונ־דער גליק, וואָס זיי האָבען געהאַט 15 יאָהר צייט אנצופיה־רען סיסטעמאַטיש און ביז צום ענד אן אונמיטעלבאַרען וואַפען־קאַמף געגען די מענשעוויקעס (ד. ה. אָפּאָרטוניסטען

און „סאָציאַליסטען פון צענטער") און אויך געגען די לינ־קע, פאר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אין אייראָפּאַ און אמעריקא מוז די דאָזיגע ארבייט דורכגעפיהרט ווערען אין איילעניש. איניגע פּערזאָנען, באזונדערס די, וואָס ווילען שפּילען די ראָלע פון פיהרער, קאָנען (ווען זיי ווילען ניט זיין עהרליך צו דער פּראָלעטאַרישער דיסציפּלין און צו זיך גופא) זיך איינשפּאַרען און פאר א לאַנגער צייט ניט איינ־זעהן זייערע פעהלערען. אָבער די ארבייטער מאסען וועלען לייכט און שנעל, ווען דער אויגענבליק וועט רייף ווער־רען, זיך גופא און אַלע אויפריכטיגע קאָמוניסטען פאר־איניגען אין איין איינהייטליכער פּארטיי, וועלכע וועט זיין פעהיג צו פארווירקליכען דעם סאָוועטען־רעזשים און די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

2. די קאָמוניסטען און די אומאָפּהענגיגע אין דייטשלאַנד.

איך האָב אין דער בראָשורע ארויסגעזאָגט די מיינונג, אז א קאָמפּראָמיס צווישען די קאָמוניסטען און די אומ־אָפּהענגיגע איז נויטווענדיג און איז ניצליך פאר'ן קאָמו־ניזם. די אָנגעקומענע צייטונגען האָבען באשטעטיגט ביידע זאכען.

אין נומער 32 „רויטער פאָהן", אינ'ם צענטראַל־אָרגאַן פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּארטיי (ספּאַרטאַקוס־בונד) פון 26טען מערץ, 1920, געפינען מיר אן ערקלערונג פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער דאָזיגער פּארטיי וועגען דער פּראַגע פון דער „קאַפּ־ליטוויץ אַפּערע" און דער „סאָציאַליסטישער" רעגירונג. די דאָזיגע ערקלערונג איז פאָלשטענדיג ריכטיג פון פּרינציפּיעלען שטאַנדפּונקט און אויך פון פּראַקטישע שליסע וואָס ווערען דערפון געצויגען. די פּרינציפּיעלע באדינגונגען זיינען געבויט אויף דעם, וואָס עס איז ניטאָ קיין „אָביעקטיווער פּרינציפּ" פאר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין דעם איצטיגען מאָמענט, ווייל די „מעהרהייט פונ'ם שטאָדטישען פּראָלעטאַריאַט"

איז פאר די אומאפהענגיגע. דערפון איז געצווינגען געוואָ־
רען אזא שלום: פארשפרעכען א „לאָיאַלע אָפּאָזיציע"
צו דער רעגירונג, ד. ה. „אָפּזאָגען זיך" פון צוגרייטען א באַ־
וואפענטען אויפשטאַנד, פארשטעהט זיך, ווען דאָס וועט זיין
„א סאָציאַליסטישע רעגירונג, וואָס שליסט אוים אַלע קאַ־
פּיטאַליסטישע און בורזשואזע פארטייען".

אזא טאַקטיק איז אין גרונד און אָהן צווייפעל ריכ־
טיג. ווען אָבער מען זאָל זיך ניט אפשטעלען אויף ניט
וויכטיגע קליינינקייטען פון דער פארמולירונג, דאַן דארף
מען פונדעסטוועגען ניט אוועקמאכען מיט דער האנד, אז
די רעגירונגען פון די סאציאל פאררעטער דארף ניט אָנגע־
רופען ווערען א „סאָציאַליסטישע" (אין אַן אָפּיציעלער ער־
קלעהרונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי), אז עס דארף ניט
גערעדט ווערען וועגען אויסשליסען די בירגערליך־קאפּיטאַ־
ליסטישע פארטייען, ווען די שיידעמאנס און די הערען
קאוטסקי - קריספּיען זיינען קליינבירגערליך דעמאָקראטיש,
אז עס דארפען ניט געשריבען ווערען אזעלכע זאכען, ווי דער
פאראגראף 4 פון דער ערקלערונג, וועלכער לויטעט:

„פאר די ווייטערדיגע עראבערונגען פון די פּראָלעטאַ־
רישע מאסען פאר'ן קאָמוניזם איז, פון שטאַנדפּונקט פון
אנטוויקלונג פון פּראָלעטארישער דיקטאטור, אזא צו־
שטאַנד פון גוואַלדיגער וויכטיגקייט, וואו די פּאָליטישע
פרייהייט קאָן אונבאַשרענקט אויסגענוצט ווערען און וואו
די בורזשואזע דעמאָקראטיע קאָן ניט אויפטרעטען אַלס
דיקטאַטור פון קאפּיטאַל..."

אזא צושטאַנד איז אונמעגליך. די קליינבירגערליכע
פיהרער פון דעם דייטשען הענדערסאָן (שיידעמאַן) און
סנאָודען (קריספּיען) קאָנען ניט ארויסשפּרינגען פון די
ראהמען פון דער בורזשואזער דעמאָקראטיע, וועלכע קען
לויט זייער מיינונג ניט אויסקומען אָהן דער דיקטאַטור פון
קאפּיטאַל. די דאָזיגע פּרינציפּיעלע און פּראקטיש־פּאָ־
ליטישע זאכען האָט מען איבערהויפּט ניט באַדארפט אָפּטיי־

לען פון שטאַנדפּונקט צו דערגרייכען אַ פּראַקטישען רעזול־טאַט, וועלכען דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי שטרעבט צו דערגרייכען. דערצו איז גענוג צו זאָגען (ווען מען וויל זיין פּאַרלאַמענטאַריש העפ־ליך): „אַזוי לאַנג ווי די שטאַדטישע ארבייטער פּאָלגען נאָך די אומאָפּהענגיגע, קאָנען מיר, קאָמוניסטען, די דאָזיגע ארבייטער ניט שטערען איבערצוקומען זייער לעצטע קליינ־בירגערליך־דעמאָקראַטישע (ד. ה. דאָסזעלבע ווי בירגערליך־קאַפּיטאַליסטישע) אילוזיעס דורך די ערפאַהרונגען, וועלכע זיי וועלען מאַכען מיט „זייער" רעגירונג. דאָס איז גענוג צו דער באַגרינדונג פון אַ קאָמפּראָמיס, וועלכער איז אין דער אמת'ן נויטווענדיג, און מען קען באַשטעהן דאַרויף, זיך אָפּצו־זאָגען פון יעדער פּאַרזוך צו שטירצען מיט געוואַלד אַ רע־גירונג, אויף וועלכע די מעהרהייט פון די אַרבייטער לייגען גרויסע האָפענונגען. אין דער אַלטעגליכער מאַססענאַגיטאַצ־יע אָבער, וועלכע איז ניט געבונדען דורך דער אָפּיציעלער פּראָ־לעטאַרישער העפליכקייט, קאָן מען, נאַטירליך, צולייגען: זאָלען אָקאָרשט אַזעלכע קליינבירגערליכע אויסוואורפען ווי שיידעמאַן און אַזעלכע שוטים ווי קאַוטסקי־קריספּיען באַ־ווייזען אין דער ווירקליכקייט ווי זיי זיינען אַליין פאַרפיהרט און ווי שטאַרק זיי פאַרפיהרען די אַרבייטער. זייער „ריינע" רעגירונג וועט אַם „ריינסטען" דורכפיהרען די „רייניגונג" פון די „אויגעאָן שטאַלען" פון סאָציאַליזם, פון סאָציאַל דע־מאָקראַטיזם און די אַנדערע מינים פון סאָציאַל פאַרראַט".

די אמת'ע נאַטור פון די איצטיגע פיהרער פון דער „אומאָפּהענגיגער סאַציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד", פון יענע פיהרער, וועגען וועלכע עס ווערט כלומרשט געזאָגט, אַז זיי האָבען פאַרלאָרען יעדען איינפלוס און וועלכע זיינען אין דער ווירקליכקייט נאָך געפעהרליכער, ווי די אונגארישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וואָס האָבען זיך גערופען קאָמוניסטען און האָבען פאַרשפּראָכען די דיקטאַטור

פון פראלעטאריאט צו „אונטערשטיצען", האט זיך ווידער און ווידער אמאל ארויסגעוויזען אין דער צייט פון דער דייטשער קארנילאוו אפער, ד. ה. די ארונטערוואַרפונג פון די הערען קאפּ און ליטוויטץ. די קליינע אבער אינטערעסאנטע אר־טיקלען פון קארל קאוטסקי, וועלכע זיינען ערשינען אין דער „פרייהייט", דעם ארגאן פון די „אומאפּהענגיגע", דעם 30טען מערץ, 1920, אונטער דעם טיטעל „ענטשיידענדע שטונדען", און ארטור קריספיען'ס „צו דער פּאליטישער סיטואציע" (דעם 14טען אפּריל, 1920, אויך דארטען) קאנען דינען אלס אן אויסגעצייכענטע אילוסטראציע דערצו. די דאזיגע הערען קאנען אבסאלוט ניט דענקען ווי רעוואלו־ציאנערען. דאס זיינען סענטימענטאלע קליינבירגערליכע דעמאקראטען, וועלכע זיינען פאר'ן פּראלעטאריאט טויזענט־מאל געפערליכער ווען זיי שטעלען זיך ארויס אלס אנהענגער פון סאוועטען־מאכט און דער דיקטאטור פון פּראלעטאריאט, ווייל אין דער אמת'ען וועלען זיי אין יעדער שווערער און געפעהרליכער שטונדע האנדלען ווי פאררעטער, זייענדיג „אויפריכטיג" איבערצייגט, אז זיי העלפען דעם פּראלעטא־ריאט. האבען דאך די אונגארישע סאציאל דעמאקראטען, וואס האבען זיך אנגעגעבען אלס קאמוניסטען, געוואלט „העלפען דעם פּראלעטאריאט" דערמיט, וואס זיי האבען ארויסגעוויזען פייגהייט און כאראקטערלאזיגקייט, ווען זיי האבען געהאלטען די סאוועט־מאכט אין אונגארן פאר האפ־נונגסלאז און האבען אנגעפאנגען זיך צו פריינדלען און ער־נידעריגען פאר די אגענטען פון די אליאירטע קאפּיטאליסטען און זייערע הענקער.

3. טוראטי און איטאליען.

די פריהער־דערמאנטע נומערען פון דער איטאליענישער צייטונג „איל סאוויעט" באשטעטיגען פאלשטענדיג דאס, וואס איך האב געזאגט אין דער בראשורע ווענען די פעהלערען

פון דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע דולדעט אין איהרע רייהען אַזעלכע מיטגלידער אָדער אַזאַ גרופּע פּאַרלאַמענטאַריער ווי טוראַטי און קאָמפּ. דאָס איז נאָך מעהר באַשטעטיגט פון אַן אומפּאַרטייאישען עדות, דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער ענגלישער ליבעראַל-בורזשואַ-זער צייטונג „דהי מאַנטשעסטער גאַרדיען", וועלכער פּאַרעפּענטליכט אין דעם נומער פון 12טען מערץ, 1920, זיין אינטערוויו מיט טוראַטי:

„. . . סיניאָר טוראַטי — שרייבט דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענט, — דענקט, אַז די רעוואָלוציאָנערע געפאַהר איז ניט אַזוי גרויס אין איטאַליען, עס זאָל אַרויסרופען אומנויטיגע שרעק. די מאַקסימאַליסטען שפּילען זיך נאָר מיט דעם פייער פון דער סאָוועטען-טעאָריע, אום אויפצוהאַלטען די מאַסען וואָך און אין אַן אויפגערעגטער שטימונג. די דאָזיגע טעאָריעס זיינען ריינע באָבע-מעשיות, און אונרייפע פּראָגראַמען, וועלכע טויגען ניט פאַר'ן פּראַקטישען געברויך. זיי זיינען נאָר גוט אויפצוהאַלטען די מאַסען אין אַן אויפגערעגטען צושטאַנד. די זעלביגע מענשען, וועלכע געברויכען דאָס פאַר אַ מיטעל אַריינצונאַרען און פאַרבלענדען די פּראָלעטאַריער, געפינען פאַר נויטיג טעגליך צו קעמפען פאַר קליינע, אָפט אומבאַדייטענדע עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען, אום אָפּצולעגען דעם מאָמענט אויף שפּעטער, ווען דער אַרבייטער קלאַס וועט פאַרלירען דעם גלויבען אין זיינע אילוזיעס און אין די ליבלינגס-טעאָריעס. דערפון נעמט זיך אַ גאַנצע רייהע פון סטרייקס, קליינע און גרויסע, אונטער אַלע אויסריידען, ביז די סטרייקס פון פּאָסט און אייזענבאַהן-אַרבייטער, וועלכע מאַכען שוין די אַזוי אויך שווערע לאַגע פון לאַנד נאָך שווערער. דאָס לאַנד איז צוליב די שווערע אַדריאַטישע פּראָבלעמען זעהר צורודערט און געדריקט, ווי אויך צוליב דעם אויסלענדישען חוב און דער פאַרפּלייצונג מיט פּאַפּיר-געלט, און דאָך זעהט דאָס לאַנד נאָך לאַנג ניט איין די נויטווענדיגקייט, זיך צוצופּאַסען צו יענער אַרבייטס-

דיסציפּלין, וועלכע וואלט געווען אימשטאנד ווידער איינ־
צושטעלען אָרדנונג און וואוילשטאנד..."

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אז דער ענגלישער קאָרעס־
פּאָנדענט האָט ארויסגעפּלוידערט דעם אמת, וועלכער איז,
ווארשיינליך, באפוצט און באדעקט געווען פון טוראטי גופא
און פון זיינע בורזשואזע פארטיידיגער, עצה ־ געבער און
מיטהעלפער. דער דאָזיגער אמת איז, אז די אידעען און
די פּאָליטישע ארבייט פון די הערן טוראטי, טראַוועסטא, מא־
דיגליאַני, לוגאָני און קאָמפּ. זיינען ווירקליך פון דעם זארט,
און גראדע פון דעם זאָרט ווי דער ענגלישער קאָרעספּאָנ־
דענט האָט דאָס געשילדערט. דאָס איז פון אָנפאנג ביז צום
ענדע סאציאַל־פאררעט.

עס איז אזוי סימפּטאָמאטיש, די דאָזיגע פארטיידיגונג
פון „אָרדנונג און דיסציפּלין" פאר ארבייטער, וואס געפינען
זיך אין שקלאפעריי, פאר ארבייטער, וואס שקלאפען אום רייך
צו מאכען די קאפּיטאַליסטען! און ווי באקאנט זיינען אונז,
רוסען, די דאָזיגע מענשעוויסטישע רעדעס! און וואס איז
שוין ווערט צוצוגעבען, אז די ארבייטער זיינען פ א ר די
סאָוועטען! ווי נאריש און ווי בירגערליך געמיין איז די
אומפעהיגקייט צו באגרייפען די רעוואָלוציאָנערע וויכטיג־
קייט פון דער סטרייק־כוואליע, וועלכע וואקסט אוים מיט
אמאָל. יא, יא, דער ענגלישער קאָרעספּאָנדענט פון דער
ליבעראַל בורזשואזער צייטונג האָט ארויסגעצייגט א שלעכ־
טען דינסט צו די הערען טוראטי און קאָמפּ., און האָט אין
דערזעלבער צייט באשטעטיגט די ריכטיגקייט פון דער פא־
דערונג פון גענאָסע באָרדיגא און זיינע פריינד פון דער צייי־
טונג „איל סאָוויעט", אז די איטאַליענישע סאציאַליסטישע
פארטיי, ווען זי וויל אין דער ווירקליכקייט זיין פאר'ן 3טען
אינטערנאציאָנאַל, דארף זי די הערען טוראטי און קאָמפּ.
מיט שאנדע און חרפה פארטרייבען פון דער פארטיי און
זי דארף ווערען א קאָמוניסטישע פארטיי ניט נאָר אין ווער־
טער, נאָר אויך אין טאטען.

4. פאלשע שליסע געצויגען פון ריכטיגע אויסגאנגס־פונקטען.

אָבער גענאָסע באָרדיגאַ און זיינע „ראַדיקאַלע״ פריינד ציהען פון זייער ריכטיגער קריטיק איבער הערען טוראַטי און קאָ. דעם פאלשען שלום, אז י ע ד ע באטייליגונג אין פארלאמענט איז איבערהויפּט שעדליך די איטאַליענישע „ראַדיקאַלען״ זיינען ניט אימשטאַנדע צו ברענגען אפילו די מינדעסטע ערנסטע באווייזע צו אונטערשטיצען די דאָזיגע אַנזיכט. זיי ווייסען ניט אָדער זיי מאַכען זיך ניט וויסענדיג וועגען די אינטערנאציאָנאַלע פעלע פון ווירקליך רעוואָלוציאָנערער און קאָמוניסטישער אויסנוצונג פון בורזשואַזע פארלאמענטאַרישען, נאָר אאויף יעדען געביט; אָהן לאנגער, דויערהאפטער ארבייט קען ניט אָנגעווענדעט ווערען די דאָזיגע מעטאָדע, דער צוועק פון וועלכער איז אָנצוהאלטען און ענטוויקלען אלץ, וואס איז גוט אין דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאל, און דאָך פאלשטענדיג ברעכען מיט די טראדיציעס פון דעם דאָזיגען אינטערנאציאָנאל.

דאָ טאַקע ליגט זייער הויפּט טעות. דער קאָמוניזם מוז איינפיהרען די דאָזיגע נייע מעטאָדע ניט בלויז אויפ׳ן פארלאמענטאַרישען, נאָר אויף יעדען געביט; אָהן לאנגער, דויערהאפטער ארבייט קען ניט אָנגעווענדעט ווערען די דאָזיגע מעטאָדע, דער צוועק פון וועלכער איז אָנצוהאלטען און ענטוויקלען אלץ, וואס איז גוט אין דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאל, און דאָך פאלשטענדיג ברעכען מיט די טראדיציעס פון דעם דאָזיגען אינטערנאַציאָנאל.

לאָמיר נעהמען אַלס ביישפּיל די פּרעסע. צייטונגען, בראָשורען, פּראָקלאמאציעס פיהרען דורך די נויטווענדיגע ארבייט פון פּראָפּאַגאַנדאַ, אַגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע. אָהן דעם זשורנאַליסטישען אַפּאַראַט קען ניט אָנגעפיהרט ווערען קיין איינציגע מאַסען־באוועגונג אין אַ מעהר אָדער ווייניגער ציוויליזירטער מדינה. און קיינע ארויסטרעטונגען געגען די „פיהרער״ און קיינע מינים פארשפּרעכונגען און נדרים צו פאַרהיטען די ריינקייט פון די מאַסען געגען דעם איינפלוס פון די פיהרער קען ניט באזייטיגען די בורזשואַז־

דעמאָקראַטישע אומגעבונג און אַטמאָספּערע פון פּריוואַט־אייגענטום, אין וועלכער די דאָזיגע ארבייט ווערט דורכגע־פיהרט אין דער צייט פון קאַפּיטאַליזם. זאָגאַר צוויי און אַ האַלב יאָהר נאָכדעם ווי די בורזשואַזיע איז אראָפּגעזעצט געוואָרען און די פּאָליטישע מאַכט איז ערֿאָבערט פון פּראָ־לעטאַריאַט, זעהען מיר נאָך אַלץ ארום אונז די דאָזיגע אַטמאָ־ספּערע פון בורזשואַז־דעמאָקראַטישע באַציהונגען צווישען די מאַסען (פּויערים און האַנדווערקער) אין באַצוג צו פּרי־וואַט־אייגענטום.

פּאַרלאַמענטאַריזם איז איין פאָרמע פון ארבייט און זשורנאַליזם אַ צווייטע. ביידע קענען און דאַרפען זיין קאָ־מוניסטיש, ווען די טעטיגע ארבייטער אין יעדען געביט זיי־נען ווירקליך קאָמוניסטען, זיינען ווירקליך מיטגלידער פון דער פּראָלעטאַרשער מאַסען־פּאַרטיי. און פונדעסטוועגען זיינען אין דער ערשטער ווי אין דער צווייטער — איבער־הויפּט אין יעדען געביט פון ארבייט אונטער קאַפּיטאַ־ליזם און ביים איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם אונמעגליך אויסצומיידען יענע שוועריגקייטען, יענע אייגענ־ארטיגע אויפגאַבען, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט מוז מנצח זיין און מוז דאָס לייזען מיט דער ענטשלאָסענהייט אויס־צונוצען פאַר זיינע אייגענע צוועקען די בורזשואַז־געשטימטע פּרעסע און פּאָליטיק אום צו באַזיגען די בורזשואַז אינטע־לעקטועלע פאַראורטיילע און איינפלוסע, כדי אָפּצושוואַכען דעם ענדגילטיגען און פאָלשטענדיגען איבערגאַנג פון דער קליינבירגערליכער אַטמאָספּערע.

האָבען מיר דען ניט געזעהן אין אַלע לענדער פאַר דעם קריג פון 1914—1918 אַן אויסערגעוועהנליכע צאָהל ביי־שפּילע פון „עקסטרימע" אַנאַרכיסטען, פון סינדיקאַליסטען און אנדערע, וואָס האָבען פאַרדאַמט דעם פּאַרלאַמענטאַריזם און די סאָציאַליסטען־פּאַרלאַמענטאַריער, וועלכע זיינען שפּעטער איבערגעגאַנגען צום מיטעל־קלאַס, פּאַרוואָרפענדיג זיי, אַז צוליב אַ קאַריערע געהען זיי אין פּאַרלאַמענט, און

זיי גופא האָבען דורכגעמאכט דעם זעלבען מין פון א בורזשואזער קאריערע דורך דער פרעסע און דורך סינדיקא־ליסטישער טרייד יוניאָן טעטיגקייט? עס איז גענוג צו נעה־מען אין פראנקרייך אלס ביישפיל די הערדען זשוהאָ און מערהיים, וועלכע זיינען אזוי טיפיש.

אָט פארוואס דאָס „אָפּזאָגען" זיך פון נעהמען אן אנטייל אינ'ם פארלאמענטאריזם איז פשוט א קינדער־שפּיל. זיי דענקען צו „לייזען" דורך אזא „לייכטער" און „איינפאכער" מעטאָדע די שווערע אויפגאבען פון קאמף געגען די בור־זשואז־דעמאָקראטישע איינפלוסע אין די ארבייטער יוניאָנס „גופא", אין דער צייט וואָס זיי אנטלויפען אין דער ווירק־ליכקייט פון זייער אייגענעם שאָטען, פארמאכענדיג די אויגען אויף די שוועריגקייטען און שטעלענדיג זיך צופרידען מיט פוסטע רייד — א מיאוס'ער קאריעריזם, א בורזשואזער שטייגער זיך צו באנוצען מיט פארלאמענטארישער אקטיווי־טעט, וועלכע דריקט זיך אוים אין א שרייענדער, רעפארמיס־טישער, אומנוציגער, קליינבירגערליכער רוטינע — דאָס אלץ זיינען אָהן צווייפעל די געוועהנליכע און שטענדיגע כאראק־טעריסטישע שטריכען, וואָס דער קאפּיטאליזם ווייזט א ו־מ ע ט ו ם ארוים, ניט נאָר פון אויסווענינ נאָר אפילו אין דער ארבייטער־באוועגונג גופא. אָבער די דאָזיגע קאפּיטא־ליסטישע און בורזשואזע אטמאָספערע, וועלכע פארשווינדט זעהר לאנגזאם זאָגאר נאָכדעם ווי מען האָט אראָפּגעזעצט די בורזשואזיע, צוליב דעם פאקט, וואָס די קליין־בורזשואזיע וואקסט פון דאָס ניי ארוים פון דעם פויערטום; דער דאָ־זיגער קאפּיטאליזם איז מסוגל צו פארשפּרייטען ארום זיך אזא בורזשואזע אטמאָספערע אין כמעט יעדען געביט פון ארבייט און אין לעבען, ווי אויך א בורזשואזען קאריעריזם אין וועלכער עס איז פאָרם, און א נאציאָנאלען שאָוויניזם און א בורזשואזען בליק אויף דער זאך א. אז. וו.

פאר זיך זעלבסט, ליבע באָיקאָטיסטען און אנטי־מילי־טאריסטען, שיינט איהר צו זיין „שרעקליך רעוואָלוציאָנער".

אין דער ווירקליכקייט אָבער שרעקט איהר זיך אָפּ פאר די פארהעלטניסמעסיג קליינע שוועריגקייטען פונ׳ם קאַמף געגען בורזשואזע איינפלוסע אין דער ארבייטער באוועגונג גופא, אין דער צייט ווען אייער זיג, ד. ה. דאָס אראָפּזעצען פון דער בורזשואזיע און דעם פראָלעטאַריאַט׳ס פארכאַפּען פון דער פּאָליטישער מאַכט, באשאַפען אין דער ווירקליכקייט די דאָזיגע שוועריגקייטען אין א פיל גרעסערער מאָס. פונדעסטוועגען האָט איהר זיך ווי קינדער דערשראָקען פאר א שוועריגקייט, וואָס שטעהט אייך פאַר גלייך איצט, ניט פארשטעהענדיג, אז מאָרגען און איבערמאָרגען וועט איהר זיין געצוואונגען דורכצומאַכען די זעלבע שוועריגקייטען אין א פיל גרעסערען מאַסשטאַב.

אונטער דער סאָוועטען־מאַכט וועלעןביידע פארטייען, אונזערע און אייערע, פארשוואומען ווערען דורך א וואַקסענדער צאָהל בורזשואַזער אינטעליגענץ. זיי וועלען אריינדרינגען אין די סאָוועטען, אין די געריכטען און אויף יעדען געביט פון אַדמיניסטראַציע, ווייל נאָך אַלעמען, קען מען דעם קאָמוניזם ניט אַנדערש אויפבויען ווי מיט דעם מענשען־מאַטעריאַל, וועלכען דער קאַפּיטאַליזם האָט באַשאַפען, און אזוי ווי מ׳קען די בורזשואזע אינטעליגענץ ניט אויסשליסען אָדער פארניכטען, מוז מען זי דארום באזיגען, איבעראַנדערשען, אויפ׳ס־ניי ערציהען, אויסבילדען — דאָס זעלבע ווי עס איז נויטיג איבערצואַנדערשען אין דעם פראָצעס פון א לאַנגען קאַמף דעם פּראָלעטאַריאַט גופא אויף דעם פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. דעם פּראָלעטאַריאַט איז שווער מיט א מאָל, ווי דורך א נס, אָפּצוזאָגען זיך פון זיינע אייגענע קליינבירגערליכע פּאַראורטיילע; דאָס קען ניט דערגרייכט ווערען ניט דורך א באַפעהל פון גאָט אליין, ניט דורך א לאָזונג, א רעזאָלוציע אָדער א דעקרעט, נאָר בלויז דורך א שווערען און לאַנגען מאַסען־קאַמף געגען דעם קליינבירגערליכען איינפלוס. די זעלבע פּראָבלעמען, וועלכע די

אנטי־פארלאמענטאריער פארדרוקען אן א זייט מיט אזא שטאלץ, אזוי קינדיש פון זיך, מיט איין מאך מיט דער האנד — די זעלבע אויפגאבען שווימען ארויף אונטער דער סאוועטען־מאכט אין די סאוועטען גופא, אין דער סאוועט־אדמיניסטראציע מיט די „סאוועטען־רעכט באשיצער". (עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען, אז מיר האבען אין רוסלאנד אפגעשאפט די בורזשואזע אדוואקאטען, אבער זיי לעבען צוריק אויף אונטער דעם אויסרייד פון פארהיטען די „סאוועטען־געזעצען"). מיט די סאוועט אינזשענערען, סאוועט־לעהרער און מיט די פריווילעגירטע, ד. ה. די בעסער־געשולטע און בעסער־צוגעפאסטע א ר ב י י ט ע ר, אין די סאוועט־פאבריקען, באמערקען מיר א שטענדיגען אויפלעבען פון די א ל ע נעגאטיווע שטריכען, וועלכע זיינען אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם בורזשואזען פארלאמענטאריזם. נאר דורך א לאנגען, שטענדיגען, הארטנעקיגען קאמף פון פראלעטארישער ארגאניזאציע און דיסציפלין קען ביסלעכווייז באקעמפט ווערען דער דאזיגער איבעל.

עס איז נאטירליך „שווער" צו באזיגען די בורזשואזע געוואוינהייטען אין דער אייגענער פארטיי, ד. ה. אין דער ארבייטער־פארטיי אונטער דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע. עס איז „שווער" אויסצושליסען פון דער פארטיי די פארלאמענטארישע פיהרער, וועלכע זיינען געוועהנליך האפנונגסלאז פארדארבען דורך בורזשואזע פאראורטיילע; עס איז „שווער" צו אונטערווארפען אונטער דער פראלעטארישער דיסציפלין די אבסאלוט נויטיגע, אויב אפילו א באגרענעצטע צאהל פון בורזשואזער אינטעליגענץ. עס איז „שווער" צו פארמירען אין בורזשואזען פארלאמענט א קאמוניסטישע פראקציע, וועלכע זאל זיין דורכאויס ווירדיג דעם ארבייטער קלאס; עס איז „שווער" צו דערגרייכען, אז די קאמוניסטען־פראלעטאריער זאלען ניט אזוי ווי די בורזשואזיע צורייבען די צייט אין גאר נישט, נאר זאלען דורכפיהרען די דרינגענדע ארבייט פון אגיטאציע,

פראפאגאנדע און ארגאניזאציע. דאס אלעס איז „שווער"; אין דעם צווייפעלט גאר קיינער ניט. דאס איז געווען א שווערע זאך אין רוסלאנד און איז נאך א שווערערע זאך אין מערב אייראפא און אמעריקא, וואו די בורזשואזיע איז פיל שטארקער און וואו די בורזשואזע דעמאקראטישע טראדיציעס זיינען באדייטענד שטארקער.

אבער די אלע „שוועריגקייטען" זיינען שפילצייג אין פארגלייך מיט די זעלבע מינים פראבלעמען, וועלכע דער פראלעטאריאט וועט אונבאדינגט זיין געצוואונגען צו לייזען, צוליב דעם זיג פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע, סאי אין דער צייט, ווען זי ברעכט אויס, און אויך נאכדעם ווי די רעגירונגס־מאכט וועט שוין ליגען אין זיינע הענד. אין פארגלייך מיט דיזעווירקליך גיגאנטישע פראבלעמען, ווען אין דעם פעריאד פון פראלעטארישער דיקטאטור וועט ווערען נויטווענדיג איבערצואנדערשען מיליאנען פויערים און קליינבירגער, הונדערטער טויזענדער אנגעשטעלטע, באאמטע און בורזשואזע אינטעליגענטען; ווען עס וועט נויטווענדיג ווערען אלעס צו אונטערוואַרפען דעם פראלעטארישען שטאאט און פראלעטארישער פיהרערשאפט, צו אונטערדריקען און באזיגען אין זיי די בורזשואזע געוואוינהייטען און טראדיציעס — אין פארגלייך מיט די דאזיגע גיגאנטישע פראבלעמען דוכט זיך אויס א ווירקליך לייכטע זאך איינצופיהרען אונטער דער בורזשואזער דיקטאטור, אין דעם בורזשואזען פארלאמענט א ווירקליך פראלעטארישע פארטיי.

ווען אונזערע „ראדיקאלע" און אנטי־פארלאמענטארישע גענאסען וועלען זיך ניט אויסלערנען איצט ווי צו מנצח זיין די דאזיגע קליינע שוועריגקייטען, דאן קען מען מיט זיכערהייט זאגען, אז זיי וועלען ענטוועדער ניט זיין אימשטאנד אונטערצואווארפען אונטער זייער הערשאפט די בורזשואזע אינטעליגענטען און בורזשואזע אינסטיטוציעס, אדער זיי וועלען דאס אלעס זעהר שנעל זיך מוזען אויסלערנען, און דורך דער איילעניש וועלען זיי ברענגען א גרוי־

סען שאדען דער פּראָלעטאַרישער זאַך, וועלען מאַכען מעהר פעהלער וויפיל עס איז נויטיג און וועלען ארויסווייזען מעהר שוואַכקייט און אונפעהיגקייט ווי געוועהנליך א. אז. וו.

אזוי לאַנג ווי די בורזשואַזיע איז נאָך ניט אַראָפּגע־זעצט, און אַזוי לאַנג ווי די קליין־פּראָדוקציע פון סחורות איז נאָך ניט פארשוואונדען, וועט די בורזשואַזע אַטמאָ־ספערע, די געוואוינהייט צו ליבען פּריוואט אייגענטום און די טראַדיציעס פון מיטעל־קלאַס אינוועניג און אויס־וועניג שאַדען דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג ניט נאָר אין דער אַטמאָספערע פון פאַרלאַמענטאַרישער טעטיגקייט, נאָר אויך אונפארמיידליך אויף אַלע און יעדען געביט פון סאָ־ציאַלער טעטיגקייט אָהן אן אויסנאהם, אויף אלע פּאָליטישע און קולטורעלע געביטען.

זעהר א גרויסער פעהלער, פאר וועלכען מען וועט דאר־פען טייער באצאָהלען, איז די פּראָבע זיך אָפּצוזאָגען פון א י נ ע ם פון די „אונאנגענעמע“ אויפגאבען אָדער שוועריגקייטען אין א געווישען ארבייטס־געביט. מען מוז לערנען זיך אויסלערנען צו באהערשען און אומעטום באזיגען אַלע שוועריגקייטען, אַלע בורזשואַזע געוואוינהייטען, טראדיציעס און זיך אויסלערנען צו באהערשען און אומעטום באזיגען אלע און מעטאָדען. צו באַהאַנדלען די דאָזיגע פראגע אנדערש הייסט די זאַך ניט נעהמען ערנסט, איז איינפאך א קינ־דעריי.